STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07472

DI VELT DERTSEYLT

Mordekhai Lipson

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די וועלט דערציילט

מעשה׳לאך און ווערטלאך
איינפאלן און המצאות
מדות און הנהגות
פון אנשי־שם
ביי אידן

געקליבן און איבערדערציילט פון
מ. ליפסאן

צווייטער בּרך

פארלאג „דורות“
ניו־יארק — תרפ״ט

Copyright 1928, by M. Lipson, New York, N. Y.

געזעצט און געדרוקט אין „אָריאָם פּרעס“, 54 קאַנאַל סטריט, ניו־יאָרק, נ. י.

ביי אונז, אידן, און ביי זיי, ביניהם, להבדיל.......... 5
פּאַר ארץ־ישראל.......... 12
אַז משיח וועט קומען.......... 17
פּאַר מלכים און שרים.......... 17
אין די טעג פון השכלה.......... 27
חסידים און מתנגדים.......... 38
אפּיקורסים און משומדים.......... 45
אין קהל־שטוב.......... 48
אַף רבנות.......... 52
צום רב.......... 66
אַף דער בימה.......... 80
פּאַרן עמוד.......... 87
אין די געצעלטן פון תורה.......... 90
אין טלית־און־תפילין.......... 100
די וועגן פון עבודה.......... 103
אמונה און בטחון.......... 111
די וועלט און יענע וועלט.......... 112
ביים רבי'ן.......... 115
צווישן בערג.......... 126
מיט דער פען אין האַנט.......... 133
צווישן מענטש און מענטש.......... 141
צדקה און גמילות־חסדים.......... 149
אַן אורח צום טיש.......... 154
ענייוות און סבלנות.......... 155
ערלאַכקייט און תמימות.......... 158
אָרים און רייך.......... 161
אַף שמחות.......... 162
מאַן און ווייב.......... 163
קליין און גרויס.......... 172
דער ליבער שבת־קודש.......... 174
די דאַזיקע נאַכט פון פּסח.......... 178
בין המצרים.......... 180
אין די פּאָרכטיקע טעג.......... 184

אין דער רשימה פון די, וואָס האָבן געהאָלפן מיט מאַטעריאַל און פאַר־דינען אַ האַרציקן דאַנק, קומען צו:

י. ל. אַבראַש; א. ב. אויערבאַך; ה. אייזנשטאַט; א. ב. באַלאָשער, קאָוונע; הרב ש. באַסקין; י. גינזבורג; ש. זאַלצמאַן; האדמו״ר ש. טווערסקי; מ. טלית, תל־אָביב; הרב ש. יאַלאָוו; י. לעוונשטיין; ח. ד. מאַנטל; ש. ב. מאַקסימאַן; א. ר. מלאכי; ל. סלאַווין; ל. סקלאַר; י. עליזעט; פ. מאַרגאָלין, בערלין; נ. נאָוויק; י. ש. פורת; א. פוטעראַנסקי; י. קאַבאַקער; מ. ראז; מ. שוואַרצ־בערג; ק. נ. שפר.

אַ פולע רשימה פון אַלע נעמען, וואָס ווערן דערמאָנט אין בוך, וועט קומען אין די ווייטערדיקע כרכים.

אין די ווייטערדיקע כרכים וועט אויך קומען אַ ביבליאָגראַפישע רשימה.

אין ערשטן כרך, ז. 195, זיינען די ערשטע 5 שורות פאַרווענדט. זיי לייענען זיך אַזוי:

— ס׳איז טאַקע אַ גנבת־החעת, אַ נאַרעריי, אָבער דאָס גופא איז אַ קונץ. דאַרף ר׳ הערש־לייב באַצאָלן.

— אַ טעות, רבותי! — שמייכלט ר׳ יאָשע־בער. — אייער פסק איז נישט ריכטיק. מיין בעל־דין איז גערעכט. זיין אַ גונב־דעת ביי ר׳ הערש־לייבן איז גאָר קיין קונץ נישט...

ביי אונז אידן, און ביי זיי, ביניהם, להבדיל

591

מ׳האט אמאל געפרעגט דעם מהר״ל מפראג:

— רבי, פארוואס זאל׳ן היינט נישט טארן טרינקען קיין גוי׳שן וויין? די גאנצע גזרה איז דאך געווען „משום בנותיהם" — א איד זאל זיך מיט זיי נישט מתחתן זיין, אז היינט איז׳ס פארבאטן מצד מלוכה.

— אדרבה, — ענטפערט דער מהר״ל, — היינט איז די גזרה נאך שטארקער. מחמת היינט אז ס׳וועט קומען צו חיתון, וועט זיך דער איד שמד׳ן...

592

א טייטשישער כומר האט זיך אמאל מתוכח געווען מיט משה מענדלסאן אין ענינים פון אמונה.

— אז איר גלויבט — זאגט דער כומר — אין טאטן, טא גלויבט שוין אין זון אויך. די וועלט פירט זיך, אז אן עושר׳ס א זון גלויבט׳ן אזויווי דעם טאטן.

— יא, — מאכט מענדלסאן, — אבער נישט אזא זון, וואס דער טאטע זיינער וועט אייביק לעבן...

593

ר׳ זלמן פויזנער, הגם ער איז געווען אן אדיר, א אידישער פריץ, האט ער זיך פונדעסטוועגן געקליידט פשוט און אלטמאדיש, ווי מ׳איז געגאנגען אין יענע יארן. א סויבעלן שטריימל האט ער געטראגן, איז׳ס געווען זייער א טייערס, געקאסט א מטמון מיט געלט.

האט א פוילישער פריץ, איינער פון זיינע באקאנטע, אים אמאל פירגעהאלטן:

— זע, — זאגט ער, — מלבושים טראגסטו גאנץ פשוט׳ע און וואל־וועלע און א שטריימל אפן קאפ אזא טייערס?

— כ׳וועל דיר זאגן, הראביע, — ענטפערט אים ר׳ זלמן. — ביי אייך איז דער גוף דער עיקר, קליידט איר אים אין די טייערסטע מלבושים. דער קאפ איז ביי אייך נישט אזוי חשוב, לאזט איר אים הויל. ביי אונז, אידן, איז פארקערט. דער גוף איז ביי אונז נישט אזוי טייער, טוען מיר אים אן וואס ס׳איז, אבי א מלבוש. דער קאפ אבער איז ביי אונז דער עיקר, באקליידן מיר אים פון שענסטן און בעסטן...

594

בעת ר׳ זלמן פויזנער האָט געוואוינט אַפן גוט זיינעם אין קוכאַר, האָט ער געוואָלט איינפירן ביי אידן ערד־ארבעט. האָט ער גענומען עט־לאָכע אידישע משפחות, זיי באַזעצט ביי אים אַפן גוט, געגעבן זיי חלקים ערד און זיי געמאַכט פאַר פויערים.

איז ער אַמאָל מיט ר׳ יהושע׳לע קוטנער ארוים אַפן פעלד, זען ווי אידישע פויערים ארבעטן. ס׳איז געווען אַקער־צייט. פון איין זייט האָבן גוים געאַקערט זייערע פעלדער, פון דער אַנדערער זייט האָבן אידן געאַקערט.

— זעט, — זאָגט ר׳ זלמן — גוים אַקערן און אידן, להבדיל, אַקערן. די זיינען מתפלל און די זיינען מתפלל. די גוים זיינען מתפלל אַף אַ גוט גערעטעניש: ס׳זאָל גיין רעגן אין צייט און אין מאָס, די תבואה זאָל אויפ־גיין, דער שניט זאָל זיך איינגעבן, דער שייער זאָל זיין אַ פולער וכדומה. וואָס זיינען אידן מתפלל? איטלאַכער בעט פאַר זיך: רבונו־של־עולם, שיק מיר צו אונטערן אַקער עפּעס אַ געפונענעם אוצר, כ׳זאָל פּטור ווערן פון אַזאַ מחיה בזויה...

595

בעת ר׳ יהושע העלער איז געווען רב אין פּאַלאַנגען, האָט ער גע־שמ׳ט אין דער גאַנצער סביבה מיט זיין גרויס צידקות און חכמה. פון די ארומיקע שטעטלאַך און ישובים פלעגט׳ן קומען צו אים, ווער — מיט אַ שאלה, ווער — מיט אַ דין־תורה און ווער — מיט אַ שווער, ביטער האַרץ, זיך שואל־עצה זיין אין פּרנסה, אין משפּחה־ענינים. ר׳ יהושע פלעגט אַלעמען ענטפערן, טרייסטן מיט אַ גוט וואָרט, העלפן מיט אַ קלוגע עצה און אין אַ נויט — אויך מיט געלט.

איינמאָל, בין כסא לעשור, צווישן ראש־השנה און יום־כפור, פאַלט אַריין צו ר׳ יהושע׳ן אַ ישוב׳ניק מיט זיינס אַ מיידל און וויינט זיך פאַנאַנדער:

— רבי, ראַטעוועט!

— וואָסי? — פרעגט אים ר׳ יהושע.

— אַט די טאָכטער מיינע — ווייזט אָן דער ישוב׳ניק אַפן מיידל — האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ, אַז נישט אַנדערש זי מוז זיך שמד׳ן און חתונה האָבן פאַר אַ שגץ. וואָס מיר צע׳טענה׳ן מיט איר, איז ווי פלעווע אַפן וואַנט. רעד היינט, רעד מאָרגן — זי האַלט זיך ביי אירס. אַ קליפּה, רחמנא ליצלן. אדרבה, רבי, רעדט איר מיט איר, זאָל זי אונז נישט פאַרשוואַרצן די אויגן. מיינע איז שוין קראַנק פון צרות. מיר וועלן עס נישט אויסהאַלטן.

ביי אונז אידן, און ביי זיי, ביניהם, להבדיל

— זאָג־זשע מיר, טאַכטערקע, — פרעגט ר׳ יהושע דעם מיידל — ווילסט טאַקע חתונה האָבן דוקא פאַר אַ שגץ? קאַרג בחורים זיינען דאָ ביי אידן? און צוליב אַ בחור דאַרפ׳ן זיך שמד׳ן?

—ניין, רבי, — ענפערט ס׳מיידל האַפּערדיק — כ׳וויל מיך שמד׳ן פשוט מחמת די גוי׳שע אמונה געפעלט מיר בעסער ווי די אידישע.

— אַזוי גאָר? — מאַכט ר׳ יהושע — טשיקאַווע צו וויסן מיט וואָס?

— רבי, — זאָגט ווייטער ס׳מיידל — כ׳האָב מיך געהאָדעוועט אַפן ישוב, צווישן גוים, זיך צוגעקוקט ווי זיי לעבן, האָב איך איינגעזען, אַז אַ גוי האָט אי די וועלט, אי יענע וועלט און אַ איד ווערט פאַרוואָגלט פון ביידע וועלטן. אַ גוי מעג עסן אַלץ, איז תמיד פריילאַך, האָט הנאה פון דער וועלט. דער גלח איז מכפּר אַלע עבירות און זאָגט נאָך צו עולם הבא, אייביקן גן־עדן. וואָס־זשע זע איך ביי אונז אין שטוב? טאַטע־מאַמע זיינען פרום, היטן אָפּ אידישקייט. ווערן פאַרשוואַרצט, וויסן נישט פון קיין לעבן. און אַז זיי פאָרן אין שטאָט אַף ימים־נוראים, קומען זיי פאַראומערטע, פאַר׳דאגה׳טע. זיי האָבן געהערט דעם רב אין שול, שרעקן זיי זיך, צי זיי האָבן נישט פאַרשפּילט זייער עולם־הבא. ביני לביני האָבן זיי נישט ביידע וועלטן.

— כ׳וועל דיר זאָגן, — ענטפערט איר ר׳ יהושע. — דו ווייסט דאָך, מסתמא, אַז יצחק אָבינו האָט געהאַט צוויי זין: יעקב און עשו. פון יעקב׳ן קומען אַרויס די אידן, פון עשו׳ן — די גוים, להבדיל. האָט יצחק ביידע וועלטן איינגעטיילט צווישן ביידע קינדער. עשו׳ן האָט ער געגעבן ד י וועלט און יעקב׳ן — י ע נ ע וועלט. און אַזוי האָבן זיי געלאָזן בירושה צו זייערע קינדער. הייסט פאַרשטייי־זשע, אַז גוים זאָלן וויסן, אַז זיי וועלן קיין עולם־הבא נישט האָבן, וועט דאָך זיי ד י וועלט נישט איינגיין. האָט דער רבונו־של־עולם אַריינגעגעבן זיי אין דער מחשבה, אַז זיי זאָלן זיין ביי זיך זיכער, אַז זיי וועלן האָבן עולם־הבא. נעמען זיי אָפּ זייערס אַף דער וועלט און בלייבן אָן אַ ברעקל עולם־הבא. מיט אידן איז אָבער אַנדערש. יעטווידער איד האָט אַ חלק לעולם הבא. אָבער, אַז אַ איד וועט זיין זיכער מיט זיין עולם־הבא, וועט ער דאָך הנאה האָבן אַף ד ע ר וועלט, האָט דער רבונו־של־עולם געמאַכט, אַז אַ איד זאָל תמיד זאָרגן, טאָמער פאַרשפּילט ער זיין חלק לעולם הבא. באַקומט אים נישט ד י וועלט און דער גאַנצער שכר זיינער בלייבט אַף י ע נ ע ר וועלט...

596

אידישע געלערנטע אין רוסלאַנד האָבן אַמאָל געוואָלט איבערזעצן ש״ס אַף רוסיש. זיינען זיי געקומען צו ר׳ יצחק־אלחנן, ער זאָל אַף דעם מסכים זיין. האָט ר׳ יצחק־אלחנן נישט מסכים געווען.

די וועלט דערציילט

— סטייטש, רבי, — הויבן זיי אָן איינ׳טענה׳ן מיט אים — איר ווייסט׳אך וואויל, אַז די צורריי־ישראל, די אַנטיסעמיטן, ריידן אויס כל דבר אסור אַפֿן תלמוד, מאַכן כל־ערליי בלבולים. אַז מיר וועלן אָפּדרוקן דעם תלמוד אַף זייער לשון, וועלן אַלע זייערע בלבולים צעגיין ווי אַ רויך. אדרבה, זיי וועלן אַליין זען, ווי שיין און ווי טיף אונזער תלמוד איז.

— כ׳וועל אייך — זאָגט ר׳ יצחק־אלחנן — דערציילן אַ מעשה:

אין אַ קליין שטעטל איז געווען אַ רב, אַ גדול בתורה און אַ שטילער מענטש. ער איז זיך געזעסן און געלערנט און געפירט ס׳רבנות. אין אַ גרויסע שטאָט, לעבן אים, איז געזעסן אַ רב, אַ גאון, נאָר אַ גרויסער מבטל. האָט ער פון דעם שטעטלשן רב נישט געהאַלטן, געזאָגט אַף אים, אַז ער קען נישט לערנען, איז אַן עם־הארץ, קען נישט פּסק׳נען קיין שאלה וכדומה.

איינמאָל איז דער גרויסשטעטישער רב געקומען אין שטעטל. וויל ער גיין געוואויר ווערן דעם היגן רב. מרא דאתרא. שיקט ער אים פרעגן, ווען קען ער קומען צו אים. לאָזט אים דער היגער רב זאָגן, אַז ער איז אַ גרויסער טרוד און דערצו איז ער נאָך אַ מענטש אַ חלוש — בקיצור, ער האָט פאַרלייגט במה תרוצים, אַז דער גרויסשטעטישער רב זאָל צו אים נישט קומען.

אַז יענער איז אַוועקגעפאָרן, פרעגן די מקורבים דעם היגן רב:

— רבי, פאַרוואָס האָט איר נישט געוואָלט, אַז יענער רב זאָל קומען צו אייך?

— די מעשה איז אַזוי, — זאָגט דער רב. — יענער איז אַ גרויסער מבטל, רעדט אַף מיר אונטער די אויגן, זאָגט אַז כ׳קען נישט לערנען. איז כל־זמן מיר האָבן זיך נישט געזען, קען אַמאָל אים איינער זאָגן: רבי, איר קענט יענעם רב? איר האָט אַמאָל געשמועסט מיט אים אין לערנען? אָבער אַז מיר וועלן זיך באַקענען און מיר וועלן שמועסן אין לערנען און ער וועט מיך אַלץ מבטל זיין, וועט׳אך אים קיינער גאָרנישט קענען ענטפערן...

— ס׳אייגענע — פירט אויס ר׳ יצחק־אלחנן — איז מכח אונזער ענין. איצט, אַז די צוררי ישראל ריידן רשעות אַפֿן תלמוד, קען מען זיי, לפּחות, ענטפערן: איר קענט תלמוד? איר ווייסט וואָס דאָרטן שטייט? אָבער, אַז איר וועט זיי געבן דעם תלמוד אין זייער לשון און זיי וועלן דאָך, בלתי ספק, ווייטער ריידן רשעות און מאַכן בלבולים — וואָס וועט׳ן זיי דעמאָלט ענטפערן? קומט דאָך אויס, אַז מיר אַליין וועלן זיי געבן כלי־זיין אין האַנט...

597

בימי ניקאָלאַי דער צווייטער האָט דער מיניסטער פּלעווע פאַרופן קיין פּעטערבורג אַן אסיפה פון די גרעסטע רבנים מכח דעם מצב פון אידן אין רוסלאַנד. די ראשי־המדברים מצד די רבנים זיינען געווען: ר׳ יצחק־אלחנן, ר׳ חיים בריסקער און ר׳ אליה־חיים לאָדזשער. פּלעווע, דער צורר־היהודים, האָט, כדרך הטבע, מלמד־חוב געווען אַף אידן, אויפ־געוויזן, כלומר׳שט, אַז אידן האָבן כל־ערליי מדות רעות, זיינען נידערי־קער ווי די אומות־העולם, להבדיל.

— זעט, — זאָגט אַמאָל פּלעווע אין אַ שמועס מיט די רבנים — אין רוסלאַנד זיינען פאַראַן כמה אומות: רוסן, פּאָליאַקן, לעטן, אידן. ביי קיין אומה ולשון וועט איר נישט זען, אַז איינער זאָל דעם אַנדערן ארויסרייסן ס׳ביסן ברויט פון מויל. שניידער, שוסטער, קרעמער לעבן בשלום איינע מיט די אַנדערע און אַלע האָבן פּרנסה. און ביי אידן וואָלט איינער דעם אַנדערן אין אַ לעפל וואַסער דערטרונקען. מאַכט זיך אַ איד אַ בעקעריי — איז באַלד אַנטקעגן אים דאָ אַ צווייטע; עפנט אַ איד אַ געוועלב — איז באַלד אין דער אייגענער גאַס דאָ אַ צענדליק געוועלבן און אַלע רייסן זיך אַרום פאַר אַ גראָשן פאַרדינסט.

— כ׳וועל דיר זאָגן, אדוני המיניסטער. — רופט זיך אָפּ ר׳ אליה־חיים — די טבע פון בעלי־חיים איז, אַז קיין בעל־חי עסט נישט זיין מין. אַ לייב פאַרצוקט נישט קיין לייב, אַ וואָלף פרעסט נישט קיין וואָלף. אין מין בעל־חי איז פאַראַן, וואָס שלינגט איינער דעם אַנדערן — פיש. פאַרוואָס־זשע? איז דער תירוץ אַ פּשוט׳ער. אַלע בעלי־חיים האָבן פאַר זיך אָפן די גאַנצע וועלט, קענען אומעטום קריגן זייער חיונה. פיש זיינען איינגעשפּאַרט אין וואַסער. ארויסגיין אַף דער יבשה טאָרן זיי נישט, ס׳שמעקט מיטן טויט. שלינגען זיי פון הונגער איינע די אַנדערע.

— ס׳אייגענע — פירט אויס ר׳ אליה־חיים — איז מיט אידן. פאַר גוים איז אָפן גאַנץ רוסלאַנד, פון קאַווקאַז ביז סיביר, געפינען זיי אומעטום זייער פּרנסה. אידן האָט מלוכה איינגעשפּאַרט אין אַ תחום, חוץ׳ן תחום טאָרן זיי נישט וואוינען, טאָרן נישט האַנדלען. וואָס זאָלן זיי, נעבאַך, טאָן? שלינגען זיי איינע די אַנדערע...

598

אין פראַנקרייך איז אַמאָל געשטאָרבן אַ גרויסער מיניסטער. זיי־נען אַלע געהויבענע שרים, מיטן פּרעזידענט בראש, געגאַנגען צו דער לויה. ר׳ צדוק כהן, דער רב־הכולל אין מלכות פראַנקרייך, איז אויך געגאַנגען צו דער לויה, מחמת ער איז געווען חשוב ביי מלוכה.

אפן וועג צום גוי׳שן בית־עולם איז די לויה דורכגעגאנגען דעם אידישן בית־עולם. איז ר׳ צדוק געגאנגען ארום און ארום, מחמת ער איז געווען א כהן, ביז ער איז צוגעקומען צום גוי׳שן בית־עולם און געשטאנען ביי דער קבורה.

— פארוואס, מסיו ראבען, — פרעגט אים דער פרעזידענט — האסטו אויסגעמיטן דעם אידישן בית־עולם?

— כ׳בין —״ ענטפערט ר׳ צדוק — א כהן און ביי אידן טאר א כהן נישט גיין אפן בית־עולם.

— פאר וואס — פרעגט ער אים ווייטער — ביזטו אפן גוי׳שן בית־עולם יא געגאנגען? זיינען גוים קיין מענטשן נישט?

— כ׳וועל דיר זאגן, אדוני הפרעזידענט, — ענטפערט ר׳ צדוק — אייער יעזוס האט געזאגט, אז ער וועט נישט שטארבן און אלע וואס גלויבן אין אים שטארבן נישט. זיינען זייערע קברים נישט מטמא. אונזער משה האט געזאגט, אז ער וועט שטארבן, און איז געשטארבן. מיר, אידן, שטארבן אלע. זיינען אידישע קברים מטמא...

599

דער גרויסער אידישער מוזיק־מייסטער, מאיר בעער, וואס זיינע אפערעס זיינען מפורסם אין גאר דער וועלט, האט זיך אמאל געטראפן מיטן גרויסן אידישן הומאריסט מאריץ סאפיר.

שמועסנדיק, פרעגט אים מאיר בעער:

— ווי געפעלן אייך עפעס מיינע אפערעס?

— כ׳וועל אייך זאגן דעם אמת, — ענטפערט סאפיר — קיין גרויסער מבין אף נגינה בין איך נישט. נאר די שפאסיקסטע אפערע אייערע איז „די הוגענאטן“.

— די שפאסיקסטע? — חידוש׳ט זיך מאיר בעער.

— יא, אודאי, — מאכט סאפיר — גוים קוילענען איינע די אנדערע און א איד מאכט צו דעם מוזיק...

600

אין ווין איז געווען א כומר, קלינקשטראם, א רשע מרושע און א שונא־ישראל. האט ער זיך געלאזט מאכן א באלעמער אין מיטן מארק און ער פלעגט שטיין און גיסן פעך און שוועבל אף אידן.

אז אהרן יעלינעק, דער ווינער פריידיקער, איז דערהערט געוואויר געווארן, האט ער אנגעהויבן גיין הערן דעם כומר. און תיכף ווי דער כומר פלעגט פארטיק ווערן מיט דער דרשה זיינער, פלעגט יעלינעק ארויפגיין

נאָך אים אפֿן באַלעמער און אויפֿווייזן, אַז דער כומר ווייסט נישט וואָס ער רעדט, אַז אַלע בלבולים, וואָס ער מאַכט אױף אידן, זיינען כזב ושקר.

איינמאָל שטייט דער כומר און דרש׳נט, אַז אידן זיינען גנבים. והא ראיה: אין מצרים האָבן אידן אַנגענומען גאָלד און זילבער און אַנטלאָפֿן.

— און די גוים — רופֿט זיך אָפּ יעלינעק — האָבן ביי אונז אידן גע־גנב׳עט שטיקער פֿון אונזער תורה, וואָס איז טייערער ווי גאָלד און זילבער...

601

יעקב אייכנבוים, דער ראש פֿון דער זשיטאָמירער ראַבינער־שולע, האָט אַמאָל פֿאַרהערט די תלמידים אין לשון־קודש שרייבן. האָט איינער אַ תלמיד געשריבן ס׳וואָרט „גוי" אָן אַ יוד, „גו".

— גוי איינער, — שמייכלט אייכנבוים — ווייסטו נישט, אַז אַ גוי קען זיך נישט באַגיין אָן אַ י ו ד?...

602

יהושע שטיינבערג, דער ראש פֿון ווילנער לערער־אינסטיטוט, איז אַמאָל געזעסן מיט איינעם פֿון די לערער און געשמועסט. דער לערער איז געווען אַ גוי און אַ שונא־ישראל.

שמועסנדיק איז צו רייד געקומען מכח די אויסלענדישע צייטונגען.

— אַלע צייטונגען אין אויסלאַנד — בייזערט זיך דער גוי — זיינען פֿאַראידישט.

דערפֿאַר, הפֿנים, — שמייכלט שטיינבערג — קומען זיי אָן באַשני־טענע... *

603

באַראָן שמעון־וואָלף ראָטשילד, דער פֿראַנקפֿורטער, איז, כידוע, גע־ווען אַ גרויסער ירא־שמים, אָפּגעהיט אידישקייט מיט אַלע פּרטים און געווען אַ מהדר אין מצוות.

איינמאָל האָט ער אַראָפּגעבראַכט פֿון רוסלאַנד אַ סופֿר, ער זאָל אים שרייבן תפֿילין, מזוזות און חמש מגילות.

אַז דער סופֿר איז פֿאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט, איז ער גע־קומען צו ראָטשילדן אָפּנעמען זיין לוין.

— האָט איר — פֿרעגט אים ראָטשילד — פֿאַר דער צייט עפּעס גע־נומען אין קאַנטאָר עד לחשבון?

* אין רוסלאַנד איז געווען אַ האַרבע צענזור אויף אויסלענדישע צייטונ־גען. גאַנצע שטיקער פֿלעגן אויסגעשניטן ווערן.

— יאָ, — ענטפערט דער סופר און נעמט אַרויס אַ ביכעלע און הויבט אָן לייענען: אין חודש אַפּריל—כך וכך; אין חודש מאַי—כך וכך.

— אַזוי? — חידוש׳ט זיך ראָטשילד — איר האָט אויך אַ קאָנטאָר און מוזט פירן אייערע חשבונות אויף די גוי׳ישע חדשים און נישט אויף די אידישע סדרות?...

ראָטשילד האָט דעם סופר באַצאָלט זיין לוין און אים געהייסן מיטנעמען מיט זיך אַלץ וואָס ער האָט פאַר אים געשריבן...

604

מ׳האָט אַמאָל געפרעגט דעם גרויסן אידישן פילאָסאָף הערמאַן כהן:

— ווי מיינט איר, הער פּראָפעסער, איז טאַקע שעקספּיר געווען אַ איד? *

— פאַר מיר — שמייכלט הערמאַן כהן — קלעקט, אַז ישעיה הנביא איז געווען אַ איד...

פאַר ארץ ישראל

605

ר׳ ברוך מעזשיבוזשער האָט ליב געהאַט ארץ־ישראל אהבת־נפש און האָט אַ סך פועל געווען צו פאַרגרעסערן דעם ישוב.

אין יענע יאָרן איז נאָך ארץ־ישראל געווען חרב און מוחרב. דער אידישער ישוב איז געווען קליין און אָרים. אשכנזים זיינען געווען בלויז עטלעכע „פּרושים". אַ נסיעה קיין ארץ־ישראל האָט געדויערט חדשים און האָט געשמעקט מיט סכנת־נפשות.

ר׳ ברוך האָט געוואָלט פאַרגרעסערן דעם ישוב פון חסידים אין ארץ־ישראל, האָט ער אַהין געשיקט ר׳ וועלוול זבאַרזשער. נאָך אַ שווערע נסיעה פון כמה חדשים איז ר׳ וועלוול אָנגעקומען קיין ארץ־ישראל און זיך באַזעצט אין טבריה.

ס׳גייט אַוועק אַ יאָר, צוויי יאָר — מ׳הערט גאָרנישט פון ר׳ וועלוולען. קיין פּאָטשט איז נישט געווען. מענטשן זיינען זייער זעלטן געפאָרן. האָט ר׳ ברוך געשיקט קיין ארץ־ישראל ר׳ יעקב־שמשונ׳ען, דעם שעפּיטיווקער רב, זען וואָסי מיט ר׳ וועלוולען.

* כידוע, ווילן טייל האַלטן, אַז דער גרויסער ענגלישער שרייבער שטאַמט פון אידן.

מיט גרויס מסירות־נפש האָט זיך דער שעפּעטיוועקער רב דערשלאָגן קיין עכו און פון דאָרט איז ער, רייטנדיק אַף אַן אייזל, געקומען קיין טבריה. אַז ער איז צוגעקומען צום חצר, וואו ר׳ וועלוול האָט געוואוינט, זעט ער ווי די רבי׳צן, ר׳ וועלוול׳ס ווייב, זיצט אין דרויסן מיט נאָך אידינעס און וואַשט גרעט. האָט ער געהייסן דעם אייזל־טרייבער תיכּף פאַרקירעווען צוריק קיין עכו. ער קען נישט צוזען דעם צער פון צדיקים. האָט זיך ר׳ וועלוול׳ס ווייב אויפגעהויבן און אים געזאָגט:

— זייט וויסן, רבי, אַז די גרעט איז נישט אונזערע, נאָר פרעמדע. דאָ איז ארץ־ישראל און מיר נעמען פאַרליב ס׳לײדן...

האָט זיך דער שעפּעטיוועקער רב פאַנאַנדערגעוויינט, איז אַראָפּ פון אייזל און איז אַריין צו ר׳ וועלוול׳ען אין שטוב.

606

ר׳ נחמן בראַצלאַווער פלעגט זאָגן:

— ס׳גאַנצע חיות מיינע האָב איך פון די טעג, וואָס כ׳בין געווען אין ארץ־ישראל...

607

ר׳ מרדכי בויסקער האָט האַלט געהאַט צו שמועסן מכּח ארץ־ישראל, ווי גוט און וואויל ס׳וועט זיין אין יענע טעג, בעת אידן וועלן זיך אומקערן אין הייליקן לאַנד און זיצן ווי אַמאָל איש תחת גפנו ואיש תחת תאנתו.

— רבי, — פרעגט אים אַמאָל איינער — ווי וועט זיין מיט קרבנות? וועט׳ן טאַקע מקריב זיין רינדער און שעפּסן, גאָר ווי אַמאָליקע יאָרן? היתכן?

— אַי, ר׳ איד, — קרעכצט ר׳ מרדכי — ווען איר זאָלט וויסן וויפיל דאגות ס׳זיינען פאַראַן ביז מיר׳ן דערלעבן יענע שעה, וואָלט איר פאַרשטאַנען, אַז מ׳קען די דאגה לאָזן אַף שפּעטער...

608

ר׳ יאָשע־בער בריסקער האָט נישט געהאַלטן פון די „חובבי ציון“ און איז געשטאַנען פון ווייטן.

— סטייטש, רבי, — האָט׳ן אים אַמאָל געפרעגט — אַזאַ הייליקער רעיון, ישוב ארץ־ישראל?

— כ׳וועל אייך — זאָגט ר׳ יאָשע־בער — דערציילן אַ מעשה:

אַ ישוב׳ניק איז אַמאָל געקומען אין שטאָט אַף יום־כּפּור. האָט ער געדאַוונט אין אַ בית־מדרש. נאָך שחרית שיקט ער דעם זון זיינעם זען

וואו מ׳האלט אין דער גרויסער שול. קומט דער זון אין שול צו עליות־פארקויפן. זעט ער, א איד שטייט אף דער בימה און שרייט: איין גילדיין אום שלישי; צוויי גילדיין אום שלישי. קוקט ער אן. ער האט׳ס קיינמאל נישט געזען. קומט ער צוריק צום טאטן.

— נו, — פרעגט אים דער טאטע — וואס טוט׳ן אין שול?

— מ׳טוט גארנישט, — זאגט דער זון בתמימות — מ׳הערט נאר: איין גילדיין, צוויי גילדיין...

*

609

נאכן ערשטן ציוניסטישן קאנגרעס האט ר׳ שמואל מאליווער, ביאליסטאקער רב, פארופן קיין ביאליסטאק אן אסיפה פון די ציונים־טישע מורשים. זיינען זיך אלע צונויפגעפארן. די אסיפה איז טאקע גע־ווען ביי ר׳ שמואל׳ן, אין בית־הרב.

עפנט ר׳ שמואל די אסיפה, איז מקבל פנים די אורחים מיט א ברכה און זאגט:

— רבותי, צוויי זאכן פארלאנג איך פון אייך: זיצן אין די היטלען און ריידן א י ד י ש.

צווישן די אורחים איז געווען א היפשע צאל, וואס זייער לשון איז געווען רוסיש. אידיש האבן זיי גערעדט זייער שלעכט. זיינען זיי גע־בליבן זיצן אפהענטיק.

הויבט זיך אוף איינער פון זיי, דר. כהן־בערנשטיין, און זאגט צו ר׳ שמואל׳ן אין א גע׳ניזוק׳טן אידיש:

— רבי, אייער בקשה, מיר זאלן זיצן אין היטלען, מיר וועלן טאן אזוי. כאטיא עס איז אביסל שווער. אבער ריידן אידיש קענען מיר נישט. מיר וועלן פראסטא (פשוט) נישט קענען ארויסזאגן וואס מיר ווילן. אויב עמיצער אין דער סאבראניע (אסיפה) פארשטייט נישט קיין רוסיש, טא זאל מען אוועקזעצן א פערעוואדטשיק (אן איבערזעצער).

— ניין, — זאגט ר׳ שמואל — כ׳האב אייך אלעמען געבעטן צו ריידן אידיש, נישט מחמת מ׳פארשטייט דא נישט קיין רוסיש, נאר לטובת הענין. איר ווייסט דאך, אז משה רבנו איז געווען א „כבד־פה“ און א „כבד־לשון“. פארוואס האט טאקע דער רבונו־של־עולם אויסגעקליבן שיקן צו פרעה׳ן א מענטשן, וואס איז שווער אפן לשון? אין פלוק, דאכט זיך, צו אזא גרויסע שליחות, פועל׳ן ביי א מלך באפרייען א פאלק, דארפ׳ן האבן א מענטשן מיט א מויל, מיט א געשליפענער צונג, ער זאל מאכן א רושם מיט זיינע רייד. די מעשה איז אבער פארקערט. וואלט געקומען צו פרעה׳ן א בעל־לשון, א מענטש א ריידער, וואלט ער פאר פרעה׳ן אוועקגעלייגט א פייערדיקע רעדע מכח פרייהייט, יושר און גערעכטי־

קיט און וואָלט אַזוי לאַנג מאריך בדרוש געווען, אַז ער וואָלט פאַרגעסן דעם עיקר — די אידישע גאולה. אַז משה איז אָבער געווען אַ „כבד־פּה" און אַ „כבד־לשון", איז ער געקומען צו פּרעה׳ן און געזאָגט איין וואָרט: „שלח את עמי", באַפרייַ אידן.

— ס׳איינגענע — פירט אויס ר׳ שמואל — איז מיט אונזער אסיפה. כ׳וויים דאָך, אַז איר זיינט, ברוך־השם, אַלע בעלי־לשון, גרויסע רעדנער. איז דאָך פּשוט אַ מורא, אַז איטלאַכער פון אייך וועט זיך פלייסן צו האַלטן אַ שענערע רעדע מכח אידן און ארץ־ישראל און מיר וועלן גאָר־נישט קומען צום עיקר פון אונזער סדר־היום. אַז איר וועט אָבער ריידן אידיש, וואָס ס׳קומט אייך אָן שווערלאַך, וועט איטלאַכער ריידן בקיצור און צום ענין...

610

בעת אליעזר בן־יהודה האָט אָנגעהויבן ריידן לשון־קודש, איז ער אַמאָל געקומען צו ר׳ שמואל מאָליווער. ר׳ שמואל, ווי זיין טבע איז געווען, האָט מקבל געווען בן־יהודה׳ן בסבר פּנים יפות, אים געבעטן זיצן. בן־יהודה הויבט אָן ריידן און דוקא אויף לשון־קודש. ר׳ שמואל הערט און כאַפּט קוים איין וואָרט פון צען. פּרוּווט אים ענטפערן — קלייעט זיך נישט די צונג. אין יענע יאָרן איז לשון־קודש ריידן געווען אַ חידוש.

אַזוי איז אַוועק אַ היפּשע ווייַלע. בן־יהודה רעדט און ר׳ שמואל שווייגט.

— הערט, יונגערמאַן, — זאָגט ר׳ שמואל — מאַכט זיך נישט נאַריש און ר ע ד ט ו ו י אַ מ ע נ ט ש...

611

ר׳ יצחק־יעקב ריינעס, לידער רב, האָט געהאַט אַ ווערטל:

— ציוניסטן זאָגן: אַ איד, וואָס איז קיין ציוניסט נישט, איז קיין איד נישט. און איך זאָג: אַ ציוניסט, וואָס איז קיין איד נישט, איז קיין ציוניסט נישט...

612

דר. יצחק דעמבאָ, וואָס האָט זיך קונה־שם געווען מיט זיין השתדלות, אַז שחיטה זאָל נישט פאַרבאָטן ווערן אין רוסלאַנד, איז געפאָרן אויפן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזל.

אַז ער איז צוריקגעקומען, פרעגט אים איינער:

— וואָס האָט איר, פאַני דאָקטער, געטאָן אויפן ציוניסטישן קאָנ־גרעס?

— כ'בין געפּאַרן —שמייכלט דעמבאַ — זיך משתדל זיין, אַז אויב ס'וועט ווערן אַ אידישע מדינה, זאָל דאָרטן שחיטה נישט פאַרבאָטן ווערן...

613

פּראָפעסער מאַנדלשטאַם האָט זיך משתדל געווען צוציען די קיעווער גבירים צום ציוניזם, זיי זאָלן געבן געלט פאַר ארץ־ישראל.

אַז מאַנדלשטאַם איז צוריקגעקומען פונם ערשטן ציוניסטישן קאָנ־גרעס, האָט ער איינגערופן אַן אסיפה פון אַלע קיעווער גבירים און נכבדים, מיט בראָדסקין בראש. אויף דער אסיפה האָט מאַנדלשטאַם זיך צעוואַרעמט מכח דעם רעיון פון ישוב ארץ־ישראל און ווי ווייט עס ליגט אַ חוב אויף די בעלי־יכולת צו העלפן בויען דאָס לאַנד.

— מיינט איר, הער פּראָפעסער, — כאַפּט זיך אַרויס בראָדסקי — אַז כ'זאָל פאַרקויפן מיינע גיטער און מיינע פאַבריקן און זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל?

— חלילה, — שמייכלט מאַנדלשטאַם — ליגט איר דען קראַנק אין אַלע שפּיטאָלן, וואָס איר העלפט מיט אייער געלט?...

614

נפתלי־הערץ אימבער, דער מחבר פון „התקוה", האָט זיך אַמאָל געטראָפן מיט גריגאָרי גרשוני, וואָס איז געשטאַנען בראש פון די בונ־טאַרן אין רוסלאַנד.

— ווי — פרעגט אימבער גרשוני'ן — געפעלט אייך עפּעס מיין „התקוה"?

— יאָ, — ענטפערט גרשוני — אַ גאַנץ שיינע זאַך — מיט אַ ביקס דערצו...

615

דער משורר חיים־נחמן ביאַליק איז אין ארץ־ישראל אַמאָל אריין צו איינעם אַ סוחר, זיך דורכשמועסן מכח אַן ענין פון מסחר. הויבט ביאַליק אָן ריידן אידיש.

— היתכן, מר ביאַליק, — האַלט אים יענער פיר — א י ר זאָלט נישט ריידן קיין לשון־קודש?

— נו, — מאַכט ביאַליק — אויב איר האָט צ י י ט, וועלן מיר ריידן לשון־קודש...

אַז משיח וועט קומען

616

ר׳ מענדל וויטעבסקער איז געווען אַ גוואַלטיקער מאמין אין ביאת־המשיח. ער האָט ממש אַלע טאָג זיך געריכט אױף משיח׳ן, געוואַרט איט־לאַך רגע, אַז אָט־אָט וועט זיך הערן דער שופר של משיח.

פאַרן שלאָף פלעגט ער אָוועקשטעלן לעבן זיך אַ מענטשן, אַז ווי ער וועט הערן שופר של משיח, זאָל ער אים תיכף אויפוועקן.

617

ר׳ נפתלי ראָפּשיצער האָט זיך משדך געווען מיטן סטאָבניצער. אַז דער ראָפּשיצער איז געקומען אױף דער חתונה, איז דער סטאָבניצער אים אַנטקעגן געגאַנגען מיט אַ פּלעשל בראָנפן.

— מחותן לעב, — זאָגט ער צו ר׳ נפתלי׳ן — אַז משיח צדקנו וועט קומען, וועלן מיר אים אַנטקעגן גיין מיט אַ פּלעשל בראָנפן; זאָל ער זען, מיט וואָס מיר האָבן אונז מחיה געווען אינם ביטערן גלות.

— ניין, — מאַכט ר׳ נפתלי — מיר וועלן אים אַנטקעגן גיין מיט אַזאַ רבי׳ן ווי איך; זאָל ער זען, מיט וועמען מיר האָבן אונז מחיה געווען אינם ביטערן גלות...

618

ר׳ זלמן פּויזנער, וואָס איז געווען אַ איד אַן עושר, איז אַמאָל גע־פאָרן אין דער שיינער קאַטש זיינער מיטן פיר־שפּענער. מיט אים אין קאַטש איז געזעסן אַ איד אַ חסיד. זיינען שקצים זיי נאָכגעלאָפן און געשריען „זשיד". דער חסיד, וועלנדיק זיך צו׳חנפ׳ענען צו ר׳ זלמנ׳ען, האָט אַ טיפן קרעכץ געטאָן.

— קרעכץ נישט, — שמייכלט ר׳ זלמן. — אַז משיח וועט קומען און זיי וועלן זיין ביי אונז אין גלות, וועלן זיי פאָרן אין אַזעלכע קאַטשן, און מיר וועלן נאָכלויפן...

פאַר מלכים און שרים

619

אַ מיניסטער, אַ שונא־ישראל, האָט אַמאָל געזאָגט צו ר׳ יונתן פּרע־גער:

— איר, אידן, זיינט גרויסע בעלי־גאוה. אייערע עלטערן האָבן גע־ריטן אױף אייזלען. משיח אייערער וועט קומען צו רייטן אױף אַן אייזל. און היינטיקע צייטן פאָרן אידן אױף פערד.

— וואס זאלן מיר טאן? — מאכט ר׳ יונתן — אז די אייזלעז זיינען היינטיקע צייטן מיניסטארן...

620

פאר ר׳ יחזקאל לאנדא, דעם „נודע ביהודה״, האבן אמאל אידן אין פראג אויסגעקליבן א נייעם בירגערמייסטער, א גוי א שוטה און גישט קיין גרויסער אוהב־ישראל. אידן האבן אים געוואלט צוציען, האבן זיי לכבוד אים געמאכט א באל מיט טענץ.

— ווייזט אויס, הער ראבינער, — זאגט דער בירגערמייסטער צום „נודע ביהודה״ — אז אידן האבן ליב צו טאנצן. נאך אין אוראלטע צייטן, בעת אידן האבן געמאכט דעם גאלדענעם קאלב, האבן זיי אויך געטאנצט.

—יא, — מאכט דער „נודע ביהודה״ — אידן האבן שוין אזא טבע, ווען זיי מאכן א קאלב פאר א מנהיג, טאנצן זיי...

621

ר׳ יחזקאל לאנדא, דער „נודע ביהודה״, איז געווען א גרויסער חשוב ביים עסטרייכשן קיסר, יוסף דער ערשטער. דער קיסר האט זייער געהאלטן פון אים מחמת זיין גרוים חכמה.

אז דער „נודע ביהודה״ איז נפטר געווארן און דער זון זיינער, ר׳ שמואל, איז געווארן ממלא־מקומו, האט דער קיסר אים פארבעטן צו זיך.

שמועסנדיק, פרעגט דער קיסר ר׳ שמואל׳ן:

— זינד זי אאוך זא קלוג ווי איר זעליגער פאטער?

— פיל וויינינגער — ענטפערט ר׳ שמואל.

די תשובה איז דעם קיסר נישט געפעלן געווארן* און ער האט מיט ר׳ שמואל׳ן מער נישט גערעדט.

622

בעת ר׳ שניאור־זלמן, דער „רב״, איז געזעסן תפוס אין פעטערבורג, איז אמאל אומגעריכט געקומען צו אים אין קאמער קיסר פאוועל אליין, אים חוקר־ודורש זיין. דער קיסר איז געקומען פארשטעלט, אנגעטאן אין פשוט׳ע בגדים.

* אין דייטש קלינגט עס ווי: מיין טאטע איז געווען א קנאפער חכם און איך בין נאך א קנאפערער.

ר׳ שניאור־זלמן האט אים תיכף דערקענט, געמאכט די ברכה „שחלק מכבודו" און אין שמועס אים גערופן: אדוני הקיסר.

— פונוואנען — פרעגט אים פאוועל מיט רוגזה — ווייסטו, אז איך בין דער קיסר?

— מחמת — ענטפערט דער „רב" — תיכף ווי דו ביזט אריינגע־קומען, איז אף מיר געפאלן א פחד...

623

בעת ר׳ שניאור־זלמן, דער „רב", איז געזעסן תפוס אין פעטערבורג, האט׳ן אים גערופן צו דער קאמיסיע אף א חקירה־ודרישה.

די קאמיסיע, אלע געהויבענע שרים, מיניסטארן, זיינען געזעסן אין א גרויסן זאל, ביי א לאנגן טיש. אין מיטן זאל איז אין דיל געווען איינ־געבויט אזא מין פאסטקע. אז דער באשולדיקטער איז געגאנגען פון טיר צום טיש, איז ווי ער איז געקומען אין מיטן זאל, איז ער אריינגעפאלן ביז׳ן גארטל. דערנאך פלעגט׳ן אים שלאגן, ממית׳ן, ער זאל זיך מודה זיין.

אז ר׳ שניאור־זלמן איז אריין אין זאל, איז ער געגאנגען אן א זייט, אויסגעמיטן דעם מקום־סכנה און צוגעקומען בשלום צום טיש.

האבן זיך אלע שרים פאר׳חידוש׳ט.

— זאג מיר, ראווין, — פרעגט אים דער ראש — פונוואנען האסטו געוואוסט אויסצומיידן די פאסטקע? האט׳ן דיר פון הימל מגלה גע־ווען?

— כ׳וועל דיר זאגן, אדוני השר — ענטפערט ר׳ שניאור־זלמן — כ׳האב געכאפט מיטן אויג, אז אין מיטן זאל איז דער דיל נישט גלייך, האב איך פארשטאנען, אז עפעס איז דארטן נישט כשורה, האב איך מיך פארנומען אן א זייט...

624

די ערשטע צייט, וואס ר׳ שניאור־זלמן איז געזעסן אין פעטערבור־גער פעסטונג, האט׳ן צו אים קיינעם נישט צוגעלאזן. שפעטער האט׳ן מיט גרויס השתדלות גע׳פועל׳ט, אז מ׳זאל צו אים צולאזן דעם מקורב זיינעם, ר׳ שואל סיראטשינער.

איינמאל, בעת ר׳ שואל איז געזעסן ביים „רב" אין קאמער, איז אריינגעלאפן מיט א בהלה דער שר פון פעסטונג:

— ראווין, מיר זיינען פארפאלענע. דער קיסר אליין גייט צו דיר, ר׳ איז שוין אין הויף. וואס טו איך אצונד מיטן אידן דיינעם? וואו פארבאהאלט איך אים? און מער ווי איין טיר איז דא נישטא.

— האב קיין מורא נישט, — זאגט ר׳ שניאור זלמן. — דער קיסר וועט דעם אידן נישט זען.

די וועלט דערציילט

— וואָס וועסטו טאָן? — פרעגט אים דער שר.

— וועסט שפּעטער וויסן, — זאָגט אים ר' שניאור־זלמן. — גיי געזונטערהייט.

דער שר קוועטשט מיט די פּלייצעס און גייט אוועק.

אַז דער שר איז אַרויס, האָט ר' שניאור־זלמן געהייסן ר' שואל'ן זיך שטעלן אַפן פענסטער און האָט אַראָפּגעלאָזן איבער אים דעם פאָר־האַנג.

דער קיסר איז אַריין, איז אָפּגעזעסן מיטן „רב" עטלאָכע שעה, גע־פרעגט אים כמה וכמה שאלות און די גאַנצע צייט איז ר' שואל גע־שטאַנען אַפן פענסטער הינטערן פאָרהאַנג און האָט נישט גערירט מיט קיין אבר.

אַז דער קיסר איז אַרויס, לויפט אַריין דער שר, זעט ער ר' שואל זיצט מיטן „רב". פרעגט ער אים:

— וואו ביזטו געווען בעת דער קיסר איז דאָ געווען?

— דאָ, — ענטפערט ר' שואל.

— און ער האָט דיך נישט געזען? — פרעגט ווייטער דער שר.

— ניין, — זאָגט ר' שואל.

קוקט דער שר דאָ אַפן רב, דאָ אַף ר' שואל'ן און איז פאַר־חידוש'ט.

— נישט אַנדערש, — זאָגט ער — איינער פון אייך איז אַ מכשף.

— ניין, — מאַכט דער „רב". — אָט דאָ אַפן פענסטער, הינטערן פאָרהאַנג, איז ער געשטאַנען.

— אָן איינשטעלעניש, — חידוש'ט זיך דער שר. — וואָס וואָלסטו געטאָן, ווען דער קיסר הויבט אויף דעם פאָרהאַנג? וואָלסט דאָך געווען אַ פאַרפאַלענער.

— דער שכל איז מחייב — זאָגט דער „רב" — אַז ס'איז נישט קיין נימוס, דער קיסר זאָל אויפהויבן דעם פאָרהאַנג...

625

ר' טוביה כהן איז געווען לייב־דאָקטער ביי נאַפּאָליאָנען און ביי קיניג לודוויק דעם אַכצנטן.

האָט אַמאָל קיניג לודוויק אַכטונג געגעבן, אַז בעת דער לייב־דאָקטער גייט אַריין צו אים, פאַרנויגט ער זיך נישט פאַרן הייליקן בילד.

— פאַרוואָס — רעדט ער אים אויס — פאַרנויגסטו זיך נישט פאַרן הייליקן בילד?

— אדוני המלך, — ענטפערט טוביה — כ'האָב מיך אַמאָל פאַר־נויגט פאַר אים, האָט ער מיר נישט געענטפערט. פאַרשטייט איך, אַז ס'שטייט אים נישט אָן, אַז אַ איד זאָל אים גריסן...

626

בעת דער אסיפת־הרבנים אין פּעטערבורג, האָט דער מיניסטער פּיר־געהאַלטן ר׳ איצעלע וואָלאָזשינער:

— איר, אידן, האָט אַזאַ שנאה צום גוי, אַז איר מאַכט אַלע טאָג אַ ברכה: „שלא עשני גוי״.

— חלילה, אדוני המיניסטער, — ענטפערט ר׳ איצעלע — נישט מחמת שנאה מאַכן מיר די ברכה. והא ראיה: מיר מאַכן אַלע טאָג די ברכה: „שלא עשני אשה״ אַף אונזערע אייגענע ווייבער. און אַ איד האָט זיין ווייב אודאי נישט פיינט...

✽

627

בעת דער אסיפת־הרבנים אין פּעטערבורג, האָט ר׳ איצעלע שטאַרק נושא־חן געווען ביים מיניסטער אוואַראָוו. דער מיניסטער האָט זיך נישט געקענט אָפּלויבן פון ר׳ איצעלעס שאַרפן קאָפּ און טיפן שכל. ער פלעגט האַלט האָבן צו שמועסן מיט אים.

איינמאָל זאָגט אוואַראָוו צו ר׳ איצעלען:

— דו ווייסט, ראַווין, ווען דו וואָלסט דיין קאָפּ אריינגעטאָן אין בילדונג, נישט אין תלמוד, וואָלסטו געקענט זיין אַ מיניסטער.

— און דו, אדוני המיניסטער, — ענטפערט אים ר׳ איצעלע — ווען דו וואָלסט דיין קאָפּ אריינגעטאָן אין תלמוד, וואָלסטו געקענט זיין אַ רב...

✽

628

ר׳ דוד ביכאָווער, דער רד״ל, איז געווען אַ גאון עולם, אַ בעל מקובל און אַ גרויסער מושלם אין למודיות, געקענט עטלאַכע לשונות און גע־ווען באַ׳הבנ׳ט אין ספרי־חכמה.

איינמאָל האָבן שונאים, מחמת אַ שטאַטישן ענין, גע׳מסור׳ט ר׳ דוד׳ן, אַז ער איז אַ מורד במלכות, בונטעוועט דעם עולם קעגן מלוכה. האָט׳ן ר׳ דוד׳ן גענומען תפוס און געבראַכט קיין פּעטערבורג. דאָרטן האָט׳ן אים געשטעלט אַף אַ חקירה־ודרישה פאַר אַ קאָמיסיע פון גע־הויבענע שרים, מיניסטאָרן.

בעת דער חקירה־ודרישה האָבן די שרים אָנגעהויבן ריידן צווישן זיך פראַנצויזיש, כדי ר׳ דוד זאָל נישט פאַרשטיין. האָט זיך ר׳ דוד אָפּ־געקערט אָן אַ זייט.

— פאַרוואָס — פרעגט אים מיט כעס דער וואָס זיצט בראש — שטייסטו נישט אַף אָן אָרט?

— אדוני המיניסטער, — ענטפערט ר׳ דוד אף פראנצויזיש — כ׳האב געזען, אז איר האט אנגעהויבן ריידן פראנצויזיש, כדי איך זאל נישט פארשטיין. היות אבער איך פארשטיי יא פראנצויזיש, וואלט׳ס געווען נישט ערלאך פון מיר שטיין און זיך איינהערן. האב איך מיך אפגעקערט אן א זייט.

זיינען אלע שרים נתפעל געווארן פון אזא תמימות און אזא ער־לאבקייט.

❦

629

יוסף פערל איז געווען פון די ערשטע משכילים אין גאליציע. ער איז געווען א איד א למדן, א וואוילקענעוודיקער און א חוץ דעם — א גרויסער עושר. איז ער געווען זייער חשוב ביי מלוכה. דער עסט־רייכשער קיסר, יוסף דער צווייטער, האט פון אים שטארק געהאלטן און פלעגט ליב האבן מיט אים צו שמועסן. די גרעסטע שרים האבן פאר אים געהאט דרך־ארץ און זיך צוגעהערט צו זיינע רייד.

בעת טארנאפאל איז געלעגן אונטער מלכות רוסלאנד האט׳ן אמאל געכאפט א אידן, וואס האט געמאכט פאלש געלט, רוסישע קאפיקעס. האט׳ן אים פאר׳משפט צו עטלאכע יאר שווערע טורמע. מ׳האט אים שוין געהאט געשמידט אין קייטן און געהאלטן ביים פארשיקן.

גראד איז פערל דעמאלט געזעסן ביים גובערנאטער. האט ער א זיפץ געטאן.

— וואס זיפצסטו? — פרעגט אים דער גובערנאטער.

— ס׳נעמט ביים הארצן, — זאגט פערל — צו וואס ארימקייט קען ברייינגען א מענטשן. אט דער ארימער איד, נעבאך, וואס ווערט אצונד פארשיקט. וויפיל, א שטייגער, האט ער געקענט מאכן קופערנע קאפיקעס? לאמיר זאגן א סך — צען־טויזנט. מאכט׳ס אוים — הונ־דערט רובל. היינט: קופער, מלאכה־געלט — ווי איז׳ס נישט ווערט קיין פופציק רובל? האט דער איד איינגעשטעלט ס׳לעבן, געלעבט איטלאך רגע אין פחד און אין אימה — צוליב פופציק רובל! איז נישט רחמנות צו האבן אף אזא׳ן ארעמען מענטשן?

די דאזיקע ווערטער האבן גענומען דעם גובערנאטער און ער האט דעם אידן באפרייט.

❦

630

אין יענע יארן האט אין מלכות עסטרייך א איד נישט געטארט האלטן קיין אפטייק. האט יוסף פערל געלאזן זיין זון לערנען אפטיי־קער און האט אויסגע׳פועל׳ט ביים קיסר אליין דאס רעכט צו מעגן

האַלטן אַן אַפּטייק. אַז די זאַך איז געוואָריר געוואָרן אין קיסר׳ס הויף, איז געוואָרן אַ רעש, אַ טומל: סטייטש, אַ איד וועט זיין אַן אַפּטייקער! זיינען זיך אַלע שרים צונויפגעקומען און ס׳איז געבליבן, בעטן דעם קיסר, ער זאָל צונעמען ביי פּערלן דאָס רעכט, וואָס ער האָט אים געגעבן.

שיקט דער קיסר רופן פּערלן און זאָגט אים:

— אין הויף איז אַן איבערקערעניש. אַלע שרים זיינען אויפגעבראַכט. צונעמען ביי דיר ס׳רעכט, וואָס כ׳האָב דיר געגעבן, קען איך נישט. זיי דו אַ גוטער און זאָג זיך אַליין אָפּ. דערפאַר וועסטו ביי מיר פועל׳ן וואָס דו פאַרלאַנגסט — עד חצי המלכות.

— פאַרלאַנג איך, — זאָגט פּערל — אַז דער קיסר זאָל אָפּגעבן מיין זון די יאָרן, וואָס ער האָט געפטור׳ט אויף לערנען אַפּטייקער.

— דאָס — שמייכלט דער קיסר — קען אַ מענטש נישט געבן.

— וויבאַלד — זאָגט פּערל — אַז אַפילו דער קיסר אַליין קען נישט געבן אַ מענטשן אַלץ וואָס ער פאַלאַנגט, דאַרף ער אויך נישט אָפּנעמען וואָס ער האָט איינמאָל געגעבן.

און פּערל האָט אויסגעפירט. זיין זון איז געוואָרן אַפּטייקער.

631

בעת ר׳ שמעון סופר, קראָקער רב, איז געזעסן אין עסטרייכישן פאַרלאַמענט, האָט אַמאָל דער קיסר פאַרבעטן אַלע אָפּגעאָרדנטע צו זיך אין פאַלאַץ. איז ר׳ שמעון אויך געקומען. געווען איז׳ס שבת.

ביי דער מסיבה איז דער קיסר מכבד דעם עולם מיט ציגאַרן. פאַרויכערט איטלאַכער. ר׳ שמעון נעמט זיין ציגאַר און לייגט אַריין אין קעשענע.

— הער ראַבינער, — פרעגט אים דער קיסר — וואָרום ראוכן זי ניכט?

— אדוני הקיסר, — ענטפערט ר׳ שמעון — דעם קיסר׳ס מתנה איז ביי מיר צו טייער, כ׳זאָל זי אַוועקלאָזן מיטן רויך...

632

ר׳ לייזער טעלזער איז געווען אַ גאון־עולם און אַ פּקח גדול, אַ חכם מחוכם אין הויות־העולם. פון גאַנץ שטאָט פלעגט׳ן אים קומען פרעגן עצות אין ענינים פון מסחר, בפרט אין מלוכה־געזעצן. ר׳ לייזער האָט געוואוסט אַלע רוסישע „זאַקאָנעס" און איז געווען אַ בריה אויף קלוגע איינפאַלן. יאָרנלאַנג האָט ער געפירט די גרויסע ישיבה זיינע אין טעלז,

נישט האָבנדיק אױף דעם קיין רשות פון מלוכה. ר׳ לייזער האָט שוין געוואוסט ווי אַרומצוגיין מיט דער טעלזער פּאָליציי, זי זאָל זיך מאַכן נישט־זעענדיק.

מאַכט זיך אַמאָל אַ מעשה, אַז מ׳האָט די ישיבה געמסור׳ט. עמיצער האָט אַוועקגעשיקט אַ פּאַפּיר צום גובערנאַטער אין קאָוונע: אַזוי און אַזוי, דער אידישער ראַווין אין טעלשי האַלט אַ געהיימע ישיבה, וואו ס׳לערנען עטלאַכע הונדערט בחורים און פּאָליציי קוקט דורך די פינגער. איז אַראָפּגעקומען פון קאָוונע אַ שליח מיוחד, אַ שררה, די זאַך חוקר ודורש צו זיין. איז ער אַריין אין דער ישיבה און געטראָפן עטלאַכע הונדערט בחורים זיצן און לערנען. איז ער גלייך צוגעגאַנגען צו ר׳ לייזערן, וואָס איז געזעסן אין זיין ווינקל, אין טלית־און־תפילין. ווייזט אים ר׳ לייזער מיט דער האַנט, אַז ער קען נישט מפסיק זיין. זעצט זיך דער שררה אַוועק שרייבן אַ פּראָטאָקאָל. דערווייל גיט ר׳ לייזער אַ וואונק די ישיבה־לייט, זיי זאָלן זיך ביסלאַכווייז אָפּטראָגן. געבליבן זיינען אַ צוואַנציק.

אַז דער שררה איז פאַרטיק געוואָרן מיטן פּראָטאָקאָל, טראָגט ער צו ר׳ לייזערן אונטערשרייבן.

— טו נאָכן זאָקאָן — זאָגט אים ר׳ לייזער — און לייען מיר קודם איבער, כדי כ׳זאָל וויסן וואָס כ׳שרייב אונטער.

לייענט דער שררה, אַז ער האָט געפונען עטלאַכע הונדערט יונגעלייט.

— עטלאַכע הונדערט? — חידוש׳ט זיך ר׳ לייזער — האָסטו איבערגעציילט איידער דו האָסט געשריבן? אדרבה, צייל איבער, צי ס׳זיינען דאָ מער ווי צוואַנציק און אַזויפיל מעג זיין אין איטלאַכן בית־מדרש.

גיט דער שררה אַ קוק — די ישיבה איז ליידיק. דער אידישער ראַווין האָט אים איבערגעקליגט. האָט ער גענומען אין יד אַריין און צעריסן דעם פּראָטאָקאָל.

⁂

633

שמואל פּאָליאַקאָוו איז געווען אַ איד אַן אדיר און אַ מקורב למלכות. ער האָט אַנגענומען ביי מלוכה די גרעסטע פּאָדראַטן, געבויט באַנען און שאָסייען און געפירט געשעפטן אױף מיליאָנען. דער באַן־מיניסטער האָט פון אים זייער געהאַלטן פאַר זיין חכמה און פאַר זיין ערלאַכקייט.

איינמאָל האָט דער מיניסטער שטאַרק פאַרלויבט פּאָליאַקאָוון פאַרן קיסר, אַלכסנדר דעם צווייטן. האָט דער קיסר געזאָגט, ער וויל אים זען.

איז פאליאקאוו געקומען צום קיסר. א צען מינוט איז דער קיסר געזעסן מיט אים און געשמועסט, אים אויסגעפרעגט מכח די מלוכה־פאדראטן און ווי זיי גייען. אין מיטן פרעגט דער קיסר:

— שוין לאנג, אז דו ביזט אזא מוצלח?

גיט פאליאקאוו א קוק אפן זייגער און ענטפערט:

— בלויז צען מינוט, אדוני המלך...

634

בעת דעם גרויסן הונגער אין טיף רוסלאנד, האט דעם קיסרס משפחה געמאכט א באל אין קיסרלאכן פאלאץ, שאפן געלט פאר די הונגריקע. צום באל זיינען געווען פארבעטן אלע חשובים פון פעטערבורג, געהויבענע שרים, מיניסטארן, אדירים. שמואל פאליאקאוו איז אויך געווען פארבעטן.

כדרך הטבע, איז דער באל געווען כיד המלך. אפן בופעט האט אכטונג געגעבן די קייסערינע אליין און געלט איז געפאלן מיטן פולן האנט. איטלאכער איז צוגעגאנגען צום בופעט, עפעס גענומען און באצאלט מיט א שיינע נדבה.

אין מיטן באל גייט צו פאליאקאוו צום בופעט, נעמט א ציגאר און גיט א טשעק אף צען־טויזנט (10,000) רובל.

די קייסערינע גיט א קוק אפן סכום און גלויבט אירע אויגן נישט. קיינער פון גאנצן עולם האט אזא נדבה נישט געגעבן.

— סאמואיל סאלאמאנאוויטש, — זאגט די קייסערינע צו פאליאקאוון — איר האט אודאי געמאכט א טעות.

קלערט פאליאקאוו א ווײַלע. זאגן דער קייסערינע, ער האט נ י ש ט געמאכט קיין טעות, הייסט'אך זי איבערשפארן. זאגט ער:

— יא, מיין שולד, כ'האב געמאכט א טעות.

און נעמט דעם טשעק, שרייבט צו נאך א נול און מאכט דעם סכום אף הונדערט־טויזנט (100,000) רובל.

פון גרויס התפעלות האט די קייסערינע אליין אנגעצונדן א שוועבעלע און אים אונטערגעטראגן פארויכערן דעם ציגאר...

635

פאר אלכסנדר דעם דריטן איז אין רוסלאנד געווען א מיניסטער איגנאטיעוו, א צורר־היהודים. האט ער ארויסגעגעבן גזרות רעות אף אידן. האט'ן געשמועסט אין פעטערבורג, אז אידן, מיטן באראן גינזבורג בראש, קלייבן געלט אונטערצוקויפן איגנאטיעוון.

די וועלט דערציילט

האָט זיך איגנאַטיעוו אַמאָל געטראָפן מיט באַראָן גינזבורג.

— כ'האָב געהערט, — זאָגט ער צום באַראָן מיט אַ שמייכל — אַז איר קלייבט זיך מיר געבן געלט. וויפיל, אַ שטייגער, האָט איר בדעה מיר צו געבן?

— אדוני המיניסטער, — ענטפערט דער באַראָן. — וויפיל אידן זיינען ווערט ביי מ י ר, בין איך נישט ביכולת אייך צו געבן; וויפיל אידן זיינען ווערט ביי א י י ך, בין איך תמיד גרייט אייך צו געבן...

636

דער גרויסער אידישער געלערנטער, דר. אברהם־אליהו הרכבי, איז געוועזן זייער אַ פרומער און האָט אָפּגעהיט אידישקייט אפילו בעת ער האָט געשטודירט אין פּעטערבורגער אוניווערסיטעט.

אַז ער האָט געענדיקט דעם אוניווערסיטעט מיט אַ גאָלדענעם מע־דאַל, האָט דער בילדונגס־מיניסטער אים פאַרבעטן צום מאָלצייט, וואָס ער האָט געמאַכט פאַר אַלע שטודענטן מצוינים.

פאַרן גיין צום טיש האָט הרכבי פאַרטרויט דעם אונטערמיניסטער, דעליאַנאָוו, אַז לויטן אידישן דין וועט ער כמה מאכלים נישט טאָרן עסן. האָט אים דעליאַנאָוו געזעצט לעבן זיך און צו איטלאַך מאכל, וואָס מ'האָט דערלאַנגט צום טיש, האָט ער זיך נאָכגעפרעגט ביי די משרתים פון וואָס ס'איז געמאַכט. דער מיניסטער האָט'ס באַמערקט. נאָכן עסן פרעגט ער דעליאַנאָוון, פאַרוואָס ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אַף איטלאַך מאכל. זאָגט אים דעליאַנאָוו. הייסט דער מיניסטער צו־רופן הרכבי'ן.

— דו ווייסט, — מאַכט ער צו אים — אַז דער אויבערפּראָקוראָר פון הייליקן סינאָד קען דיך פאַרקלאָגן פאַרן בילדונגס־מיניסטער* למאי דו האָסט אים אָנגעטון אַזאַ אומ'כבוד און מבזה געווען זיינע מאכלים.

— אדרבה, — ענטפערט הרכבי — ווען איך וואָלט יאָ געגעסן, וואָס מיין אמונה פאַרבאָט, וואָלט דער בילדונגס־מיניסטער מיך גע־קענט פאַרקלאָגן פאַרן אויבערפּראָקוראָר, למאי איך פאַרשוועך מיין אמונה...

* דער בילדונגס־מיניסטער איז אויך געווען אויבער־פּראָקוראָר פון סינאָד, וואָס האָט צו זאָגן איבער ענינים פון אמונה.

אין די טעג פון השכלה

637

מ׳האט אמאל געפרעגט ר׳ הירש׳ן, בערלינער רב:

— זאגט אונז, רבי, פארוואס זיינען היינטיקע משכילים כופרים און אפיקורסים? אמאליקע יארן זיינען דאך אויך געווען משכילים, האבן געלערנט ספרי מחקר, פילוסופיה און זיינען געבליבן ערלאכע אידן.

— כ׳וועל אייך זאגן, — מאכט ר׳ הירש — אז אמאליקער משכיל, אז ער האט געלערנט מחקר און פילוסופיה, איז ער געזעסן א גאנצן טאג און געלערנט, דערגאנגען איטלאכן ענין ביזן גרונט. האט ער גע־לערנט „מורה נבוכים", האט ער געוואוסט וואס דער רמב״ם פרעגט און וואס דער רמב״ם ענטפערט. איז די אמונה געווארן ביי אים נאך שטארקער. א היינטיקער משכיל איז דאך א גאנצן טאג פארנומען. ביי־נאכט, פארן שלאף, קוקט ער אין אין „מורה נבוכים". ווערט ער קוים פארטיק מיטן רמב״ם׳ס קשיא, שלאפט ער איין. צום תירוץ קומט ער קיינמאל נישט. בלייבן אים אין קאפ בלויז קשיות...

638

משה מאנטעפיארע איז, כידוע, געווען א גרויסער ירא־שמים, האט אפגעהיט אידישקייט מיט אלע פרטים.

איינמאל איז ער געפארן אין באן. אז ס׳איז געקומען דער זמן מנחה, שטעלט זיך מאנטעפיארע דאווענען. זיצט אין וואגאן א אידישער יונגער־מאן און לאכט פון אים: אזא פאנאטישקייט, דאווענען מנחה אין באן.

אז מאנטעפיארע האט אפגעדאוונט, גייט ער צו צום יונגנמאן און פרעגט אים:

— קענט איר מיר, אפשר, טוישן הונדערט פונט?

— ניין, — זאגט יענער — כ׳האב נישט.

— האט איר, אפשר, פופציק, צוואנציק, צען?

— ניין, — זאגט אלץ יענער — כ׳האב נישט.

— דו גארנישט, איינער, — מאכט צו אים מאנטעפיארע — פאר־מאגסט אפילו קיין צען פונט נישט און מאכסט חוזק פון א אידן וואס דאוונט...

639

בעת ר׳ הירש־מלך דינעווער איז געווען רב אין ריבעטיטש, איז ער אמאל, אף א שבת, געקומען קיין ווילקאטש. אין שטעטל איז געווען

איינער, יוסף טארלע, א איד א למדן און א משכיל. מיט יארן שפּעטער איז ער געווען צענזאר אין לעמבערג.

שבת, צו קריאת־התורה, האט ר׳ הירש־מלך, ווי זיין דרך איז געווען, אליין געלייענט. די סדרה איז געווען „וישלח״. אז ער איז געקומען צום פּסוק: „על־כן לא יאכלו בני־ישראל את גיד הנשה״, האט יוסף טארלע זיך אנגערופן אף קאטאוועס:

— א מערכה דער מלאך האט נישט אנגערירט יעקב׳ן אן שפּיצ־ברוסט, א נישט וואלטן מיר קיין שפּיצברוסט נישט געטארט עסן.

האט׳ן עס דערציילט ר׳ הירש־מלכ׳ן.

— אזוי — מאכט ר׳ הירש־מלך — האט ער געזאגט? נו, מובטחני, אז ער וועט זיך כופר זיין.

אז יוסף טארלע איז געווארן געוואר, וואס ר׳ הירש־מלך האט אף אים געזאגט, איז ער אוועק קיין ראפּשיץ און פאר׳מסור׳ט ר׳ הירש־מלכ׳ן פאר ר׳ נפתלי׳ן.

— אין ריבעטיטש — זאגט ער — איז דא א רבי׳ל, וואס האלט זיך פאר א צדיק, האט ער אף׳מיר געזאגט, אז כ׳וועל מיך כופר זיין.

— נו, — שמייכלט ר׳ נפתלי — ווייסט דאך: „מצוה לשמוע דברי חכמים״...*

640

שמואל האלדהיים, דער טייטשישער רעפארם־ראבינער, איז געווען א שארפער רעפארמער, געוואלט איבערמאכן ס׳גאנצע אידישקייט.

פאר׳ן טויט איז ער קראנק געווארן אף די פיס. האט ער אמאל אף זיך אליין געזאגט:

— משמעות, אז כ׳בין צו ווייט פארגאנגען...

641

בעת האלדהיים איז געשטארבן אין בערלין, האט דער עולם זיינער אים געוואלט מקבר זיין אין א רבני׳שער שורה. האבן טייל נישט גע־לאזן. איז׳ן געקומען פרעגן דעם רב, ר׳ יעקב־יוסף עטינגער.

— באגראבט אים — זאגט ר׳ יעקב־יוסף — וואו איר ווילט אליין, אבי באגראבט אים...

642

א משכיל, א צו־להכעיס׳ניק, איז אמאל געקומען צום מלבי״ם און געזאגט:

* א מצוה צו פאלגן א תלמיד־חכם.

— רבי, כ׳האב אייך צו פרעגן א הארבע שאלה. מיר ווייסן, אז מ׳זעט א רב, דארף מען זיך שטעלן, אז מ׳זעט א כלב, דארף מען זיך זעצן. ווי טוט מען אבער אז מ׳זעט אי א רב, אי א כלב?

— קיין בפירוש׳ער דין — ענטפערט דער מלבי״ם — איז אף דעם נישטא. ס׳ווענדט זיך אן מנהג. לאמיר ביידע ארויסגיין אין מארק, וועלן מיר זען, ווי דער עולם וועט זיך נוהג זיין...

643

יוסף פערל, דער טאטע פון השכלה אין גאליציע, האט זייער שטארק גע׳רודפ׳ט חסידים. ער האט געמאכט ס׳חסידות ללעג ולקלס. אפגעלאכט פון רביים און גוטע־אידן און מסית געווען כמה חסיד׳ישע יונגעלייט זיך נעמען צו השכלה. חסידים האבן פאר אים מורא געהאט, מחמת ער איז געווען א תקיף, א מקורב למלכות, פלעגט גיין שפאצירן מיטן עסטרייכשן קיסר, יוסף דער צווייטער.

אז פערל איז געשטארבן, איז ביי חסידים געווען ששון ושמחה. אגב איז׳ס טאקע געווען שמיני־עצרת. האבן חסידים געטרונקען, גע־טאנצט און געהוליעט. פטור געווארן פון א שונא.

האט׳ן געשיקט א שליח מיוחד קיין טשארטקאוו, אנזאגן דעם רבי׳ן די פרייליכע בשורה. מ׳האט דאך אבער מורא געהאט, האט׳ן עס גע־מאכט אף אזאן אופן. מ׳האט גענומען א חומש, אויפגעמישט די סדרה „ויחי" און אריינגעשטעקט א שפילקע אין די ווערטער „וימת יוסף". דעם חומש האט׳ן מיטן שליח אוועקגעשיקט צום רבי׳ן....

644

בעת די רוסישע מלוכה, פאר ניקאלאי דעם ערשטן, האט זיך גע־נומען מרבה השכלה זיין ביי אידן, האט דער מיניסטער אוואראוו ארויס־געשיקט איבערן אידישן תחום דר. ליליענטאלן, ער זאל אויפווייזן אידן ס׳א גליק פאר זיי השכלה איז און אז מלוכה מיינט בלויז זייער טובה.

צום ערשטן איז דר. ליליענטאל אריינגעפארן אין ווילנע, וואס האט זיך גערעכנט פאר דער ערשטער אידישער קהלה — ירושלים דליטא. האט ער פארופן צו זיך די פני פון שטאט, די ראשי־קהל און אנגעהויבן איינ׳טענה׳ן מיט זיי מכח די גליקן פון השכלה און די גרויסע טובה, וואס מלוכה וויל דא טאן אידן.

הערן זיי אים אויס און שווייגן. רופט זיך אפ דער פרנס פון ווילנע, ר׳ חיים־נחמן פרנס:

— מיר איז נאָר קשה, למאי מלוכה רייסט זיך אזוי באַזאָרגן אידן מיט השכלה, איידער זי באַזאָרגט די גוים. ביי אידן זיינען כמעט אַלע יודעי־ספר און ביי גוים ווייסט דער רוב המון קיין צורת אות נישט...

645

ר׳ חיים אויערבאַך, לענטשיצער רב, איז געווען אַ שאַרפער מתנגד פון השכלה און פון די נייע איינפירונגען בכלל.

איינמאָל איז ער געקומען קיין ברעסלע. איז ער אריין געוואויר ווערן דעם רב, ר׳ גדליה טיקטין. זיצנדיק הערט ער שפּילן פון אַ צווייטן חדר.

— ווער — פרעגט ער ר׳ גדליה׳ן — שפּילט׳ס ביי אייך?

— די טאָכטער מיינע — ענטפערט ר׳ גדליה — מאַכט זיך צום נאַר מיט דער פּאַטערפּיאַן.

— ניין, — זאָגט ר׳ חיים — זי מאַכט נישט ז י ך צום נאַר, זי מאַכט א י י ך צום נאַר...

646

פאַר ר׳ אייזל חריף, בעת דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן טראָגן קורץ, איז געוואָרן אַ מאָדע, טראָגן קורצע רעק מיט אַ קעשענע הויבן.

— אַ צער צו קוקן, — קרעכצט ר׳ אייזל — ווי דער איד ווערט אַזוי קליין.

— וואָס מיינט איר, רבי? — פרעגט אים דער עולם.

— פאַרשטייט איר מיך, — מאַכט ר׳ אייזל — די וועלט זאָגט: אַ איד ביז צו דער קעשענע. אַז די קעשענע איז שוין היינט הויבן, איז דאָך דער איד, נעבאַך, אַזוי קליין...

647

ר׳ אייזל חריף איז אַמאָל געפאָרן מיט זיינעם אַ ספר. זיצט ער אין באַן מיט איינעם, אַ יונגנמאַן, אַ גלות.

— זאָגט מיר, — רופט זיך אָפּ דער יונגערמאַן צו ר׳ אייזלען — צו וואָס מאַכן רבנים אַזויפיל ספרים? וויניק אַלטע ספרים זיינען פאַראַן?

— כ׳וועל אייך זאָגן, — ענטפערט ר׳ אייזל. — איר ווייסט׳אָד, ביי אידן איז איינגעפירט, אַז ס׳פאַלט אַרויס אַ האָר פון באָרד לייגט׳ן אריין אין אַ ספר. היינטיקע ציטן זיינען נתרבה געוואָרן גלוחים, קלעקן פשוט קיין ספרים נישט...

648

ר׳ משה־יצחק, דער קעלמער מגיד, איז אמאל געקומען אין א שטאט. האט ער זיך געטראפן מיט עטלאכע יונגעלייט גלוחים.

— סטייטש, אידן, — הויבט ער זיי אן צו מוסר׳ן — ווי פועל׳ט איר׳ס ביי זיך עובר זיין פינף לאו׳ן? וואס ט׳איר זאגן אף יענער וועלט, בעת איר וועט דארפן אפגעבן דין וחשבון פארן בית־דין של מעלה?

— רבי, — רופט זיך אפ איינער, א וואוילער יונג — מיר׳ן האבן א שטארקע טענה.

— דהיינו? — פרעגט ר׳ משה־יצחק.

— מיר׳ן טענה׳ן, — זאגט יענער — ווי מיר זיינען געקומען אף דער וועלט, אזוי זיינען מיר אוועק פון דער וועלט. מיר זיינען געבוירן געווארן אן בערד און מיר זיינען געשטארבן אן בערד.

— אויב אזוי, — מאכט ר׳ משה־יצחק — דארפ׳ן אייך די ציינער אויסרייסן. איר זיינט׳אך געבוירן געווארן אן ציינער...

649

ר׳ יאשע־בער בריסקער איז אמאל געפארן אין באן מיט נאך אידן. אז ס׳איז געקומען דער זמן מנחה, האט׳ן אנגעהויבן קלייבן א מנין, דאווענען מנחה בצבור. אין וואגאן זיינען געווען צוויי יונגעלייט, קלים. מיט זיי איז גראד געווען א מנין. ווי זיי האבן געזען, אז מ׳קלייבט א מנין, זיינען זיי נעלם געווארן אין אן אנדער וואגאן. איז דער מנין בטל געווארן און ר׳ יאשע־בער מיט די עטלאכע אידן האבן געדאווענט מנחה ביחידות.

נאכן דאווענען זיינען די יונגעלייט צוריק אריין אין וואגאן און זיך געזעצט אף זייער ארט.

— איר ווייסט, רבותי, — זאגט ר׳ יאשע־בער צום עולם, די יונגע־לייט זאלן הערן — מיר איז איצט רעכט געווארן א הארבע קשיא, וואס הארט מיך פון יארן. בעת יעקב אבינו האט געשיקט עשו׳ן די מנחה (מתנה), האט ער אים געשיקט: רינדער, שאף, ציגן — גאנצע סטאדעס. האט מיך תמיד געהארט: פארוואס האט ער נישט מצרף געווען צו דער מנחה כלבים פאר די סטאדעס? היינט איז מיר די קשיא רעכט גע־ווארן. כלבים האבן א טבע, אז ווי זיי דערשמעקן א מנחה צעלויפן זיי זיך...

650

איינער, א משכיל, האט אמאל געזאגט צו ר׳ יאשע־בערן:

— רבי, אלע רבנים מיט זייערע חיבורים מאכן אלץ חומרות אף חומרות, האבן מורא עפעס מקיל צו זיין. אף אייך, רבי, האבן מיר זיך

געריכט, אז איר, מיט אייער גאונות, וועט אין כמה דינים מקיל זיין, מאכן אידישקייט נישט אזוי שווער.

— יא, — מאכט ר׳ יאשע־בער אן ערנסט פנים — ביי מיר אין ספר האב איך א גרויסע קולא.

— דהיינו? — כאפט זיך אן דער משכיל.

— אט וועט איר הערן, — שמייכלט ר׳ יאשע־בער — טייל פוסקים זיינען מחמיר, אז זמן מעריב איז נאר ביז האלבע נאכט. בין איך מכריע לקולא און פסק׳ן, אז מ׳מעג דאווענען מעריב א גאנצע נאכט...

651

ר׳ הערש־לייב וואלאזשינער מיט חיים־זעליק סלאנימסקי זיינען גע־ווען ידידים, זיך אויפגעשריבן צווישן זיך און געהאלטן איינער פון אנדערן.

בעת די וואלאזשינער ישיבה האט זיך צוגעמאכט, איז ר׳ הערש־לייב ארויס קיין ווארשע, וואו מ׳האט אים געהאלטן מיט גרויס כבוד, געווען אנגעזען ביי אלעמען, הן ביי חסידים, הן ביי טייטשן. פון גאנץ שטאט פלעגן קומען צו אים רבנים, לומדים, משכילים, שמועסן אין תורה, אין מילי דעלמא. סלאנימסקי, וואס איז דעמאלט געווען א זקן איבער שמונים, איז ביי ר׳ הערש־לייבן קיינמאל נישט געווען. איז׳ס ביים עולם מקורבים געווען א חידוש. נאר גערעכנט האט׳ן, אז מחמת זקנה איז אים שווער צו גיין. אדער אפשר וויסט ער גארנישט, אז ר׳ הערש־לייב וואוינט אין ווארשע.

— ר׳ חיים־זעליק, — פרעגט אים אמאל איינער פון ר׳ הערש־לייבס מקורבים — איר ווייסט, אז ר׳ הערש־לייב וואוינט היינט אין ווארשע?

— יא, — שאקלט סלאנימסקי מיטן קאפ — כ׳ווייס.

— ווי קומט׳ס, — פרעגט יענער ווייטער — וואס איר גייט גאר־נישט אריין צו אים? זיינט איר מיט אים נישט שוה בשוה?

— חלילה, — זאגט סלאנימסקי — כ׳בין אים אן אמת׳ער גוטער פריינט און דערפאר טאקע גיי איך נישט צו אים.

קוקט אים יענער אן: וואס רעדט ער דא? איז ער שוין עובר בטל?

— פארשטייט איר מיך, — מאכט סלאנימסקי — איך קען ווא־רשעווער חסידים. אז זיי וועלן מיך זען ביי ר׳ הערש־לייבן, ווערט ער תיכף ביי זיי פסול. מחמת מיך האלטן זיי פאר א פושע־ישראל, א מומר להכעים. און אז ר׳ הערש־לייב חבר׳ט זיך מיט מיר, איז ער, מסתמא, נישט בעסער פאר מיר. און כ׳ווייס דאך, אז ר׳ הערש־לייב דארף איצט, אין זיין מצב, צו זיי אנקומען, וויל איך אים נישט טאן קיין רעה און גיי נישט צו אים...

652

ר׳ אלכסנדר־משה לפידות, ראסיינער רב, איז אמאל געפארן אין באן. מיט אים אין וואגאן זיינען געזעסן א חברה וואוילע יונגען. ווילן זיי חוזק מאכן פונם אלטמאדישן רב.

— רבי, — זאגן זיי — מיר האבן אייך צו פרעגן א שאלה.

— דהיינו? — פרעגט ר׳ אלכסנדר־משה.

— מיר ווילן — זאגן זיי — קושן די מזוזה און אין באן איז קיין מזוזה נישטא.

— נו, — מאכט ר׳ אלכסנדר־משה — קושט ערגעץ אנדערש... .

653

ר׳ שמשון־רפאל הירש, פראנקפורטער רב, האט געהאט א ווערטל:

— זינט רבנים רופן זיך דאקטוירים, האט אידישקייט אנגעהויבן קרייגקען...

654

ר׳ עזריאל הילדעסהיימער איז, כידוע, געווען א שארפער מתנגד פון רעפארם.

האט איינער, וואס איז נוטה צו רעפארם, אים אמאל געפרעגט:

— זאגט מיר, הער ראבינער, צו וואס דארפ׳ן היינטיקע צייטן אזא גרויסן דאווגען, וואס געדויערט אזוי לאנג און פאלט אזוי שווער? איז נישט גלייכער צו קירצן ס׳דאווגען און צוציען דעם עולם אין שול?

— כ׳וועל אייך — זאגט ר׳ עזריאל — דערציילן א מעשה:

א סוחר האט געהאט אף איינעם א וועקסל אף צען־טויזנט מארק. האט דער בעל־חוב אפגעשטעלט און נישט געקענט צאלן. איז ער געקומען צום סוחר, געבעטן, געט׳ענה׳ט און דורכגעקומען מיט אים פאר דריי־טויזנט מארק. וויל ער געבן דעם סוחר א ווערקסל.

— ניין, — זאגט דער סוחר — אויב ווייטער נישט צאלן, טא זאל שוין בלייבן ס׳אלטע ווערקסל.

— ס׳אייגענע — פירט אויס ר׳ עזריאל — איז אין אונזער ענין. ווען כ׳זאל וויסן, אז די קלים, וואס דאווגען נישט אצונד, וועלן א קורצן דאווגען י׳א דאווגען, וואלט כ׳שוין מסכים געווען צו קירצן ס׳דאווגען. כ׳וויים דאך אבער, אז די, וואס דאווגען נישט אצונד, וועלן סיי־ווי־סיי נישט דאווגען, טא זאל שוין בלייבן ס׳אלטע דאווגען אין גאנצן...

655

ר׳ הערש־לייב וואלאזשינער איז געווען, אחוץ א גאון אין תורה, א גרויסער בעל־לשון, א בקי אין תנ״ך, א מדקדק און בכלל א מליץ נפלא אין לשון־קודש.

האָט זיך ר׳ הערש־לייב אַמאָל געטראָפן מיט יהושע שטיינבערג. איז שטיינבערג נתפעל געוואָרן פון זיין ידיעה אין תנ״ך און אין לשון־קודש.

— זאָגט מיר, רבי, — פרעגט אים שטיינבערג — פונוואַנען קומט צו אייך אַזאַ השלמה אין תנ״ך און אין לשון־קודש? מילא מיר, משכילים, האָרעווען אַף דעם, גיבן אַוועק אַ סך צייט, לייגן כחות. אָבער איר זיינט׳אַך עוסק יום ולילה אין תורה, אין ש״ס מיט פוסקים, טאָ ווען האָט איר׳ס באַוויזן צו לערנען תנ״ך, דקדוק, לייענען ספרי־השכלה?

— כ׳וועל אייך — זאָגט ר׳ הערש־לייב — דערציילן אַ מעשה.

אַ קליינשטעטלדיקער קרעמער איז געקומען קיין לאָדזש איינקויפן סחורה. האָט ער זיך אַף דער אכסניא באַקאַנט מיט אַ גרויסן סוחר, וואָס קויפט אין לאָדזש סחורה אַף שווערע אַלפים.

זיצט ער אַמאָל מיטן סוחר בעת יענער באַקוקט די רשימות זיינע. זעט דער קרעמער, אַז אין די רשימות שטייט: טוך — כך וכך שטי־קער, כך וכך דער מקח; זיידנס — כך וכך שטיקער, כך וכך דער מקח; סאַמעט, אַטלעס, פּלוש — כך וכך שטיקער, כך וכך דער מקח. זיצט דער קרעמער און חידוש׳ט זיך: אָט די סחורות, וואָס דער סוחר האָט געקויפט, האָט׳ן דאָך געפּאַקט אין לייוונט, געבונדן מיט שטריק — און פאַר דאָס אַלץ רעכנט׳ן דעם סוחר אַ גראָשן נישט. משמעות — קלערט ער ביי זיך — אַז דאָס קאָסט אין לאָדזש קיין געלט נישט, מ׳גיט׳ס בחנם. אויב אַזוי, — טראַכט ער זיך — וועל איך נעמען פון דאַנען לייוונט מיט שטריק וויפיל כ׳קען און פאַרקויפן ביי מיר אין שטעטל.

גייט ער אַוועק אין דעם אייגענעם געשעפט, וואו דער גרויסער סוחר האָט געקויפט זיינע סחורות און הייסט זיך געבן לייוונט מיט שטריק. גיט׳ן אים און מ׳דערלאַנגט אים אַ חשבון צו באַצאָלן. קוקט ער זיי אָן.

— סטייטש, — טענה׳ט ער — כ׳האָב דאָך אַליין געזען אין אייערע רשימות, אַז פאַר לייוונט און שטריק רעכנט איר נישט, איר גיט׳ס בחנם.

— שוטה איינער, — לאַכן זיי פון אים — אַז אַ סוחר קויפט ביי אונז סחורה, רעכנען מיר אים נישט פאַר פּאַק־מאַטעריאַל. מחמת אָן דעם קען זיך די סחורה נישט האַלטן. אָבער דו, קיין סחורה קויפסטו ביי אונז נישט, ווילסט בלויז לייוונט מיט שטריק, מוזטו דערפאַר באַ־צאָלן.

— ס׳אייגענע — פירט אויס ר׳ הערש־לייב — איז אין אונזער ענין. ביי אונז, אידן, איז דער עיקר די תורה. אַלע אַנדערע חכמות,

השלמות, זיינען בלויז אַ טפל, צו פאַרשטיין בעסער, טיפער, די תורה, ווי לייוונט מיט שטריק האַלטן בעסער די סחורה. איז ערלאַכע אידן, וואָס לערנען תורה, קויפן די סחורה, גיט'ן זיי לייוונט מיט שטריק, די השלמות, בחנם, אַן האַרעוואַניע. די משכילים, אָבער, קיין סחורה קויפן זיי נישט, קיין תורה לערנען זיי נישט, ווילן בלויז לייוונט מיט שטריק, די השלמות אַליין, מוזן זיי באַצאָלן: האַרעווען, אוועקגעבן צייט, לייגן כחות...

656

שמואל־יוסף פין האָט צו די עלטערע יאָרן געפירט אַ אידישן שטאָט, אָפּגעהיט אידישקייט, וועדליק אַ ווילנער פּרנס, גבאי פון צדקה גדולה. אין שטאָט האָט'ן אָבער אויף אים אונטער־גע'לאַמר'ט, אַז ער איז נאָך אַלץ אַ קל. פאַרט אַ משכיל.

האָט זיך אַמאָל פין געקלאָגט:

— פאַראַן טעג, וואָס איך דאַוון פינף מאָל מנחה.

אַ זייגער האַלב איינס לאָזט זיך אַריין אין צדקה גדולה דער שמש פון דער קברני'ישער שול און איז מיר מודיע, אַז מ'שטעלט זיך שוין דאַוונען מנחה גדולה. לייג איך אַלץ אַוועק און גיי דאַוונען מנחה.

אַרום איינס קומען אין צדקה גדולה די אַנדערע גבאים, ירחמיאל ברוידע און יעקב פּרנס. ס'קלייבן זיך אויך אָרימלייט, ס'וועדט אַ מנין. הייסט ברוידע דאַוונען מנחה. זאָל איך זאָגן, אַז כ'האָב שוין געדאַוונט? וועט מען דאָך מיר נישט גלויבן. דאַוון איך אַ צווייטן מאָל.

פאַרטיק געוואָרן אין צדקה גדולה גיי איך אַהיים אויף שניפּישאָק. אויף דער טייטשישער גאַס דערזעט מיך דער שמש פון גמילות־חסד־קלויז, אַן ערלאַכער איד, רופט ער מיך אַריין:

— ר' שמואל־יאָסל, מ'שטעלט זיך שוין דאַוונען מנחה. ביז איר וועט קומען אויף שניפּישאָק וועט שוין זיין שפּעטלאַך.

גיי איך אַריין דאַוונען אַ דריטן מאָל.

כ'קום צום גרינעם בריק, כאַפּט מיך אָן אַ איד:

— ר' שמואל־יאָסל, דאָ איז, נישט פאַר קיין אידן געדאַכט, אַ שבעה, ס'פעלט איינער צום מנין, זייט אייך מטריח און קומט אַריין.

וואָס זאָל איך טאָן? גיי איך אַריין דאַוונען אַ פערטן מאָל.

אַז כ'דערשלעפּ מיך שוין אַהיים און וויל שוין אָנבייסן, ערשט דער שמש פון שניפּישקער שול איז דאָ:

— ר' שמואל־יאָסל, דער עולם וואַרט אויף אייך מיט מנחה.

גיי איך דאַוונען אַ פינפטן מאָל. אַ ברירה האָב איך?

האָט'ן עס אַמאָל דערציילט ר' שמעון שטראַשון.

— גלויבט אים נישט, — מאכט ער — דעם קל. ער דאווגט קיין א י י ן מאל אויך נישט...

*

657

ר׳ אייזל חריף האט זיך אמאל געטראפן מיט שמואל־יוסף פין.

— הערט, ר׳ שמואל־יאסל, — מאכט צו אים ר׳ אייזל. — ווי קומט׳ס, וואס איר רופט זיך פ י ן און נישט פ י י ן? (מיט צוויי יודן). הפנים, ס׳פעלט אייך ס׳פינטעלע יוד...

— כ׳וועל אייך זאגן, רבי, — ענטפערט פין — איין יוד האב איך פון רחמנות וועגן אויסגעבארגט אברהם דובער הכהן לעבענזאהן. א נאמען פון עטלאכע־און־צוואנציק אותיות און האט נישט קיין איין יוד...

*

658

דער גרויסער אידישער געלערנטער, אברהם־אליהו הרכבי, האט אין דער יוגנט געלערנט אף רבנות. אז ער האט שוין געהאט א ווייב מיט א קינד, האט ער ביי זיך אפגעמאכט, זיך נעמען צו השכלה. איז גע־בליבן ביי אים, אפ־גט׳ן ס׳ווייב, אוועקפארן קיין ווילנע און אנקומען אין ראבינער־שול. ס׳ווייב האט אבער קיין גט נישט געוואלט נעמען.

האט הרכבי זיך מישב געווען, ער וועט אפטאן אן עבירה בפרהסיא, וועט ס׳ווייב אליין נישט וועלן וואוינען מיט אן אפיקורס.

איינמאל, שבת נאכן טשאלנט, האט ער זיך אנגעטאן א כח און פאר אלעמען אין די אויגן אויפגעגעסן א מילכיקן קיכל.

איז געווארן א רעש אין שטוב און תיכף נאך שבת איז ער שוין געווען א גרוש...

*

659

בעת יחיאל־מיכל פינעס איז אנגעקומען קיין ירושלים, האט ער געהאט גרויס התנגדות מצד די פרומע אידן. מחמת פינעס איז געווען א משכיל, געהאלטן, אז אידישע קינדער דארפן לערנען השכלה, קענען דעם לשון המדינה און די ירושלימ׳ער פרומע אידן האבן מחרים גע־ווען די, וואס לערנען אנדערע למודים, אחוץ תורה.

— זעט — זאגט אמאל פינעס צו א חברה מתנגדים זיינע — וואס א לשון איז. בעת בלעם איז אין כעס געווארן אפן אייזל זיינעם, האט ער אים דריי מאל געשלאגן. ווי דער אייזל האט געקראגן לשון, האט אים שוין בלעם מער נישט געשלאגן...

*

660

ר׳ יעקב ספיר, דער „אבן ספיר“, און פרץ סמאלענסקין, דער „השחר“, האבן נישט געלעבט בשלום. ר׳ יעקב פלעגט האבן צו טאן מיט

סמאָלענסקינ׳עז, למאי ער איז אַ קל, אַן אפיקורס, אַ מומר להכעיס. סמאָלענסקין פלעגט אויפוואַרפן ספיר׳ן, אַז ער איז אַ צבוע׳ק, מאַכט בלויז אַ פרומען אָנשטעל, אין דער אמת׳ן איז ער אַזאַ אפיקורס, ווי ער.

— פונדעסטוועגן, — מאַכט אַמאָל ספיר צו סמאָלענסקין, — איז אַ שטיקל חילוק צווישן מיר און דיר. אַז איך וועל, איבער הונדערט יאָר, שטאַרבן, וועט מען אויף מיין מצבה שרייבן: דאָ ליגט דער „אבן ספיר"; אַז דו וועסט שטאַרבן, וועט מען אויף דיין מצבה שרייבן: דאָ ליגט דער „קבורת חמור"...*

661

שמ״ר, דער ראָמאַנען־שרייבער, איז אַמאָל געקומען קיין קאַליש. איז ער אַריין צום רב, ר׳ חיים־אלעזר וואַקס. גיט אים ר׳ חיים־אלעזר שלום, בעט אים זיצן און גייט אַריין מיט אים אין אַ שמועס:

— פונוואַנען איז אַ איד? וואָס איז אייער טאָן?

— כ׳בין — זאָגט שמ״ר — אַ אידישער מחבר.

— וואָסערע חיבורים — פרעגט ר׳ חיים־אלעזר — האָט איר מחבר געווען?

— כ׳שרייב — זאָגט שמ״ר — ראָמאַנען. שוין צענדליקער געדרוקט. אָט האָב איך איצט אָפּגעדרוקט אַ נייעם ראָמאַן: „דער משומד להכעיס".

— אַ שאָד, — זאָגט ר׳ חיים־אלעזר — איר שטעלט אייך אַ שלעכטע מצבה.

— וואָס מיינט איר, רבי? — פרעגט שמ״ר.

— כ׳וועל אייך זאָגן, — מאַכט ר׳ חיים־אלעזר — איר ווייסט׳אָך, ביי אונז, אידן, איז איינגעפירט, אַז מ׳רופט דעם מחבר אויפן נאָמען פון חיבור זיינעם און אַזוי שרייבט מ׳ן אויף דער מצבה: דאָ ליגט דער „מגן אברהם"; דער „פני יהושע"; דער „פרי מגדים". אויף אייער מצבה וועט׳ן שרייבן: דאָ ליגט „דער משומד להכעיס"...

662

אין מינסק איז געווען אַ גביר, ר׳ הענאָך אייזנשטאַט, אַ גרויסער סוחר, אַ נכבד אין שטאָט און אָנגענומען ביי מלוכה. אַליין איז ער געווען אַן אַלטמאָדישער איד, נישט געהאַלטן פון השכלה, פיינט געהאַט בתכלית השנאה די ראַבינער־שולעס מיט די ראַבינער, וואָס זיי גיבן אַרויס.

* „קבורת חמור" איז דער נאָמען פון סמאָלענסקינ׳ס אַ ספר.

בעת זאלקינד מינאָר איז אויסגעקליבן געוואָרן ראַבינער אין מינסק, האָט אייזנשטאַט נישט מסכים געווען, מחמת מינאָר איז געווען א תלמיד פון ראַבינער־שול. און היות אייזנשטאַט איז געווען א יוצא ונכנס ביים גובערנאַטער, האָט זיך שוין דער גובערנאַטער נישט גע־איילט באַשטעטיקן די קלפי.

זיינען געקומען בעלי־בתים חשובים פון שטאָט צו אייזנשטאַטן, ער זאָל פועל׳ן ביים גובערנאַטער, אַז די קלפי זאָל באַשטעטיקט ווערן. ווייל אייזנשטאַט נישט הערן און זען. די בעלי־בתים טענה׳ן מיט אים איין, פּרואוון אים איבעריידן — אייזנשטאַט האַלט זיך ביי זיינס, ער וויל נישט מינאָרן.

— איר ווייסט׳אַד, — זאָגט ער צו די בעלי־בתים — אַז איך בין אַ ראַיעלער סוחר, אַז איך שטעל אַ מקח אַף סחורה, איז ביי מיר נ י ש ט מ י נ ע ר...

663

איינער, אַ משכיל, האָט אַמאָל געפרעגט ר׳ חיים־לייבן, דעם סאָס־ניצער עילוי:

— זאָגט מיר, רבי, פאַרוואָס טראָגן פרומע אידן אַפן קאָפּ אי אַ היטל, אי אַ יאַרמלקע? איז אַ היטל אַליין נישט גענוג?

— כ׳וועל דיר זאָגן, — ענטפערט אים ר׳ חיים־לייב. — מענטשן, אין אַ שטוב, האָבן איבערן קאָפּ אי אַ סטעליע, אי אַ דאַך. בהמות, אין אַ שטאַל, האָבן איבערן קאָפּ מער נישט ווי אַ דאַך אַליין...

חסידים און מתנגדים

664

ר׳ יחזקאל לאַנדא, דער „נודע ביהודה“, איז געווען אַ שאַרפער מתנגד פון חסידות און נישט געהאַלטן פון חסיד׳ישן דרך.

אין „נודע ביהודה“* שיט ער פייער אַף חסידים, רופט זיי אָן „מחריבי הדור“ (די וואָס מאַכן חרוב דעם דור) און פירט אויס מיט אַ קנייטש אין אַ פּסוק: „כי ישרים דרכי ה׳, צדיקים ילכו בם ו ח ס י ד י ם יכשלו בם“.**

* מהדורא קמא, חלק יורה דעה, סימן צג.

** אין פּסוק גופא (הושע, יד, י) איז דער נוסח: „וצדיקים ילכו בם ופושעים יכשלו בם“.

כדרך הטבע, האָט׳ס חסידים זייער געברענט.

בעת דער „נודע ביהודה" האָט זיך געדרוקט אַ צווייטן מאָל, האָבן חסידים גע׳פּועל׳ט ביים דרוקער, ער זאָל אַרויסנעמען ס׳וואָרט „וחסידים" און שטעלן „ופושעים", ווי אין פּסוק.

אַז ר׳ יחזקאל לאַנדאַ איז דערפון געוואויר געוואָרן, האָט ער אַ שמייכל געטאָן.

— זעט — זאָגט ער — דעם חילוק פון מיר ביז זיי: איך האָב געמאַכט פון פּ ו ש ע י ם — ח ס י ד י ם און זיי האָבן געמאַכט פון ח ס י ד י ם — פּ ו ש ע י ם...

665

ר׳ שניאור־זלמן, דער „רב", האָט זיך אַמאָל געטראָפן מיט ר׳ יהושע צייטלש, וואָס איז געווען מפורסם פאַר אַ גאון און אַן אדיר, האָט זיך גערופן: „דער אושטשער שר". ר׳ יהושע, הגם ער איז געווען אַ שאַר־פער מתנגד, דעם ווילנער גאונ׳ס אַ מקורב, האָט ער ר׳ שניאור־זלמנ׳ען צוגעטיילט גרויס כבוד. ר׳ שניאור־זלמן האָט אים אויך אַרויסגעוויזן גרויס התקרבות. פלעגן זיי ביידע זיצן און שמועסן אין תורה, אין ענינים פון עבודה — ווערליק אַזעלכע צוויי גדולי־ישראל.

איינמאָל האָבן זיי געהאַט אַ טיפן שמועס מכח חסידות. רופט זיך אָן ר׳ יהושע צו ר׳ שניאור־זלמנ׳ען:

— מיר איז זייער קשה אָפּן דרך החסידות. חסידים זיינען זיך נוהג אין דאַווענען, אַז פּסוקי־דזמרה זאָגן זיי מיט גרויס התלהבות, מיט פייער, מיט ברען, מיטן גאַנצן כח. אַז ס׳קומט צו קריאת־שמע מיט שמונה־עשרה, בלייבן זיי שוין אָן כחות, כאַפּן אָפּ אַף גיך, אָן כונה, אָן אַ חיתוך־הדבור. און מיר ווייסן דאָך, אַז דער עיקר דאַווענען איז קריאת־שמע און שמונה־עשרה.

— כ׳וועל אייך זאָגן, — ענטפערט ר׳ שניאור־זלמן. — דער דרך העולם איז, אַז אַף אַ סעודה דערלאַנגט׳ן צום טיש כמה מיני מאכלים. קודם גיט׳ן די פּשוט׳ע מאכלים: ברויט, הערינג, ירקות וכדומה. דערנאָך קומען די געהויבענע מאכלים: פיש, יויך, געבראָטנס, צימעס און אַזוי כסדר. איז דער נגיד, וואָס ווייסט נישט דעם טעם פון הונגער, אַז ער קומט צו אַ סעודה, עסט ער מיט אַ חשבון, מיט אַ מאָס, כדי ער זאָל קענען הנאה האָבן פון איטלאַך מאכל. דער אָרימאַן, נעבאַך, קומט צו דער סעודה אַ הונגריקער, אַ פאַרשמאַכטער. איז ווי מ׳דער־לאַנגט די ערשטע מאכלים, כאַפּט ער זיך צו מיט גרויס אַפּעטיט, פאַר־געסט בעת מעשה אַן די גוטע מאכלים, וואָס קומען שפּעטער, און עסט

זיך אָן מיט ברויט מיט הערינג. אַז ס׳קומט צו די פיש מיט די פליש, קען ער שוין ס׳מויל נישט עפענען.

— ס׳איינגענע — פירט אויס ר׳ שניאור־זלמן — איז אין אונזער ענין. מיר, חסידים, זיינען אַזוי אויסגעהונגערט אין עבודת־הבורא, אַז תיכף ווי מיר שטעלן זיך דאַווענען, צעברענט זיך אין אונז אַ פייער פון התלהבות, פון כלות־הנפש. כאַפּן מיר זיך צו צו „פּסוקי דזמרה״ מיטן גאַנצן פייער, מיט אַלע כחות און מיר פאַרגעסן בעת מעשה, אַז דער עיקר דאַווענען, קריאת־שמע מיט שמונה־עשרה, קומט ערשט שפּעטער...

666

ר׳ אייזיקל זידיטשאָווער, ר׳ הערשעלע׳ס פאָטער, האָט געוואוינט אויפן ישוב. ער האָט זיך עוסק געווען אין שטיינער־האַקן און זיינע פינף זין זיינען געזעסן און געלערנט. און היות ר׳ אייזיקל איז געווען אַ גרויסער בעל־חשבון, פלעגט׳ן אים אַרויסרופן קיין לעמבערג מאַכן חשבונות.

איינמאָל איז ער געווען ביים לעמבערגער נגיד, וואו ר׳ לייב, דער „קצות החושן״, איז געווען מלמד. הערט ר׳ אייזיקל ווי ר׳ לייב לערנט מיט די תלמידים מיט גרויס העמקה און זיי זיינען מחדש כמה פשטים. צעשמועסט ער זיך מיט ר׳ לייבן און דערציילט אים, אַז ער האָט אַ זון אַ גרויסן למדן, אַ מחדש. הייסט ר׳ לייב אים ברענגען. האָט ר׳ אייזיקל געבראַכט ר׳ הערשעלען.

שמועסט ר׳ לייב מיט ר׳ הערשעלען אין תורה און ר׳ לייב ווערט נתפעל פון זיין גרויס חריפות און בקיאות. צום סוף האָט ר׳ הערשעלע אַרויסגעוויזן דעם חסיד. ר׳ לייב, כידוע, האָט פון חסידות נישט געהאַלטן. פונדעסטוועגן האָט ער ר׳ הערשעלען נוהג כבוד געווען מחמת זיין לומדות. ער האָט אים בלויז געפרעגט איין שאלה:

— פאַרוואָס האָט זיך ס׳חסידות אָנגעהויבן פון בעל־שם און נישט פון אר״י?

— כ׳וועל אייך זאָגן, — ענטפערט אים ר׳ הערשעלע. — איינער איז אַמאָל אַוועק אין מרחקים און דאָרט אָפּגעווען אַ צייט. אַז ער איז געקומען אַהיים, דערציילט ער די חידושים, וואָס ער האָט זיך דאָרטן אָנגעזען, אַז ער האָט געזען אַ פויגל, וואָס האָט אַ קאָפּ פון אַ מענטשן און פיס פון אַ פערד. וויל קיינער נישט גלויבן. לימים, אין אַ צייט אַרום, איז נאָך איינער אַוועקגעפאָרן אין מרחקים און געקומען צוריק און דעם ענין מקרב אל השכל געווען. האָבן טייל געגלויבט, אָבער אַ סך האָבן נישט געגלויבט. איינמאָל איז דער פויגל אַליין געקומען צופליען פון מרחקים, האָבן אַלע באַשיינפּערלאַך געזען.

— ס׳אייגענע — פירט אויס ר׳ הערשעלע — איז אין אונזער ענין. די גמרא זאָגט, אַז ס׳זיינען פאַראַן זיבן הימלען. איז געקומען ר׳ שמעון בן יוחאי און האָט געזאָגט, אַז ס׳זיינען פאַראַן ניינצן־הונדערט הימלען. האָט קיינער נישט געוואָלט גלויבן. איז געקומען דער אר״י הקדוש און האָט דעם ענין מקרב אל השכל געווען. האָבן טייל געגלויבט און טייל — נישט. איז געקומען דער בעל־שם הקדוש און האָט געוויזן מיט דער האַנט — נאָט אייך די הימלען. האָבן אַלע באַשיינפּערלאַך געזען, וואָס ר׳ שמעון בן יוחאי האָט געזאָגט...

667

ר׳ איצעלע וואָלאָזשינער איז געווען אַ שאַרפער מתנגד פון חסידות און נישט געהאַלטן פון חסיד׳ישע גוטע־אידן. — וואָלאָזשן.

איז ר׳ איצעלע אַמאָל געזעסן אין אַ מסיבה און געשמועסט. איז צוריי געקומען מכח חסיד׳ישע גוטע־אידן. רופט זיך אָפּ ר׳ איצעלע:

— איר ווייסט, רבותי, וואָס איז דער חילוק פון „הרב הגאון״, וואָס מ׳שרייבט אַף אַן עולמ׳שן גדול, ביז „בוצינא קדישא״, וואָס מ׳שרייבט אַף אַ חסיד׳ישן גוטן־אידן? „הרב הגאון״ איז קאַפּוויטיק, „בוצינא קדישא״ איז בויכווייטיק.

— וואָס מיינט איר, רבי? — פרעגט אים דער עולם.

— כ׳וועל אייך זאָגן, — מאַכט ר׳ איצעלע. — אַז אַ אינגל וויל נישט גיין אין חדר, זוכט ער תירוצים. מאַכט ער זיך קראַנק. איז אַ אינגל אַ תמים זאָגט:

— מאַמע, דער קאָפּ טוט מיר ווי.

גיט די מאַמע אַ טאַפּ דעם קאָפּ, ווייסט זי תיכף, צי איר אינגל איז טאַקע קראַנק, צי ס׳מאַכט זיך. האָט ער נישט קיין וואַרימקייט, טרייבט זי אים אין חדר אַריין.

אַ פּיפּיק אינגל זאָגט:

— מאַמע, דער בויך טוט מיר ווי.

דאָ קען שוין די מאַמע גאַרנישט טאָן. זי מוז אים גלויבן.

— ס׳אייגענע — פירט אויס ר׳ איצעלע — איז אין אונזער ענין. רופט זיך איינער „הרב הגאון״, גיט׳ן אים אַ טאַפּ פאַרן קאָפּ, ווי ער האַלט אין לערנען — ווייסט׳ן תיכף, צי איז ער טאַקע אַ גאון, צי ער מאַכט זיך. אַז איינער רופט זיך אָבער „בוצינא קדישא״ — מוז׳ן אים גלויבן...

668

מ׳האָט אַמאָל געפרעגט ר׳ איצעלע וואָלאָזשינער:
— רבי, מתנגדים זיינען קורא־תגר אויף חסידים למאי זיי דאַוונען שפּעט, זיינען עובר זמן קריאת־שמע און זמן תפילה. מיר זען דאָך אָבער, אַז זיי דאַוונען מיט גרויס כונה, מיט התלהבות, מיט דבקות?
— וואָס חידוש׳ט איר אײַך אַזוי? — מאַכט ר׳ איצעלע — דער יצר־הרע לאָזט נישט בלאָזן שופר אום ראש־השנה. שמחת־תורה לאָזט ער בלאָזן שופר מיט אַלע כונות, מיט התלהבות, מיט דבקות...

669

אַ מתנגד האָט אַמאָל געזאָגט צו ר׳ ישראל ריזשינער:
— זעט, רבי, דעם חילוק פון מתנגדים צו חסידים: מתנגדים לער־נען נאָכן דאַוונען אַ פּרק משניות און חסידים טרינקען נאָכן דאַוונען בראַנפן.
— כ׳וועל דיר זאָגן, — ענטפערט דער ריזשינער. — מתנגדים דאַוו־נען אַ טויטן דאַוונען און נאָך אַ טויטן לערנט׳ן משניות. חסידים דאַוונען אַ לעבעדיקן דאַוונען און אַ לעבעדיקער דאַרף האָבן אַ ביסל משקה...

670

ר׳ יאָקל באַלעכאָווער, ר׳ נפתלי ראָפּשיצער׳ס ברודער, איז געווען ידוע פאַר אַ שאַרפן מתנגד.
איינמאָל איז ר׳ נפתלי געקומען געוואויר ווערן ר׳ יאָקלען. ביים טיש האָט׳ן דערלאַנגט קאַרשן. זאָגט ר׳ יאָקל מיט אַ שמייכל צו ר׳ נפתלי׳ן:
— ברודער לעבן, מיט דיר איז נישט קירשן צו עסן. די חסידים וועלן זאָגן: דער רבי האָט אויסגעקליבן און געגעסן די כשר׳ע און פאַרן מתנגד זיינען געבליבן די ווערימדיקע...

671

ר׳ אייזל חריף איז, כידוע, געווען אַ שאַרפער מתנגד פון חסידות און חסיד׳ישע רביים.
— זעט, רבי, — זאָגט׳ן אים אַמאָל. — חסיד׳ישע רביים פאָרן אַרום אין קאַטשן מיט פערד און עולמ׳שע רבנים גייען צופוס.
— וואָס חידוש׳ט איר אײַך אַזוי? — מאַכט ר׳ אייזל — ס׳איז גאָר פשוט. „שקר אין לו רגלים“* — דאַרפ׳ן אים פירן אין קאַטשן. מיר גייען מיטן אמת — גייען מיר צופוס...

* דער שקר האָט קיין פיס נישט — אַ ידוע׳דיק ווערטל.

672

א חסיד׳ישער גביר איז אמאל געקומען צו ר׳ ישראל סאלאנטער. ר׳ ישראל האט דעם גביר מקבל געווען בסבר פנים יפות, אים געבעטן זיצן און געשמועסט מיט אים אויף זיין דרך.

פארן אוועקגיין, נעמט דער גביר ארויס א הונדערטער און לייגט אוועק פאר ר׳ ישראל׳ן.

— וואס — פרעגט ר׳ ישראל — איז׳ס פאר א געלט?

— ביי אונז, חסידים, — ענטפערט דער גביר — איז דער מנהג, אז מ׳קומט צו א גוטן אידן, גיט׳ן א פדיון.

— אזוי? — חידוש׳ט זיך ר׳ ישראל. — ביי אייך הייסט א גוטער איד דער, וואס נעמט געלט און ביי אונז הייסט א גוטער איד דער, וואס גיט געלט...

673

ר׳ ישראל סאלאנטער איז געווען אנגענומען נישט בלויז ביי עולמ׳ישע אידן, נאר אויך ביי חסיד׳ישע. חסידים, חב״ד׳ניקעס, פלעגן זיך אנדערציילן פון אים, ווי פון א גוטן אידן, א רבי׳ן.

ר׳ שמואל, דער ליבאוויטשער רבי, האט זייער שטארק געהאלטן פון ר׳ ישראל׳ן, פון זיין צידקות, זיין דרך אין עבודת ה׳.

— כביכול — האט ר׳ שמואל אמאל געזאגט — האט זיך מרחם געווען אף די מתנגדים און האט איין מאל אין דורות אראפגעשיקט צו זיי א נשמה פון א רבי׳ן. האבן זיי, די קאלטע מתנגדים, דאס אויך פארשלאפן...

674

ר׳ זלמן פויזנער איז געווען א שארפער מתנגד פון חסידים. חסידים האבן אים געהאלטן פאר א כופר, אן אפיקורס, פלעגן אויסריידן אף אים כל דבר אסור, אים שילטן מיט טויטע קללות.

איינמאל איז ר׳ זלמן געפארן אין דער קאטש זיינער מיטן פיר־שפענער — ווי זיין דרך איז געווען. אפן וועג טרעפט ער אן א אידן גיין צופוס מיטן קלומיק אף דער פלייצע. נעמט אים ר׳ זלמן אריין צו זיך אין קאטש. פארנדיק שמועסט׳ן. קומט צו רייד מכח חסידים און ר׳ זלמן פויזנער דעם מתנגד. דער איד איז געווען א פארברענטער חסיד, הויבט ער אן שילטן ר׳ זלמנ׳ען:

— דער אפיקורס, ימח שמו, דער כופר בעיקר.

ר׳ זלמן שווייגט און לאזט זיך נישט דערקענען.

ביים שייד־וועג איז דער איד ארויס פון קאטש גיין זיין וועג. גיט אים ר׳ זלמן א שיינע נדבה און זאגט אים מיט א שמייכל:

— זייט וויסן, ר׳ איד, אז איך בין עס זלמן פויזנער...

675

ר׳ זלמן פויזנער פלעגט זאגן:

— כ׳וויים נישט פארוואס חסידים זיינען מיר אזעלכע שונאים. רעד איך מיט א קאצקער חסיד, איז ער מבטל כעפרא דארעא דעם איזשביצער; רעד איך מיט אן איזשביצער חסיד, רעדט ער אויס כל דבר אסור אפן קאצקער. און אזוי אלע חסידים: איטלאכער איז מבטל דעם אנדערנס רבי. הייגט וואס־זשע קומט מיר, אז איך גלויב זיי אלעמען?...

676

ר׳ ישראל, ר׳ יאסעלע סלוצקער׳ס זון, האט אין דער יוגנט געוואלט ווערן א חסיד. איז ער אנטלאפן פון סלוצק, פון זיין טאטן, דעם מתנגד, קיין קאידענאוו, צום רבי׳ן. דארט האט ער זיך צוגעכאפט צו חסידות, געווארן פון די „יושבים”. חסידים האבן פון אים שטארק געהאלטן. מחמת ר׳ ישראל איז געווען אן עילוי, א פייערדיקער קאפ. הייגט ר׳ יאסעלע סלוצקער׳ס א זון. ר׳ ישראל האט זיך אבער דארט לאנג נישט געהאלטן. ס׳חסידות האט אים נישט געגומען. א מתנגד׳ישער שורש.

איינמאל, צו שלש־סעודות, האט דער רבי געזאגט א תורה אף „תפארת שבתפארת”. די תורה איז געווען א טיפע, ווערליק חב״ד׳ער תורה, און דער עולם חסידים האט נישט פארשטאנען. נאך הבדלה זיי־נען עטלאכע מקורבים דעם רבי׳נס צוגעגאנגען צו ר׳ ישראל׳ן און אים געבעטן, ער זאל זיי מסביר זיין דעם רבי׳נס תורה.

— יא, — זאגט ר׳ ישראל — כ׳וועל׳ס אייך מסביר זיין אף א בולט׳ן אופן.

פירט ער זיי צו צום פענסטער, ווייזט אן אף דער לאך און פרעגט זיי:

— וואס זעט איר דא?

— א לאך — זאגן זיי.

— ריכטיק, — זאגט ר׳ ישראל. — הייגט, אז כ׳וועל נעמען אן עקבויער און מאכן אין דער לאך נאך א לאך, וואס וועט׳ס הייסן?

— א לאך אין א לאך — כאפט זיך ארויס א חסיד.

— א! — מאכט ר׳ ישראל — אט דאס איז „תפארת שבתפארת”...

677.

ר׳ דוד ווידזער איז געווען א גדול בישראל און א צדיק תמים. געווען איז ער א שארפער מתנגד. די חסידים אין שטעטל האט ער רודף געווען מיט כל מיני רדיפות. איז ביי די חסידים געבליבן, זיי זאלן אים פארשילטן. האבן זיי אבער נישט געוואוסט ווי די מאמע זיינע האט געהייסן.

אז ר׳ דוד איז דערפון געוואויר געווארן, איז ער אריין אין שטיבל און געזאגט אפן קול:

— חסידים, כ׳בין אייך מודיע, אז מיין מאמע האט געהייסן גיטל. איצט קענט איר מיך שילטן...

א

678

ר׳ ירמיה, אוהעלער רב, איז געווען א שארפער מתנגד פון חסידים, בפרט פון ליסקער חסידים, וואס פלעגן פארן קיין ליסקע צו ר׳ הערשעלען.

איינמאל, אן ערב יום־טוב, בעת חסידים פארן צום רבי׳ן, קומט א בעל־עגלה צו ר׳ ירמיה׳ן און קלאגט זיך:

— רבי, מיינע פערד זיינען מיר אוועקגעקומען.

— גיי — זאגט אים ר׳ ירמיה — זוך זיי אפן וועג קיין ליסקע.

— וואס עפעס, רבי, קיין ליסקע? — פרעגט׳ן אים.

— פשוט, — מאכט ר׳ ירמיה — אלע פערד גייען היינט קיין ליסקע...

אפיקורסים און משומדים

679

ר׳ הערש־לייב וואלאזשינער איז אמאל געקומען קיין ווילנע. זיינען געקומען אים געבן שלום אלע חשובים פון שטאט: רבנים, בעלי־בתים, לומדים, משכילים. פון ר׳ הערש־לייבן האבן דאך אלע געהאלטן.

זיצט ער אמאל אין א מסיבה פון ווילנער משכילים און מ׳שמועסט. איז צו רייד געקומען מכח כוואלסאנען, וואס ווייזט ארויס גרויס התקרבות צו אידן.

— רבי, — רופט זיך אן איינער פון דער מסיבה — וואס זאגט איר אף אונזער משומד? זיך גע׳שמד׳ט און איז אן אוהב־ישראל.

— כ׳וועל אייך — זאגט ר׳ הערש־לייב צום עולם — דערציילן א מעשה:

אין אַ שטאָט איז אַ איד געפּערלאַך קראַנק געוואָרן. האָט׳ן אָראָפּ־געבראַכט גרויסע דאָקטוירים, פּראָפעסאָרן. האָבן זיי געזאָגט, אַז די איינציקע רפואה זיינע איז עסן חזיר. דער איד איז געווען אַ פּראָסטער, נאָר אַ גרויסער ירא־שמים. וויל ער נישט הערן און זאָגט: ס׳הייסט, ער ט׳עסן חזיר?

דער חולה איז אָבער געוואָרן ערגער און ערגער. זיינען די בני־בית אַוועק צום רב, ער זאָל פּועל׳ן ביים חולה טאָן די רפואה. איז דער רב אַוועק צום חולה און אָנגעהויבן מיט אים איינ׳טענה׳ן:

— מיר האָבן אַ כּלל, אַז פּקוח־נפש איז דוחה די גאַנצע תורה און מ׳טאָר גאָר אַף זיך נישט מחמיר זיין.

קלערט דער חולה אַ ווײַלע און זאָגט:

— יאָ, רבי, איר האָט ביי מיר גע׳פּועל׳ט. כ׳וועל טאָן, וואָס די דאָקטוירים הייסן. אָבער ווי עסט׳ן אַ גע׳נבל׳טע זאַך אָן שחיטה? זאָל׳ן, לפּחות, שחט׳ן מיט אַ חלף.

האָט דער רב מסכּים געווען.

האָט׳ן געקויפט אַ דבר־אַחר און אַ שוחט האָט גע׳שחט׳ן.

— זאָל שוין — בעט זיך דער חולה — דער שוחט בדק׳ענען אויך.

טוט אים דער שוחט צוליב און איז בודק די ריאה. מאַכט זיך גראָד אַ שאלה. שיקט׳ן דעם רב פרעגן. זעט דער רב די ריאה און — שווייגט.

— נו, רבי? — פרעגט׳ן אים.

— כ׳וועל אייך זאָגן, — מאַכט דער רב — כ׳קען מיר דאָ קיין עצה נישט געבן. וואָלט די שאלה געווען אַף אַ כּשר׳ע בהמה, פּסק׳ן איך: כּשר, אָן אַ שום קלער. אָבער ווי קען איך ברייגגען פאַרן מויל: כּ ש ר, בעת כ׳וויים, אַז ס׳איז ד ב ר ־ אַ ח ר...

680

ר׳ אליה־חיים לאַדזשער איז אַמאָל געווען אין מאַרנבאַד. פלעגן צו אים אַריינקומען מענטשן, שמועסן מכּח וועלטלאַכע זאַכן, אידישע כּלל־ענינים.

איינמאָל, אין אַזאַ שמועס, האָט איינער פון די איינגייער שטאַרק פאַרלויבט כוואָלסאָנען, וואָס הגם אַ משומד, איז ער זיך אַזויפיל משתדל פאַר אידן.

ר׳ אליה־חיים הערט און שווייגט. דער עולם וויל אָבער וויסן, ווי האַלט ער פון כוואָלסאָנען. קוקן אַלע אַף אים.

— כ׳וועל אייך — זאָגט ר׳ אליה־חיים — דערציילן אַ מעשה:

א איד פון דער ליטע איז אמאל געקומען אין טיף רוסלאנד, אין א דארף. אין גאנצן דארף איז קיין איין איד נישט געווען. דער איד איז געווען א ירא־שמים, אפגעהיט אידישקייט, האט ער נישט געהאט וואו צו עסן. איז ער זיך מיישב, שחיטה קען ער, א חלף מיט זיך האט ער, וועט ער אליין שחט׳ן אן עוף און האבן וואס צו עסן.

האט ער געקויפט אן עוף, גע׳שחט׳ן כדין, געווייקט, געזאלצן, גע־כשר׳ט און אליין געקאכט. אז ס׳עוף איז פארטיק געווארן און ער וויל זיך שוין זעצן עסן, כאפט ער זיך, אז ער האט געקאכט אין א טרייף טעפל.

— אי, — קרעכצט, נעבאך, דער איד — וואס איז מיר די פעולה פון די גאנצע כשרות, אז ס׳טעפל איז טרייף...

681

בעת כוואלסאן האט געפראוועט זיין יובילעי, האבן כמה אידישע קהלות אים צוגעשיקט ברכות, רבנים האבן אים געוואונשן אריכות־ימים, ער זאל קענען טאן טובות דעם כלל־ישראל אין רוסלאנד.

אין בריסק האבן טייל עסקנים געוואלט שיקן כוואלסאנען א ברכה. זיינען זיי געקומען צו ר׳ חיימ׳ען, ער זאל געבן זיין הסכמה. האט ר׳ חיים זיך אפגעטרייסלט:

— מיט א משומד — זאגט ער — וויל איך נישט האבן צו טאן...

682

אין ווילנע איז געווען א איד, א גביר, משה ראזנסאן. איז ער געווען א מיסיאנער. ער פלעגט דרוקן ספרים, וואו ער פלעגט כלומר׳שט אויפווייזן, אז דער נוצרי איז משיח, און פארטיילן די ספרים אומזיסט. גאנץ ווילנע האט אים געקענט. פלעגט מען ווייכן פון אים און זיינע ספרים אין האנט נישט נעמען.

האט זיך ראזנסאן אמאל געקלאגט:

— אן אומגליק, — זאגט ער. — כ׳לאז מיינע ספרים אין קיך פון אויבנאויף. מיין איד, ס׳וועט אריינגיין אן ארימאן, וועט ער צו־גנב׳ע־נען א ספר. צום סוף גנב׳עט ער א זילבערנע לעפל און צו די ספרים רירט ער זיך נישט צו...

683

דער משומד בראפמאן, וואס האט אנגעטאן אידן גרויסע צרות מיט זיין „קהל בוך", איז געווען א גרויסער עם־הארץ. זיינע ידיעות, צו שרייבן

רשעות אף אידן, פלעגט ער קויפן ביי אָרימע תלמידי־חכמים, אָדער אויפכאַפּן פון ספרים, וואָס ער פלעגט קוים דורכקריכן.

איינמאָל איז בראַפמאַן אַריין אין דער קיסרלאַכער ביבליאָטעק אין פּעטערבורג און געבעטן הרכבי׳ן, דעם ראש פון דער ביבליאָטעק, ער זאָל אים געבן די ספרים „איביד״, „איבידעם״.*

מאַכט זיך הרכבי תמ׳וואַטע, ענטפערט בנעימות בראַפמאַנען, אַז די ספרים האָט ער לעת־עתה נישט, נאָר ער וועט זיך משתדל זיין זיי צו קריגן.

— זייט מוחל — רוקט ער אונטער בראַפמאַנען אַ קאַרטל פון ביב־ליאָטעק — און שרייבט אויף מיט אייער חתימה, אַז איר פאַרלאַנגט די ספרים.

בראַפמאַן האָט זיך נישט געלאָזט בעטן, האָט געשריבן און גע־חתמ׳עט, אַז ער פאַרלאַנגט די ספרים „איביד״ און „איבידעם״.

הרכבי האָט דערנאָך ס׳קאַרטל מפרסם געווען אין די צייטונגען און גאַנץ פּעטערבורג האָט געקלונגען מיט בראַפמאַנ׳ס מפּלה.

ש

684

אַ איד איז אַמאָל געקומען צו ר׳ נפתלי אַדלער, דער רב־הכולל אין מלכות ענגלאַנד, און פאַרלאַנגט, דער רב זאָל אים געבן אַ היפּשע מטבע. אַ נישט — גייט ער אוועק צו די מיסיאָנערן.

— אַ שאַד — מאַכט ר׳ נפתלי — זאָלסט גיין צופוס. נאַ דיר אַ פּעני און פאָר מיט דער קאַר (טראַמוויי)...

אין קהל־שטוב

685

ר׳ משולם איגרא, פּרעשבורגער רב, איז פאַר פּרעשבורג געווען אַ צייט יאָרן רב אין טישמעניץ. כמה גרויסע קהלות האָבן אים אָנגעבאָטן אַ כתב־רבנות, מחמת ער איז געווען מפורסם פאַר אַ גאון־עולם; ר׳ משולם האָט אָבער נישט געוואָלט אוועק פון טישמעניץ.

בעת ס׳איז אַרוים דער באַפעל פון מלוכה צו נעמען אידן פאַר זעלנער און טישמעניץ האָט געדאַרפט צושטעלן כך וכך זעלנער, האָבן די ראשי־קהל, ווי אין כמה אידישע מקומות, געשאַנעוועט די פיינע

* אַ ליטוויניש וואָרט. ס׳אייגענע ווי: דאָרטן, זע אויבן. מחברים באַנוצן זיך מיט אָט דעם וואָרט אין די הערות, בעת זיי גיבן אָן אַ מראה־מקום פון אַ פריער דערמאָנטן ספר. טייל מאָל קומט דאָס וואָרט אין גאַנצן: „איבידעם״, און טייל מאָל אָפּגעקירצט: „איביד״.

בחורים, די בני תורה, און אפגעגעבן די פשוט׳ערע, די המונ׳ישע.
אז ר׳ משולם איז דערפון געוואויר געווארן, האט ער מרעיש עולם געווען; געשיקט רופן צו זיך די ראשי־קהל און זיי געזאגט, אז מ׳טאר אזוינס נישט טאן על־פי דין, אלע אידן זיינען גלייך. זיין עצה איז געווען, אז מ׳זאל ווארפן גורל און אף וועמען דער גורל וועט פאלן, יהיה מי שיהיה, דער זאל זיין א זעלנער.
— אויב — האט ער געשוואורן — דער גורל וועט פאלן אף מיין בן־יחיד, וועל איך אים אליין שיקן דינען.
די ראשי־קהל האבן אים נישט געפאלגט. האט ר׳ משולם געזאגט:
— אצונד, אז כ׳קריג א כתב־רבנות, גיי איך אוועק פון טישמעניץ.
איז׳ס דערגאנגען קיין פרעשבורג. האט קהל אים תיכף געשיקט א כתב־רבנות.

686

ר׳ יחזקאל־פייוול, ווילנער שטאט־מגיד, איז געווען א תקיף בדעתו און געפירט זיין התמנות ביד רמה.
איינמאל האבן ווילנער פישערס געמאכט יד־אחת און געהויבן דעם מקח אף פיש. דער עולם איז נישט געווען ביכולת צו קויפן פיש לכבוד שבת. איז געווארן א רעש אין שטאט:
— אזא נבלה! אזא רציחה!
לויפט מען צום שטאט־מגיד. שיקט ר׳ יחזקאל־פייוול רופן די פישערס און איז זיי מתרה ומודיע, אז באם זיי וועלן ניט אראפלאזן דעם מקח, וועט ער לאזן אויסרופן אן איסור אף פיש.
די פישערס האבן נישט געפאלגט. האט ר׳ יחזקאל־פייוול געלאזט אויסרופן אין שטאט אן איסור, אז קיין איד אין גאנץ ווילנע טאר קיין פיש נישט עסן.
אוועק א וואך, צוויי וואכן — קיינער קויפט נישט קיין פיש אפילו אף שבת. אינדערוואכן — שמועסט׳ן שוין נישט. די פישערס זיינען בדיל־הדל געווארן.
קומען זיי צו לויפן צום שטאט־מגיד:
— גוואלד, רבי, האט רחמנות! מיר גייען אראפ פון ברויט.
ר׳ יחזקאל־פייוול איילט זיך נישט מיטן אראפנעמען דעם איסור. ער וויל זיי אנלערנען, זיי זאלן פארזאגן א צענטן. די פישערס גייען, נעבאך, אוועק אן קעפ.
— איר זאלט וויסן זיין, — לויפט זיי נאך ר׳ יחזקאל־פייוול — אז דער איסור איז חל אף אייך אויך. איר אליין טארט א ו י ך קיין פיש נישט עסן...

687

יודל אַפּאַטאָוו איז געווען אַן אויפגעקומענער עושר אין ווילנע. ווי די טבע פון אַן אויפגעקומענעם גביר, איז ער געווען ביי זיך זייער תקיף, האָט געטאָן וואָס ער האָט געוואָלט און געפירט די שטאָט ביד חזקה. גאַנץ ווילנע האָט פאַר אים געציטערט. מחמת אַפּאַטאָוו איז געווען אַ מקורב למלכות, אַ יוצא ונכנס ביי די גרעסטע שרים. אחוץ דעם פלעגט ער הויבן אַ האַנט אויך. געווען אַ פּראָסטע זאַך.

איינמאָל האָט אַפּאַטאָוו געוואָלט נעמען אין אָרענדע די פּראָפּי־נאַציע אַן קהל׳ס רשות. אַז די זאַך איז געוואויר געוואָרן אין שטאָט, איז געוואָרן אַ רעש: סטייטש, אַזאַ אַקציע, גיין קעגן קהל! איז׳ס דאָך אָבער יודל אַפּאַטאָוו. מי יאמר לו מה תעשה. איז ער אַוועקגעגאַנ־גען און געגעבן האַנט־געלט.

דעם טאָג, וואָס די פּראָפּינאַציע האָט זיך געדאַרפט אָפּגעבן אין אָרענדע, האָט ר׳ וועלוועלע, דער ווילנער שטאָט־מגיד, גערופן די ראשי־קהל צו אַן אסיפה און אַפּאַטאָוון אויך. ביי דער אסיפה האָט׳ן אָנגע־הויבן איינ׳טענה׳ן מיט אַפּאַטאָוון: סטייטש, ווי טוט ער אַזאַ זאַך, זיין אַ פּורץ גדר. אַפּאַטאָוו גייט אָבער מיט זיין תקיפות, ער פרעגט נישט ביי קהל, קיינער קען אים קיין דעה נישט זאָגן וואָס צו טאָן. און בעת מעשה שטייט ער מיטן זייגער אין האַנט, ער זאָל נישט פאַר־שפּעטיקן די טאַרגעס. אַנישט — איז זיין האַנט־געלט פאַרפאַלן. און ער גייט שוין צו צו דער טיר און וויל אַוועקגיין — די טיר איז פאַרשלאָסן.

— ווער — פרעגט אַפּאַטאָוו מיט רוגזה — האָט׳ס געטאָן?

— איך, ר׳ יודל, — ענטפערט ר׳ וועלוועלע. — דער שליסל איז ביי מיר און איר וועט אים נישט קריגן ביז די טאַרגעס וועלן זיך קאָנטשען.

אַפּאַטאָוו האָט פאַרביסן די ליפּן און איז געבליבן זיצן. ס׳האַנט־געלט זיינע איז געגאַנגען פאַרפאַלן און ער האָט די פּראָפּינאַציע נישט גע־נומען.

688

ר׳ אליה קרעטינגער, הגם ער איז געווען, אחוץ אַ גאון און אַ צדיק, אַ גרויסער גביר, אַ וועלט־מענטש, האָט נישט געהאַלטן פון איינפירן נייעסן און נישט געלאָזן אָפּשאַפן דעם קלענסטן מנהג אַ אידישן.

אין קרעטינגע, ווי עס טרעפט זיך אין אידישע שטעטלאַך, איז אַמאָל מחמת אַן עליה אַרויסגעקומען אַ געשלעג אין בית־מדרש. דער גבאי האָט איינעם געהייסן אויפרופן שביעי. יענער האָט׳ס געהאַלטן

פאַר אַ פּחיתת־הכבוד. נאָך דער עליה, איידער ער איז אַראָפּ פון דער בימה, האָט ער דערלאַנגט דעם גבאי אַ פּאָר פּעטש.

איז געוואָרן אַ רעש אין שטעטל: שלאָגן אַ אידן און אין אַ מקום קדוש. אַ חילול השם.

זיינען די נכבדים פון שטעטל צונויפגעקומען אויף אַן אסיפה ביי ר׳ אליה׳ן אין שטוב, זיך צו באַראָטן ווי אויסצומיידן אַזאַ חילול השם אויף ווייטער. האָט איינער מציע געווען, אַז מ׳זאָל לחלוטין אָפּשאַפן דעם מנהג פון טיילן עליות, דעם „שלישי״, דעם „שישי״, נאָר אויפרופן כסדר.

— ניין, — איז ר׳ אליה נישט מסכים — אַן אַלטער מנהג ביי אידן. ס׳איז טאַקע אַ בזיון און אַ חילול השם זיך צו שלאָגן פאַר אַן עליה, אָבער אַז אַ איד וועט אויפהערן זוכן כבוד אין בית־מדרש, וועט זיין נאָך ערגער. דעמאָלט וועלן מיר, חלילה, בלייבן אָן בתי־מדרשים און אָן אידן. שוין כדאַי׳ער צו האַלטן די מנהגים מיט די חסרונות און האָבן בתי־מדרשים מיט אידן, איידער איינפירן מנהגים אָן חסרונות און האָבן נישט קיין בתי־מדרשים און נישט קיין אידן...

❧

689

אַז משה ראָזנסאָן, דער ווילנער מיסיאָנער, איז געקומען צו די עלטערע יאָרן, האָט ער זיך געלאָזט מאַכן אַ מצבה פון טייערן מירמל־שטיין מיט אַ לאַנגן נוסח אין כפול־שמונה׳דיקער מליצה. געוואוסט האָט ער וואויל, אַז נאָכן טויט וועט אים קהל נישט געבן קיין בכבוד׳יקן אָרט אויפן בית־עולם און נישט לאָזן שטעלן אַזאַ מצבה. איז ער זיך מיישב, ער וועט קויפן אַן אָרט פאַרן לעבן.

גייט ער אוועק אין צדקה גדולה און זאָגט צום גבאי, שמואל־יוסף פין:

— ר׳ שמואל־יאָסל, כ׳וויל מיר אַנגרייטן אַן אָרט אויף איבער הונ־דערט־און־צוואַנציק יאָר אין אַ בכבוד׳יקער שורה.

— מהיכא־תיתי, — מאַכט זיך פין כלא ידע.

— וואָס — פרעגט ראָזנסאָן — וועט עס מיר קאָסטן?

— צוואַנציק־טויזנט רובל — זאָגט פין.

— וואָס? — ווערט ראָזנסאָן אָן אַנגעצונדענער — קהל׳שער שווינדל! אָט שטייט בפירוש — און ווייזט אויף דער רשימה וואָס הייננט אויף דער וואַנט — אַז אין דער ערשטער שורה קאָסט נישט מער ווי פיר־הונדערט רובל.

— נו, — שמייכלט פין — אויב איר ווילט צאָלן דעם מקח פון דער רשימה, מוזט איר קודם שטאַרבן...

אַף רבנות

690

בעת ר׳ שבתי כהן, דער ש״ך, איז, נאָך גזרת ת״ח, אוועק פון פּוילן, איז ער אָנגעקומען קיין דייטשלאַנד. האָט העלישער קהלה אים געוואָלט נעמען פאַר אַ רב, מחמת דער ש״ך האָט שוין גע׳שם׳ט אַף דער וועלט מיט זיין פּירוש אַף „יורה דעה״. פונדעסטוועגן האָבן העלישער פּרנסים אָנגעפרעגט דעם ניקלשבורגער רב, ר׳ מענדל קראָכמאַל, צי איז דער ש״ך ראוי צו זיצן אַף העלישער רבנות. גראָד איז דעמאָלט ר׳ ר׳ העשל געקומען קיין ניקלשבורג. ווייזט אים ר׳ מענדל דעם בריף פון העלי־שער קהלה און פרעגט אים, וואָס איז זיין חות־דעת.

— איר פרעגט מיך — ענטפערט ר׳ ר׳ העשל — אַף מיין תלמיד ר׳ שבתי׳ן? וועל איך אייך זאָגן. ס׳וואָלט געווען כדאי, אַז איר זאָלט אים אָפּגעבן ניקלשבורגער רבנות און אַליין גיין קיין העלישוי...

ר׳ מענדל, אַליין אַ צדיק, אַן עניו, האָט ר׳ ר׳ העשל׳ס תשובה אָפּגעשריבן די העלישער פּרנסים און דער ש״ך איז דאָרט געוואָרן רב.

691

בעת דער ב״ח איז געווען רב אין קראָקע, איז ער אַמאָל געקומען אין אַ שטעטל פון דער סביבה. איז ער אַריין צום היגן רב. — מרא דאתרא. גראָד איז געקומען פאַרן רב אַ שאלה. האָט דער רב גע׳פּסק׳נט. איז חעם ב״ח דער פּסק נישט געפעלן געוואָרן.

— איר ווייסט, — זאָגט דער ב״ח צום רב — ס׳וואָלט געווען אַ יושר גדול, אַז מיר זאָלן זיך ביטן מיט אונזערע רבנות׳ן, איר זאָלט גיין קיין קראָקע און איך זאָל דאָ בלייבן רב.

— וואָס רעדט איר, רבי? — חידוש׳ט זיך דער רב — ווי קום איך צו אייך?

— פאַרשטייט איר מיך, — ענטפערט דער ב״ח — אין קראָקע זיי־נען פאַראַן גענוג מורי־הוראות, וואָס קענען פּסק׳נען אַ שאלה. אָבער דאָ, ביי אייך אין שטעטל, זע איך, איז נישטאָ ווער ס׳זאָל פּסק׳נען אַ שאלה...

692

ר׳ יום־טוב־ליפּמאַן, דער „תוספות יום־טוב״, הגם ער איז געװען רב אין גרױסע קהלות, דהיינו: ניקלשבורג, װין, פּראַג, קראָקע, האָט ער תּמיד געלעבט בצמצום. ער איז נזהר געװען נישט צו נעמען קיין מתנות.

אַז ער איז נפטר געװאָרן, אין קראָקע, האָט ער אַפילו אױף קיין תכריכים נישט געלאָזן...

693

בעת ר׳ יעקב־יוסף, דער „תולדות״, איז אָנגעקומען אױף ראַשקעװער רבנות, איז ער געװען אַן עושר פון ס׳ אַלף.

בעת ער האָט אָנגעהױבן נוטה זיין צו חסידות, האָט ער זיך אַרומ־געזען, אַז ער האָט זיין געלט נישט כשר פאַרדינט, גענומען ביי אידן פּסק־געלט, קנס־געלט. האָט ער געלאָזט אױסרופן בחרם, אַז איטלאַכער, פון װעמען ער האָט גענומען נישט קיין כשר געלט, זאָל קומען אָפּ־נעמען.

אַזױ האָט ער צעטײלט זיין גאַנץ פאַרמעגן, ביז ער איז געבליבן אַן אָרימאַן, אַן אביון...

694

בעת אין פּרעשבורג איז נפטר געװאָרן דער רב, ר׳ מאיר, און קהל האָט אָנגעהױבן קלערן װעגן אַ ממלא מקומו, איז געבליבן, בהסכם כולם, שיקן אַ כתב־רבנות ר׳ יצחק חריף, סאַמבורער רב. האָט׳ן אַװעקגעשיקט ס׳כתב־רבנות מיט אַ בריװ צום סאַמבורער ראש־הקהל, ער זאָל איבער־געבן דעם רב, ר׳ יצחק׳ן. דער סאַמבורער ראש־הקהל, ר׳ יונה, איז גע־װען דעם רב׳ס אַן אוהב נאמן, האָט ער געזשאַלעװעט, דער רב זאָל אַװעק פון סאַמבור. האָט ער דעם בריװ דעם רב נישט אָפּגעגעבן.

אַװעק עטלאַכע װאָכן — נישטאָ קיין תשובה פון ר׳ יצחק׳ן. שרייבט פּרעשבורגער קהל נאָך אַמאָל קיין סאַמבור. ר׳ יונה האָט דעם בריװ אױך נישט אָפּגעגעבן.

זעט פּרעשבורגער קהל, אַז ר׳ יצחק װיל נישט גיין קיין פּרעשבורג, בלייבט מ׳זאָל שיקן אַ כתב־רבנות ר׳ משולם איגרא, טישמעניצער רב. שיקן זיי אים אַ כתב־רבנות מיט אַ בריװ און שרייבן אים, אַז זיי האָבן צװיי מאָל אָנגעבאָטן אַ כתב־רבנות ר׳ יצחק חריף, האָבן אָבער פון אים קיין תשובה נישט.

ר׳ משולם איז מרוצה געװאָרן צו גיין קיין פּרעשבורג. היות מ׳האָט אָבער ס׳רבנות קודם אָנגעבאָטן ר׳ יצחק׳ן, איז ער געפאָרן קיין סאַמבור

נעמען ביי ר׳ יצחק׳ן רשות. ר׳ יצחק האָט אים מקבל געווען בסבר פּנים יפות, געפּראַוועט לכבודו אַ גרויסע סעודה און פאַרבעטן אַלע נכבדים פון שטאָט.

ביים טיש דערציילט ר׳ משולם מכח וואָס ער איז געקומען און פרעגט ר׳ יצחק׳ן, צי ער האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך בהחלטה גמורה נישט אָנצונעמען פרעשבורגער רבנות. קוקט אים ר׳ יצחק אָן. ער ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגן, ער האָט קיין כתב־רבנות פון פרעשבורג קיינמאָל נישט געקראָגן.

ווערט דעם ראש־הקהל איינגג, נעמט ער אַרויס די צוויי בריוו פון קעשענע און לייגט אַוועק אַפן טיש פאַר ר׳ יצחק׳ן.

— אויב אַזוי, — מאַכט ר׳ משולם — גיי איך נישט קיין פרעש־בורג. ס׳רבנות איז אייערס.

— ניין, — זאָגט ר׳ יצחק — מן השמים האָט׳ן געוויזן, אַז איר דאַרפט זיין פרעשבורגער רב.

און אַזוי איז ר׳ משולם געוואָרן רב אין פרעשבורג.

695

ר׳ לייב הורוויץ, וואָס איז געווען מפורסם פאַר אַ גאון־עולם, איז זעכציק יאָר געווען רב אין סטאַניסלאַוו. די אַלע יאָרן האָט ער זיך נוהג געווען צו זיין סנדק ביי איטלאַך ברית אין שטאָט. אויב דער בעל־ברית איז געווען געדריקט אין מצב, פלעגט ר׳ לייב אים שיקן אַ מתנה און זיין סנדקאות.

אַ יאָר פאַר דער פּטירה זיינער, מאַכט זיך אין סטאַניסלאַוו אַזאַ מעשה:

אַ איד, וואָס איז אַריינגעפאָרן קיין סטאַניסלאַוו פון דער סביבה, האָט געמאַכט אַברית. האָט ער מכבד געווען מיט סנדקאות דעם בעל־הבית זיינעם, אַ איד אַ תלמיד־חכם און אַ ירא־שמים. דער ברית איז געווען ערב־שבת.

אַז ר׳ לייב איז דערפון געוואויר געוואָרן, האָט ער שטאַרק מקפּיד געווען.

— אַזוי? — מאַכט ער — מ׳שעמט זיך שוין מיט לייבוש׳ן?...

און תיכף זונטאָג איז ער אַרויסגעפאָרן קיין טישמעניץ. דאָרט איז׳ן אים אַרויס אַנטקעגן מיט כלי־זמרים און אים אַוועקגעזעצט מיט גרויס כבוד אַפן כסא־הרבנות.

696

פראַנקפורט און ניקלשבורג האָבן ביידע אין איין צייט געזוכט אַ רב. איז ביי זיי געבליבן, נעמען די צוויי ברידער, ר׳ שמעלקי און ר׳

פינחס. און היות פראנקפורט איז געווען א גרעסערע און א חשוב׳ערע קהלה ווי ניקלשבורג, האבן די קהלות נישט געוואלט מכריע זיין, ווער פון די ברידער זאל גיין אף פראנקפורטער רבנות און ווער — אף ניקלש־בורגער. די ברידער אליין האבן אויך נישט געקענט מכריע זיין. ר׳ שמעלקי, הגם ער איז געווען דער עלטערער, האט געהאלטן, אז ר׳ פינחס איז מער למדן פאר אים און ער איז גיכער ראוי צו זיצן אף פראנקפורטער רבנות. ר׳ פינחס האט נישט געוואלט גיין קיין פראנקפורט, מחמת ר׳ שמעלקי איז עלטער. איז ביי זיי געבליבן, זיי וועלן פארן קיין מעזעריטש צום מגיד און ווי ער וועט זאגן אזוי וועט זיין.

אז די ברידער זיינען געקומען צום מגיד, האבן זיי זיך אנגעהויבן האמפערן, ווער עס זאל אריינגיין פריער. איטלאכער האט אפגעגעבן כבוד דעם אנדערן.

זעט דער מגיד ווי זיי האמפערן זיך. זאגט ער:

— דער ניקלשבורגער רב זאל אריינגיין פריער, ער איז עלטער.

און אזוי איז ר׳ שמעלקי געווארן רב אין ניקלשבורג און ר׳ פינחס רב אין פראנקפורט.

697

ר׳ יחזקאל לאנדא, דער „נודע ביהודה", איז פאר פראג געווען רב אין א קליין שטעטל, אין יאמפעלי, און נאך נישט גע׳שמ׳ט אף דער וועלט.

בעת פראג האט געדארפט נעמען א רב, האט ר׳ יונתן פרעגער, וואס איז דעמאלט געווען רב אין האמבורג, געראטן די פרעגער ראשי־קהל נעמען דעם „נודע ביהודה". האבן זיי מסכים געווען.

— לויטן ש ד כ ן — זאגן זיי — פארשטייען מיר ווער דער מ ד ו ב ר איז...

698

בעת דער „נודע ביהודה" איז אנגעקומען אף פרעגער רבנות, האט ער דארט געהאט שארפע מתנגדים, וואס האבן געהאלטן, אז ער איז נישט ראוי צו זיין רב אין אזא קהלה ווי פראג. די מתנגדים האבן אים אנגעטאן גרויסע נגישות און אים פאראומערט ס׳לעבן.

איינמאל האבן זיי אים זייער מצער געווען. איז ר׳ יחזקאל אוועק אהיים, אריין צו זיך אין בית־מדרש און זיך שטארק פאנאנדערגעוויינט.

— רבי, — קלאפט׳ן אים אן אין פענסטער — מיט וויינען קען מען קיין פרעגער רב נישט זיין...

*בעת ר׳ יחזקאל לאנדא איז אנגעקומען אף פרעגער רבנות, האט קהל געלאזט מאכן פאר אים א נייעם שטול, א כסא־רבנות. איז אבער דער שטול געווען געמאכט נישט לויט ר׳ יחזקאל׳ס הויך.

אז ר׳ יחזקאל האט זיך צום ערשטן מאל געזעצט ביים טיש לער־נען פארן עולם, האט ער געמוזט דעם קאפ אראפבויגן צום טיש, מחמת ער איז געזעסן צו הויך.

— רבי, — רופט זיך אן פון טיש ר׳ זרח אידליץ, איינער פון ר׳ יחזקאל׳ס שארפסטע מתנגדים — משמעות, אז דער שטול איז פאר אייך צו הויך...

— ניין, — מאכט ר׳ יחזקאל. — דער טיש איז פאר מיר צו נידריק...

699

בעת ר׳ לייב, דער „שאגת אריה", איז געווען רב אין וואלאזשן, האט ער געקראגן שכירות דריי גילדן א וואך. געלעבט האט ער אין גרויס דחקות, נישט געהאט קיין שבת׳דיקן בגד, געגאנגען אין אן אלטע קאפאטע סיי וואך סיי שבת. ס׳ווייב זיינס, די רבי׳צן, איז געגאנגען אין פרעמדע הייזער קנעטן דייזשעם פאר עטלאכע גראשן.

איינמאל האט דער „שאגת אריה" געבעטן, מ׳זאל אים מוסיף זיין א האלבן גילדן א וואך, היות דאס שכירות איז אים נישט מספיק. האט קהל גערופן אן אסיפה און ס׳איז געבליבן בהסכם כולם, אז מ׳קען דעם רב קיין הוספה נישט געבן. נישטא פון וואנען.

און דער „שאגת אריה" איז אוועק פון וואלאזשן.

700

בעת ר׳ לייב, דער „שאגת אריה", איז אוועק פון וואלאזשן, האט ס׳ווייב זיינס, די רבי׳צן, איבערגעלאזן איר מולטער ביי א שכנה.

אז דער „שאגת אריה" איז שוין געווען רב אין מעץ, זיצט ער אמאל ביי זיך מיט די טובי העיר. הערט ער, עמיצער גייט אף די טרעפ.

— דאס גייט — זאגט דער „שאגת אריה" — א וואלאזשינער.

— אין וואס דערקענט איר, רבי? — פרעגט מ׳ן אים.

— אן דעם חוצפה׳דיקן גאנג — זאגט דער „שאגת אריה".

* זע ד. וו. ד. ערשטער כרך, נומער 106, ז. 69. דורך א טעות ווערט דארט די מעשה דערציילט נישט ריכטיק. מיר דרוקן זי דא איבער אין ריכטיקן נוסח.

און כך הוה. אַ וואָלאָזשינער בעל־הבית איז אַריין, גיט אים דער „שאגת אריה" שלום און בעט אים זיצן.

שמועסנדיק, רופט זיך אָפּ דער וואָלאָזשינער בעל־הבית צום „שאגת אריה":

— אַז עקשנות, רבי, געווען פון אייך אַוועקצוגיין פון וואָלאָזשן צוליב אַ האַלבן גילדן. איר וואָלט נאָך עד היום געווען ביי אונז רב און זיך אַליין נישט גורם היזק געווען. די מולטער אַייערע, וואָס איר האָט געלאָזן, איז שוין אַ שברי־כּלי...

701

בעת ר' ליב, דער „שאגת אריה", איז געווען רב אין מינסק, האָט ער זיך פּאַר עפּעס איינגעריסן מיט די ראשי־קהל. דער „שאגת אריה" איז, כידוע, געווען אַ גרויסער קפּדן און האָט קיינעם נישט געשוינט. האָבן די ראשי־קהל גערופן אַן אסיפה און ס'איז געבליבן אַרויספירן דעם רב אַף אַקסן פון שטאָט.

און מ'האָט אַזוי געטאָן.

ערב־שבת האָט'ן דעם „שאגת אריה" אַרויפגעזעצט אַף אַ פּאָר אָקסן און אים אַרויסגעפירט פון שטאָט.

אַז דער „שאגת אריה" איז שוין געווען הינטערן עירוב, קערט ער זיך אום מיטן פּנים צום שטאָט און זאָגט:

— וואָס, מינסק ברענט נאָך נישט?...

702

אין מעץ איז געווען אַן אַלטער מנהג, אַז דער רב, וואָס איז אָנגעקומען אַף מעצער רבנות, האָט פאַרבעטן צו זיך אַף קאַווע די טובי העיר. אַ טאָג פריער פלעגן די נגידות פון שטאָט אַריינשיקן דער רבי'צן קאַווע, צוקער מיט אַלע איבעריקע מכשירים.

בעת דער „שאגת אריה" איז אָנגעקומען פון דער אָרימער ליטע קיין מעץ, האָט ער זיך נוהג געווען ווי דער מנהג המקום און פאַרבעטן אַף קאַווע די פּני פון שטאָט.

דער עולם איז געקומען, זיך אויסגעזעצט אַרום טיש, דער „שאגת אריה" בראש. זיצט'ן און מ'שמועסט, אין תורה, אין מילי דעלמא — ווערליק אַזאַ מסיבה. אַ ווײַלע שפּעטער דערלאַנגט די רבי'צן קאַווע. דער עולם נעמט טרינקען — די קאַווע איז ביטער, אָן צוקער. נאָר קיינער רעדט אַ וואָרט נישט. איטלאַכער מיינט, אַז אין זיין גלאָז האָט'ן פאַר־געסן אַריינלייגן צוקער.

אז דער עולם איז פארטיק געוואָרן מיט דער קאַווע און מ׳האָט אַראָפּגענומען די גלעזער פון טיש, קומט אַריין די רבי׳צן מיט אַ שיסל צוקער און שטעלט אַוועק פאַר די אורחים...

703

בעת ר׳ לוי־יצחק איז אָנגעקומען אויף באַרדיטשעווער רבנות, האָט ער דאָרט געהאַט גרויס מחלוקת.

אין באַרדיטשעוו איז געווען איינער, ברוך וויינשיינקער, אַ איד אַ תקיף און אַ גרויסער חשוב ביים פּריץ. איז ער געווען פון רב׳ס מתנגדים.

איינמאָל, אין ערב־שבת, בעת דער רב איז נישט געווען אין שטאָט, האָט ברוך גענומען די רבי׳צן מיטן בני־בית, זיי אַרויפגעזעצט אויף אַ מיסט־וואָגן און אַרויסגעפירט פון שטאָט.

האָבן חסידים מרעיש עולם געווען: אַזאַ נבלה!

מוצאי־שבת, תיכף נאָך הבדלה, האָבן עטלאַכע חסידים געדונגען אַ פור און אַוועקגעפאָרן צו ר׳ וועלוול זשיטאָמירער.

געקומען קיין זשיטאָמיר, זיינען זיי תיכף אינדערפרי אַריין צו ר׳ וועלוולען און אים דערציילט די מעשה. הייסט זיי ר׳ וועלוול קומען נאָכן דאַווענען. איז ביי זיי ברור, אַז בעת׳ן דאַווענען וועט ר׳ וועלוול מעניש זיין דעם תקיף.

געקומען נאָכן דאַווענען, זאָגט זיי ר׳ וועלוול:

— וואָס קען איך טאָן? נאָך איידער כ׳האָב גענומען דעם סידור אים מעניש זיין, איז שוין ר׳ לוי־יצחק געשטאַנען מיטן תהלים און פאַר אים מתפלל געווען...

704

בעת ר׳ דוד, דער „גליא מסכת", איז געווען רב אין נאָוואָרעדאָק, האָט ער געקראָגן שכירות גאַנצע דריי רובל אַ וואָך און אויך דאָס נישט אַלע וואָך.

האָט אים אַמאָל איינער געפרעגט:

— רבי, וויפיל קריגט איר שכירות אין נאָוואָרעדאָק?

— דריי רובל די וואָך — זאָגט ר׳ דוד.

— רבי, — חידוש׳ט זיך יענער — וואָס עפּעס: די וואָך? פאַר־וואָס זאָגט איר נישט: דריי רובל אַ וואָך?

— כ׳מיין — זאָגט ר׳ דוד — די וואָך, וואָס כ׳קריג שכירות...

705

ווילנע האָט אַמאָל געוואָלט נעמען ר׳ עקיבא אייגערן פאַר אַ רב. גע־וועזן דער גדול הדור. האָט קהל אויסגעריכט אַ פּאָר חשובים, פון די פּני, זיי מיטגעגעבן אַ כתב־רבנות און געשיקטע קיין פּויזנע.

געקומען קיין פּויזנע, זיינען די שלוחים תיכף אוועק צו ר׳ עקיבא אייגערן. איז זיי ר׳ עקיבא אייגער מקבל בסבר פנים יפות, גיט זיי שלום און בעט זיי זיצן.

— פונוואַנען זיינען אידן? — פרעגט ער זיי.

— פון ווילנע — זאָגן זיי.

— אודאי — זאָגט ר׳ עקיבא אייגער — געקומען קיין פּויזנע מכח מסחר.

— ניין, רבי, — זאָגן די שלוחים. — מיר זיינען געקומען צו אייך. ווילנער קהלה וויל האָבן די זכיה, איר זאָלט זיין ביי זיי רב. — און אַזוי ריידנדיק, נעמען זיי אַרויס דעם כתב־רבנות און לייגן אוועק פאַר אים.

ווי ר׳ עקיבא אייגער האָט׳ס דערזען, איז ער געוואָרן אַ פאַרציטער־טער.

— חלילה, — זאָגט ער. — ווי קום איך צו זיין אַ רב אין אַזאַ קהלה קדושה ווי ווילנע. כ׳בין קוים ראוי צו זיין אַ ש מ ש אין ווילנע...

706

ר׳ נפתלי ראָפּשיצער האָט אַמאָל געזאָגט:

— כ׳האָב נישט געוואָלט זיין קיין רב, מחמת אַ רב חנפ׳נט די בעלי־בתים. האָב איך מיך מיישב געווען: כ׳וועל ווערן אַ שניידער. זע איך, אַ שניידער חנפ׳נט אויך. האָב איך געוואָלט ווערן אַ שוסטער. זע איך, אַ שוסטער חנפ׳נט אויך. האָב איך שוין געוואָלט ווערן אַ בעדער. זע איך, אַפילו אַ בעדער חנפ׳נט. אויב אַזוי, זאָג איך, טאָ מיט וואָס איז אַ רב ערגער? בין איך געוואָרן אַ רב.

707

בעת ר׳ נפתלי איז אָנגעקומען אַף ראָפּשיצער רבנות, האָט ער, ווי דער מנהג איז, געזאָלט האַלטן שבת אַ דרשה אין שול. איז ער אַרויף אַף דער בימה און אַזוי געזאָגט:

— רבותי, אַ רב, אַז ער זאָגט אַ דרשה, דאַרף זאָגן אמת און בקיצור און פון דער סדרה. וועל איך אייך זאָגן אַלע דריי אין איין וואָרט: כ׳ווייס נישט וואָסער סדרה ס׳גייט היינט...

708

בעת ר׳ נפתלי איז אָנגעקומען אויף ראָפּשיצער רבנות, איז די ערשטע שאלה, וואָס מ׳איז אים געקומען פרעגן, געווען טריפה. האָט ער אָבער נישט געוואָלט ברייננען פאַרן מויל: טריפה, האָט ער אַזוי געענטפערט די שאלה:

— ווען ס׳וואָלט געווען אַזוי און אַזוי, וואָלט געווען כשר; אַצונד, אַז ס׳איז נישט אַזוי, טאָ זאָג דו...

709

בעת ר׳ יהודה איז געווען רב אין ליסע, האָט אַמאָל דער פרנס פון שטאָט נישט צייט־דין געווען. שיקט ר׳ יהודה אים דריי מאָל אַ התראה און צום דריטן מאָל איז ער אויף אים גוזר בחרם.

קומט דער פרנס צולויפן מיט כעס און זאָגט:

— רבי, אַט אַזוי צאָלט איר מיר אָפּ פאַר דער טובה, וואָס כ׳האָב אייך גענומען אויף ליסער רבנות?

ווי ר׳ יהודה האָט׳ס דערהערט, האָט ער אָנגעהויבן וויינען און גע־זאָגט צום משרת זיינעם:

— גיי דינג מיר אַ פור, כ׳פאָר שוין אַרויס פון ליסע...

710

ר׳ טבלי, ר׳ הירש בערלינער׳ס זון, איז געווען רב אין מאַנהיים, אין לאָנדן און אין בערלין.

האָט ער געהאַט אַ ווערטל:

— אין מאַנהיים האָב איך געהאַט אידן און נישט געהאַט קיין געלט. אין לאָנדן האָב איך געהאַט געלט און נישט געהאַט קיין אידן. אין בערלין האָב איך נישט קיין אידן, נישט קיין געלט...

711

אַ יונגערמאַן איז אַמאָל געקומען צו ר׳ לייזער קעלמער נעמען סמיכה. ר׳ לייזער שמועסט מיטן יונגנמאַן אין לערנען — אַ גאַנץ וואוי־לער, איז אָנגעלערנט און אָנגעקוקט.

— ווי איז, — גיט אים פּלוצלונג ר׳ לייזער אַ פרעג — אַז איינער שניידט זיך איין אַ פינגער אום שבת און ס׳בלוט רינט?

— איין ווייַלע, רבי, — מאַכט דער יונגערמאַן — כ׳וועל איינקוקן אין „שולחן־ערוך“.

— ניין, יונגערמאַן, — זאָגט אים ר׳ לייזער — איר טאָרט קיין רב נישט זיין. איידער איר וועט איינקוקן אין „שולחן־ערוך" וועט דערווייל אַ איד אָפּגיין מיט בלוט...

און ער האָט אים קיין סמיכה נישט געגעבן.

712

בעת ר׳ ראובֿ׳על דענעבורגער איז געווען רב אין נעסוויזש, האָט ער גענומען דריי גילדן אַ וואָך. ער האָט אָבער מיט דעם נישט געקענט אויסקומען און געלעבט אין גרויס דחקות. האָט ער געבעטן אַ גילדן אַ הוספה. האָט קהל גערופן אַן אסיפה און ס׳איז געבליבן נישט צו געבן דעם רב קיין הוספה. ר׳ ראובֿ׳על האָט קיין ברירה נישט געהאַט און ער האָט געמוזט אַרויספאָרן פון נעסוויזש.

הינטערן שטעטל, האָט ער געהייסן אָפּשטעלן די פור: טאָמער וועט׳ן אים אומקערן. ס׳איז אים געווען שווער אַוועקצוגיין פון נעסוויזש, וואו ער איז אָפּגעווען אַזויפיל יאָרן.

איז׳ן געקומען אָנזאָגן דעם פּרנס:

— דער רב וואַרט הינטערן עירוב.

— זאָל ער פאָרן, — ענטפערט דער פּרנס. — ניש־קשה, מיר׳ן קריגן אַ רב פאַר דריי גילדן אַ וואָך...

713

ר׳ אייזל חריף איז אַמאָל געווען רב אין אַן אָרימע קהלה. איז נישט געווען פונוואַנען צו צאָלן דעם רב שכירות. האָט קהל גערופן אַן אסיפה און ס׳איז געבליבן אַן עלה במוסכם: אָפּגעבן דעם רב דעם קהל׳שן מרחץ, זאָל ער אַריינזעצן אַ מענטשן און וויפיל ס׳וועט בלייבן ריינע הכנסה, אַזויפיל וועט ער האָבן.

איינמאָל, ערב שבת, טרעפט אַן ר׳ אייזל דעם ראשהקהל, אַ איד אַ גביר און אַ גס, בעת יענער גייט פון מרחץ.

— איר ווייסט, רבי, — זאָגט דער ראש־הקהל — היינט איז אין מרחץ געווען אַ דוחק אין וואַסער און היינט איז׳דאָך ערב שבת.

— אַזוי? — גיט ר׳ אייזל אַף אים אַ בייזן קוק — אַ בעדער בין איך שוין ביי אייך, ווילט איר נאָך כ׳זאָל זיין ביי אייך אַ באָד־גוי אויך?...

714

ר׳ אייזל חריף איז אַמאָל, ערב־שבת, געזעסן אין מרחץ. האָט איינער, אַ פּראָסטער איד, אַ טעות געהאַט, געמיינט אַז ס׳איז זיינער אַ באַקאַנ־

טער, איז ער צו צו אים פון הינטן און אים א שמיץ געטאן מיט א ריטל.

אז ר׳ אייזל האט אומגעקערט ס׳פנים און יענער האט דערזען, אז ס׳איז דער רב, איז ער געווארן א פארציטערטער און אנגעהויבן:

— רבי, זייט מיר מוחל, כ׳האב נישט געוואוסט...

— קיין אחריות נישט, — שמייכלט ר׳ אייזל. — פון הינטן ביז איך קיין רב נישט...

715

אין מאליוו איז געווען א איד א גביר, ר׳ חצקאל ראטנער. אחוץ זיין עשירות איז ער געווען א גרויסער למדן, א מחבר פון ספרים. און ווי די טבע פון אן עושר איז ער געווען ביי זיך זייער תקיף, געזאגט א ברייטע דעה אין אלע קהל׳שע ענינים, בפרט אין רבנות. אלע מאליווער רבנים האבן פון אים געהאט גרויסע רדיפות. אפילו דעם מלבי״ם האט ער נישט נושא פנים געווען און געהאט מיט אים מחלוקת.

איז אוועק א צייט און מאליוו האט קיין רב נישט געקענט צוקלייבן. וואסער רב ס׳האט געזאלט אנקומען, האט ער ביי ר׳ חצקאל׳ן נישט נושא־חן געווען. און אז ר׳ חצקאל זאגט ניין — איז ניין.

האט ר׳ יאשע־בער בריסקער געזאגט:

— מאליוו וועט קיין רב נישט קריגן. מחמת ר׳ חצקאל וויל אזא רב, וואס קען לערנען ווייניקער פון אים און אזא רב איז במציאות נישטא...

716

ר׳ שמואל מאליווער, ביאליסטאקער רב, איז, כידוע, געווען א גרויסער עסקן אין כלל־ענינים, בפרט אין ישוב ארץ־ישראל. מיט שטאטישע ענינים האט ער זיך קנאפ־וואס אפגעגעבן. ער פלעגט אפט מאכן ווייטע נסיעות, אפפארן פון שטאט אף וואכן און חדשים. און אפילו בעת ער איז געווען אין ביאליסטאק, האט ער אויך מער אין זינען געהאט דעם כלל־ישראל מיט זיינע ענינים, ווי די שטאט ביאליסטאק מיט אירע הצטרכות׳ן.

נישט איינמאל האט געטראפן, אז ר׳ שמואל פלעגט לאזן זיצן די פני פון שטאט, די טובי־העיר, און אפזיצן שעה׳ען ביי זיך אין חדר מיט א יונגנמאן, וואס האט זיך גע׳עוסק׳ט אין ישוב ארץ־ישראל.

איז אין שטאט ארומגעגאנגען א ווערטל:

— ר׳ שמואל איז נישט ביאליסטאקער רב, נאר א רב אין ביאליסטאק...

אַף רבנות

717

בעת ר׳ אליה־חיים האָט אָנגענומען לאַדזשער רבנות, האָט גאַנץ שטאָט זיך געגרייט אים מקבל־פּנים זיין מיט גרויס כבוד, ווערליק אַזאַ גדול בישראל. דעם טאָג, וואָס ר׳ אליה־חיים האָט געדאַרפט אָנקומען, איז אַרויס צו דער באַן אַ גרויסער עולם, אָנגעטאָן בגדי־שבת, די פּני פון שטאָט — בראש און מ׳וואָרט אַף דעם רב. דער צוק איז געקומען — ר׳ אליה־חיים איז נישטאָ. בלייבט דער גאַנצער עולם ווי מבולבל. איז עפּעס, חלילה, געשען מיטן רב, וואָלט׳ן דאָך מודיע געווען. נישט אָנ־דערש, דער רב האָט חרטה געהאַט און איז געבליבן אין לאָמזע.

אַף מאָרגן פאָרט אַ לאַדזשער בעל־הבית מיט דער באַן קיין לאָדזש. לעבן אים אין וואַגאָן זיצט אַ שיינער איד, אַ הדרת־פּנים. צעשמועסט׳ן זיך:

— פונוואַנען איז אַ איד?

— אַ לאַדזשער.

— וואָס הערט זיך ביי אייך אין לאָדזש?

— וואָס זאָל זיך הערן? ווי אין אַ אידישע שטאָט. פאַראַן גבירים, פאַראַן אביונים. דעם גביר איז וואויל, דעם אָרימאַן, נעבאָך, איז ביטער.

— ס׳הייסט? נישטאָ גאָר ביי אייך קיין תלמוד־תורות, קיין גמילות־חסדים, קיין ביקור־חולים?

— כמעט ווי נישט. לאָדזש האָט קיין מזל נישט. אָט האָבן מיר גענומען דעם לאָמזער רב, ר׳ אליה־חיים. געמיינט, אַז די שטאָט וועט שוין אויפגעריכט. האָט ער, הפּנים, חרטה געהאַט. האָט געזאָלט נעכטן קומען, גאַנץ שטאָט איז אַרויס צו דער באַן און — איז נישט געקומען.

אַזוי שמועסנדיק איז׳ן אָנגעקומען אין לאָדזש.

ביים אַראָפּגיין, זאָגט דער פרעמדער איד צום לאַדזשער:

— אייער רב האָט נישט חרטה געהאַט, ער איז שוין אין לאָדזש.

אַז דער פרעמדער איד האָט זיך אָפּגעזעגנט און אוועק אין שטאָט, כאַפּט זיך ערשט דער לאַדזשער בעל־הבית ווער דער איד איז געווען.

באַלד איז׳ן דערפון געוואָיר געוואָרן אין שטאָט. לויפן תיכף אוועק די ראשי־קהל אין בית־הרב — ר׳ אליה־חיים איז דאָ און זיצט שוין איבער אַ ספר.

— סטייטש, רבי, — הויבן זיי אָן — מיר האָבן זיך נעכטן געריכט אַף אייך, זיך געגרייט מקבל־פּנים זיין ווי געהעריק איז, צום סוף...

— ניין, — מאַכט ר׳ אליה־חיים — כ׳נעם נישט קיין געצאָלט פאַר־אויס. דערוויל וויים איך נאָך נישט, צי כ׳וועל עפּעס אויפטאָן אין לאָדזש...

718

ר׳ משה חפץ איז געווען רב אין טשאַוואוס. האָט ער דאָרט געהאַט גרוים מחלוקת. גראָד האָט פינסק געזוכט אַ רב. האָט ר׳ משה געוואָלט אַנקומען אַף פינסקער רבנות.

— פינסק — זאָגט ר׳ משה — דאַרף מיך גרייליך וועלן פאַר אַ רב. אַ פשוט׳ער קל־וחומר: מה דאָך טשאַוואוס, וואָס וויל נ י ש ט, כ׳זאָל זיין דאָ רב, וויל פונדעסטוועגן, כ׳זאָל זיין רב אין פינסק; היינט פינסק, וואָס וויל י אָ, כ׳זאָל זיין רב אין טשאַוואוס, דאַרף אודאי וועלן, כ׳זאָל זיין רב אין פינסק...

719

ר׳ ישראל־מאיר, דער „חפץ חיים", האָט קיינמאָל קיין רב נישט געוואָלט זיין. אַפילו אין די יונגע יאָרן, בעת ער איז געווען געדריקט אין מצב, האָט ער קיין רבנות נישט געוואָלט אָנעמען.

איינמאָל זיינען ראַדינער בעלי־בתים צוגעשטאַנען צו אים, ער זאָל אָנעמען ס׳שטעטלשע רבנות.

— רבי, — האָבן זיי מיט אים איינגע׳טענה׳ט — וואָס דאַרפן מיר נעמען אַ רב פון דער פרעמד, אַז מיר האָבן אייך אין שטעטל. קיין גרע־סערן פון אייך וועלן מיר אודאי נישט קריגן.

נאָך אַ לאַנגן ישוב־הדעת, האָט ר׳ ישראל־מאיר מסכים געווען און אָנגענומען אַ כתב־רבנות. ער האָט אָבער בפירוש אויסגענומען אַ תנאי, אַז אַלע בעלי־בתים זיינען זיך מתחייב אים צו פאָלגן.

אין אַ קורצע צייט אַרום, האָבן צוויי שטעטלשע בעלי־בתים געהאַט פאַר אים אַ דין־תורה. האָט איינער פאַרשפּילט. האָט ער נישט געוואָלט צייות־דין זיין. האָט ר׳ ישראל־מאיר תיכף אַריינגעשיקט ס׳כתב־רבנות צו די ראשי־קהל.

און ער איז שוין מער קיין רב נישט געווען. עד היום איז ער אַ ראַדינער בעל־הבית.

720

ר׳ מאיר סלוצקער איז געווען אַ גאון עולם און אַ צדיק תמים. ער איז עטלאַכע יאָר געווען רב אין סלוצק.

אַז זיינס אַן אייניקל, אַ מיידל, האָט אָנגעהויבן גיין אין גימנאַזיע, האָט זיך ר׳ מאיר אָפּגעזאָגט פון רבנות.

— אַז כ׳האָב נישט געקענט — האָט ער געזאָגט — מדריך זיין בדרך הישר מיינע אייגענע קינדער, טאָ ווי קען איך מדריך זיין אַ קהלה ביי אידן ?...

721

בעת ניו־יאָרק האָט געהאַלטן ביים נעמען אַ רב הכולל, האָט'ן אָנגעבאָטן ס'רבנות ר' הירש'ן, ר' יצחק־אלחננ'ס זון, וואָס איז דעמאָלט געווען רב אין מיטוי. האָט ר' הירש נישט אָנגענומען. ער וויל נישט גיין קיין אַמעריקע.

— רבי, — פרעגן אים די מקורבים — פאַרוואָס זאָלט איר טאַקע נישט גיין קיין אַמעריקע? אַזאַ רב ווי איר, וואָלט'אַך דאָרטן פאַרשטאַרקט אידישקייט.

— פאַרשטייט איר מיך, — ענטפערט ר' הירש — איך קען זיין אַ רב ביי אידן. מ אַ כ ן אידן — בין איך נישט ביכולת...

722

בעת ר' חיים־לייב, דער סאָסניצער עילוי, איז געווען רב אין סמאַרגאָן, איז אין שטאָט געווען אַ איד אַ גביר און אַ גרויסער קמצן, געהאַט אַ פאַרמאַכטע האַנט און זיך נישט געלאָזט געפינען אױף קהל'שע הצטרכות'ן.

איינמאָל איז דער גביר געזעסן ביים רב. זיצט'ן און מ'שמועסט. איז צוריד געקומען מכח קהל, כלי־קודש וכדומה.

— רבי, — פרעגט דער גביר — ווי מאַכט איר מיט חיונה?

— ווען כ'זאָל האָבן — זאָגט ר' חיים־לייב — אַ פיר־פינף בעלי־בתים ווי איר, וואָלט מיט חיונה קיין דאגה נישט געווען.

— האָט קיין פאַריבל נישט, רבי, — הויבט זיך דער גביר אָן מתנצל זיין — כ'שטעל מיך אפשר נישט אַזוי שיין, אָבער איר ווייסט'אַך, רבי, די צייט איז שלעכט, די הוצאה איז גרויס און מענטשן שאַצן תמיד מער...

— ניין, — שלאָגט אים איבער ר' חיים־לייב — כ'האָב אַזוי געמיינט: ווען כ'זאָל האָבן אַ פ י ר־פ י נ ף בעלי־בתים, ווי איר, וואָלט מיט חיונה קיין דאגה נישט געווען; די צרה איז, וואָס כ'האָב צ װ ײ־ה ו נ ד ע ר ט בעלי־בתים ווי איר...

723

ר' יהודה סאַטמאַרער פלעגט זייער שטאַרק מוסר'ן דעם עולם; פייערן, אַז זיי זיינען נישט פרום, גיבן נישט קיין צדקה וכדומה.

איינמאָל האָט ער געהאַלטן אַ פייערדיקע דרשה, געגאָסן פעך און שוועבל. אין מיטן שטעלט ער זיך אָפּ און זאָגט צום עולם:

— מיינט נישט, רבותי, אַז כ׳זאָג עס אַלץ פאַר אייך. באמת מיין איך עס מיך. נאָר היות כ׳ווייס, אַז איר זיינט נישט בעסער פאַר מיר, זאָג איך עס אַביסל העכער, כדי איר זאָלט אויך הערן...

724

אין קליוולאַנד איז געווען אַ רב, ר׳ יעקב אבן פּראַמער. האָט ער געהאַט גרוים מחלוקת מצד די בעלי־בתים; ווי ס׳טרעפט זיך אין אַ שטאָט. די בעלי־בתים האָבן געוואָלט, ער זאָל אַוועק פון קליוולאַנד און ער, כדרך הטבע, האָט דווקא נישט געוואָלט.

איז ר׳ יעקב אַמאָל אַרויף אַף דער בימה און געזאָגט דעם עולם:

— הערט זיך איין, רבותי. איר זאָלט וויסן איינמאָל פאַר אַלע מאָל, אַז איך בין קליוולענדער רב און קליוולאַנד איז מיין שטאָט. זיינט איר מרוצה — קענט איר אייך זיין קליוולענדער בעלי־בתים; אַלאַ נישט — קענט איר אייך גיין געזונטערהייט. איך האַלט אייך דאָ נישט...

צום רב

725

בעת ר׳ ר׳ העשל איז געווען רב אין קראָקע, האָבן אַמאָל צוויי גבירים געהאַט פאַר אים אַ דין־תורה. דער סכסוך איז געגאַנגען אין שווערע אַלפים. האָט זיך איינער פון די בעלי־דינים מקדים געווען, אַריין צום רב און אים געבעטן:

— רבי, היות כ׳האָב ביי אייך די טעג אַ דין־תורה, בעט איך אייך, איר זאָלט זען, אַז איך זאָל נישט באַ׳עוולט ווערן.

און אַף די רייד נעמט ער אַרויס הונדערט רענדלאַך און לייגט אַוועק פאַרן רב.

נעמט ר׳ ר׳ העשל צו ס׳געלט און הייסט דעם בעל־דין קומען מאָרגן.

ווי דער בעל־דין איז אַרויס, רופט ר׳ ר׳ העשל אַריין די רבי׳צן און הייסט זי מאַכן אַף ביינאַכט אַ גרויסע סעודה. און תיכף שיקט ער פאַרבעטן צו דער סעודה אַלע קינדער זיינע, די זין מיט די איידימס.

צו דער סעודה, בעת דער גאַנצער עולם איז געזעסן אַרום טיש, געגעסן, געטרונקען און זיך געלאָזט וואוילגיין, נעמט ר׳ ר׳ העשל אַרויס פון קעשענע די הונדערט רענדלאַך, האַלט זיי אין האַנט, ציילט איבער איין מאָל, אַ צווייטן מאָל, אַ דריטן מאָל. דער עולם אַרום טיש קוקט און וואַרט מיט דרך־ארץ: באַלד וועט דער טאַטע צעטיילן די רענדלאַך —

אף דעם האָט ער זיי פאַרופֿן. ר׳ ר׳ העשל האָט אַלץ ס׳גענלט אין האַנט און ציילט. אַז ער האָט שוין געהאַט איבערגעציילט עטלאָכע מאָל, לייגט ער אַריין ס׳געלט אין קעשענע און זאָגט צום עולם:

— איר זאָלט וויסן, קינדערלאַך, אַז דאָס געלט איז שוחד־געלט. איר הערט? שוחד־געלט! און שוחד טאָר מען נישט נעמען. — אַ בפירושער לאו אין דער תורה. כ׳האָב אייך בכיוון גערופן, איר זאָלט זען שוחד־געלט מיט אייערע אייגענע אויגן און אַנטלויפֿן פון דעם ווי פון פייער...

אף מאָרגן האָט ר׳ ר׳ העשל אָפּגעגעבן דעם בעל־דין די הונדערט רענדלאַך זיינע און אים שטאַרק אויסגע׳מוסר׳ט פאַר וועלן געבן שוחד. מחמת אַזוי ווי מ׳טאָר קיין שוחד נישט נעמען, אַזוי טאָר מען אויך קיין שוחד נישט געבן.

726

מ׳האָט אַמאָל געפרעגט ר׳ יונתן פראַגער:

— זאָגט אונז, רבי, פאַרוואָס, אַז ביי איינעם ווערט טריף אַ שאלה אף הונדערט רענדלאַך, שווייגט ער און האָט צו קיינעם קיין טענה נישט. טאָמער, חלילה, פאַרשפּילט ער אַ דין־תורה אף אַ רענדל, האָט ער טענות צום רב, צו די דיינים און איז מרעיש עולם.

— גאָר פּשוט, — מאַכט ר׳ יונתן. — אַ שאלה, אַז ס׳ווערט טריף, האָט ער היזק און קיינער געווינט נישט. אַ דין־תורה, אַז ער פאַרשפּילט, געווינט׳אַך דער בעל־דין זיינער, פאַרגינט ער אים נישט...

727

פאַר ר׳ הערשעלע אורנשטיין, בריסקער רב, איז אַמאָל געקומען אַ טשיקאַווע דין־תורה. צוויי אידענעס, שכנות אין איין הויז, האָבן אויסגעהאַנגען וועש. האָט׳ן איינערס וועש צוגע׳גנב׳עט. איז געוואָרן ביי זיי אַ סכסוך. די זאָגט: דיין וועש האָט׳ן צוגע׳גנב׳עט און געבליבן איז מיין וועש. און די אַנדערע זאָגט פאַרקערט: דיין וועש האָט׳ן צוגע׳גנב׳עט און מיין וועש איז געבליבן. זיינען זיי געקומען צום רב.

הייסט ר׳ הערשעלע ברייגנען ס׳איבערגעבליבענע וועש. האָט׳ן געבראַכט. שיקט ר׳ הערשעלע ביידע שכנות אַרויס און הייסט דעם וויב, די רבי׳צן, צוליינגן צום וועש אַ פּאָר שטיקלאַך פון אירע. רופט ער אַריין איין שכנה און פרעגט זי:

— ווייסטו דערקענען דיין וועש?

— יאָ, רבי, אוודאי — זאָגט די אידענע.

און הויבט אָן אויסלייגן: דאָס איז מיינס, דאָס איז מיינס, דאָס איז נישט מיינס...

הייסט ער ווידער צוזאַמענלייגן אַלע שטיקלאַך וועש און אַריינרופן דער אַנדערער.

— דערקען דיין וועש — זאָגט ער צו איר.

הויבט זי אָן אויסלייגן: דאָס איז מיינס, דאָס איז מיינס, מיינס, מיינס — ביזן לעצטן שטיקל.

— אין גאַנצן דיינס? — פרעגט זי ר׳ הערשעלע.

— יאָ, רבי, — זאָגט זי — אין גאַנצן.

— דו ביזט אַ גנב׳טע, — זאָגט איר ר׳ הערשעלע. — ס׳וועש געהערט יענער...

❦

728

בעת ר׳ וועלוועלע, דער „מראות הצובאות", איז געווען רב אין ביאַליסטאָק, האָבן אין גאַנץ פּוילן און ליטע גע׳שם׳ט צוויי אדירים: ר׳ זימל עפּשטיין און ר׳ קאַפּל האַלפּערן. זיי זיינען ביידע געווען שותפים און געפירט גרויסע געשעפטן, געהאַלטן פּאַדראַטן פון מלוכה, געבויט שאָסייען און בריקן און מפרנס געווען הונדערטער משפחות. זיי זיינען אויך געווען גרויסע בעלי־צדקה, זיך געלאָזט אומעטום געפינען און מיט אַ ברייטער האַנט. בקיצור — די צוויי שותפים זיינען געווען אַ שם־דבר. ר׳ וועלוועלע האָט זיי געקענט און זיי נוהג כבוד געווען.

איינמאָל האָבן זיי געהאַט צווישן זיך עפּעס אַ סכסוך. זיינען זיי אַראָפּגעפאָרן קיין ביאַליסטאָק האָבן אַ דין־תורה פאַר ר׳ וועלוועלען, וואָס איז געווען מפורסם פאַר אַ גאון עולם און אַ צדיק תמים.

אַ זייגער עלף אינדערפרי, ר׳ וועלוועלע זיצט אין טלית־און־תפילין און לערנט זיינע שיעורים, זעט דער שמש זיינער דורכן פענסטער, ווי עס שטעלט זיך אָפּ אַ קאַטש מיט פערד און די צוויי אדירים גייען אַרויס פון קאַטש און לאָזן זיך גיין צום בית־הרב. לויפט דער שמש צו אָן אָן אָטעם צו ר׳ וועלוועלען:

— רבי, ר׳ זימל עפּשטיין מיט ר׳ קאַפּל האַלפּערן זיינען געקומען.

— גיי פרעג זיי — זאָגט ר׳ וועלוועלע בנעימות — מכח וואָס זיינען זיי געקומען.

גייט דער שמש אַרויס און קומט צוריק מיט אַ תשובה:

— זיי זיינען געקומען האָבן אַ דין־תורה.

— רוף זיי אַריין — זאָגט ר׳ וועלוועלע, לאָזט אַראָפּ דעם טלית איבער די אויגן און בעט דעם דיין זיינעם זיך זעצן מיט אים.

אז די גבירים זיינען אריין, גיט זיי ר׳ וועלוועלע נישט קיין שלום, בעט זיי נישט זיצן, קוקט אפילו נישט אין זייער זייט און זאגט:

— זימל און קאפל, ווער פון אייך איז דער תובע, זאל טענה׳ן פריער.

ווערן די גבירים פארציטערטע. אף אזא ברוך־הבא האבן זיי זיך נישט געריכט. מ׳זאל זיי רופן ביים נאמען, אן א ר׳.

— איך בין דער תובע — האט ר׳ זימל קוים ארויסגערעדט.

— לאז הערן דיינע טענות — זאגט ר׳ וועלוועלע.

ווערט ר׳ זימל נאך מער געפאלן ביי זיך. דער רב אירצט אים אפילו נישט. מאכט ער זיינע טענות בקיצור.

— קאפל, וואס טענה׳סטו? — פרעגט ר׳ וועלוועלע דעם נתבע.

אויסגעהערט ביידנס טענות, שיקט זיי ר׳ וועלוועלע ארויס און שמועסט דורך מיטן דיין ווי דער פסק זאל זיין. פארטיק געווארן מיטן פסק, שיקט ער דעם שמש זיי אריינרופן און זאגט:

— על פי התורה איז דער דין אזוי. זימל, ביזטו מקבל?

— יא, רבי — ענטפערט ר׳ זימל.

— קאפל, ביזטו מקבל? — פרעגט ר׳ וועלוועלע דעם אנדערן בעל־דין.

— יא, רבי — ענטפערט ר׳ קאפל.

נעמט ר׳ וועלוועלע אראפ דעם טלית פון קאפ און גיט זיי שלום:

— שלום עליכם, ר׳ זימל! שלום עליכם ר׳ קאפל!

און הייסט דעם שמש גרייטן דעם טיש פאר די אורחים חשובים...

*

729

פארן אוועקפארן, ווילן די גבירים געבן פסק־געלט. וויל ר׳ וועלוועלע נישט נעמען.

— כ׳דארף קיין געלט נישט, — זאגט ר׳ וועלוועלע. — מיין הסתפקות האב איך פון שטאט. און קלייבן געלט איז א נארישקייט, מחמת מער ווי זארג, ווי דאס צו היטן, וועל איך פון דעם נישט האבן...

*

730

פאר ר׳ משה צייטלש האט׳ן אמאל געבראכט א אידן, וואס האט א צייט לאנג זיך אויסגעגעבן פאר א כהן, ביז מ׳איז דערגאנגען, אז ער איז א ישראל. האט ר׳ משה געהייסן אים שלאגן מלקות.

אז מ׳איז פארטיק געווארן מיט די מלקות, הייסט ר׳ משה שלאגן א צווייטן מאל מלקות.

— סטייטש, רבי, — טענה׳ט יענער — צוויי מאל מלקות פאר איין עבירה?

— יאָ, — מאַכט ר׳ משה. — דו האָסט גענומען צוויי עליות, „במקום לוי“ אויך...

731

פאַר ר׳ בעריש מייזלש, וואַרשעווער רב, איז אַמאָל געקומען אַזאַ דין־תורה:

אין וואַרשעווער אידישן שפּיטאָל איז איינער, אַ איד, געשטאָרבן. די יורשים זיינע האָבן געוואוסט, אַז ער האָט געהאַט ביי זיך היפּש געלט. האָט׳ן אָנגעהויבן זוכן, געזוכט אומעטום און נישט געפונען. איז געפאַלן דער חשד אַפן משרת, וואָס איז געגאַנגען אַרום חולה. נעמט׳ן זיך צום משרת — לייקנט ער שטיין און ביין, ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגן. ברענגט׳ן אים צום רב.

— האָסטו — פרעגט אים ר׳ בעריש — ס׳געלט נ י ש ט גענומען?

— ניין, רבי — האַלט זיך שטייף דער משרת.

— אויב אַזוי, — מאַכט ר׳ בעריש — וועסטו מוזן געבן דעם מת אַ תקיעת־כף.

ווערט דער משרת אַ ביסל אָפּהענטיק, מאַכט זיך האַרץ און זאָגט:

— יאָ, רבי, כ׳וועל געבן אַ תקיעת־כף.

רופט ר׳ בעריש אַריין צו זיך, אין אַ חדר מיוחד, אַ פּאָר פון זיינע מענטשן און זאָגט זיי:

— גייט אַוועק אין שפּיטאָל. איינער, אַ לעבעדיקער, זאָל זיך מאַכן פאַר אַ מת. און בעת דער משרת וועט אים געבן אַ תקיעת־כף, זאָל ער די האַנט זיינע האַלטן אַ ווײַלע און נישט אָפּלאָזן.

האָט׳ן אַזוי געטאָן.

מ׳האָט אַוועקגעלייגט אַ לעבעדיקן אַף דר׳ערד, אים צוגעדעקט מיט אַ ליילעך און געשטעלט ליכט צוקאָפּנס — ווי אַ מת.

אַ ווײַלע שפּעטער פירט׳ן אַריין דעם משרת און מ׳הייסט אים צוגיין צום טויטן, געבן אַ תקיעת־כף.

דער משרת גייט צו און נעמט אָן דעם טויטנס האַנט. וויל ער די האַנט אַרויסנעמען — קען ער נישט. דער טויטער לאָזט נישט אָפּ. ווערט ער בלייך ווי די וואַנט, פאַלט שיער נישט אין חלשות און הויבט אָן שרייען:

— גוואַלד! טשעפּעט מיך נישט! כ׳גיב אָפּ ס׳געלט.

732

ר׳ ליפּעלע ביאַליסטאָקער, דער „עונג יום־טוב“, איז געווען אַ גאון עולם און אַ חכם עתיק. געהאַט אַ שאַרפן קאָפּ, אַ גאונ׳ישע תפיסה. דעם

שווערסטן ענין אין מסחר האָט ער תיכּף דורכגענומען ווי אַ געניטער סוחר. פלעגן צו אים קומען די גרעסטע סוחרים מיט די פאַרפּלאָנטערט־סטע סכסוכים, מיט די שווערסטע דין־תורות, ר׳ ליפּעלע זאָל זיין דער בורר זייערער.

איינמאָל איז ר׳ ליפּעלע געזעסן אין אַ ברירה, וואו ס׳איז געגאַנגען אין שווערע אלפים. אין אַ ווײַלע האָט ר׳ ליפּעלע דעם סכסוך אויסגע־גליכן אַזוי, אַז ביידע צדדים זיינען געווען זייער צופרידן. פאַרן אַוועק־פאָרן האָבן זיי אים שיין באַדאַנקט און איבערגעלאָזן אַ היפּשע מטבע פסק־געלט.

האָט דר. זילבערבערג, איינער פון ר׳ ליפּעלעס מקורבים, אים גע־פרעגט:

— זאָגט מיר, רבי, כ׳בעט אייך, פאַרוואָס זאָל אַ רב זיין חשוב׳ער ווי אַ דאָקטער? אַ דאָקטער האָרעוועט אָפּ יאָרן־לאַנג ביז ער שטודירט אויס, ווערט פאַרשוואַרצט ביז ער קריגט אַ פּראַקטיקע, און נאָך אַלע־מען, אַז מ׳רופט אים צו אַ חולה, וואָס קריגט ער? אַ האַלבן רובל. איך, וואָס בין שוין אַ מפורסם אַ דאָקטער, קריג אַ רובל. און אַ רב זיצט אין אַ ברירה און קריגט פאַר איין שעה הונדערטער.

— כ׳וועל אייך זאָגן, פּאַני דאָקטער, — ענטפערט ר׳ ליפּעלע — דעם חילוק פון אַ רב ביז אַ דאָקטער. אַז צוויי בעלי־דינים האָבן אַ סכסוך צווישן זיך, האָבן זיי, כדרך הטבע, יסורים מיט קאָפּדרייעניש, שלאָפן קיין נעכט נישט. קומען זיי צום רב, נעמט דער רב איבער דעם גאַנצן סכסוך מיטן קאָפּדרייעניש און די בעלי־דברים קענען רוהיק שלאָפן. פאַר דעם איז דער רב ווערט מ׳זאָל אים גוט באַלוינען. אַ דאָקטער, אַז ער קומט צום חולה, פאַרשרייבט ער בלויז אַ רעצעפּט, איז געווג וויפיל מ׳גיט אים. זעט איר, ווען אַ דאָקטער זאָל איבערנעמען ביים חולה די קראַנקהייט מיט די יסורים, וואָלט ער טאַקע ווערט געווען כל הגעלטן...

733

אַ יונגערמאַן איז אַמאָל געקומען צו ר׳ אײַזל חריף נעמען סמיכה. גיט ר׳ אײַזל מיט אים אַ שמועס אין לערנען — אַ פּוסטע כלי.

— זאָגט מיר, — פרעגט אים ר׳ אײַזל — וואָס איז דער טייטש: „תנו רבנן“?

— רבי, — חידוש׳ט זיך דער יונגערמאַן — דאָס ווייסט דאָך אפילו אַ חדר־אינגל. „תנו רבנן“ איז טייטש: די רבנן האָבן געלערנט.

— ניין, — מאַכט ר׳ אײַזל — ס׳שטייט נישט: „רבנן תנו“ — די רבנן האָבן געלערנט. ס׳שטייט: „תנו רבנן“, איז טייטש: געלערנט האָבן די רבנן. קודם דאַרפ׳ן ל ע ר נ ע ן, דערנאָך ווערט׳ן אַ ר ב...

734

בעת ר׳ בנימין דיסקין, ר׳ יהושע־לייבס פאטער, איז געווען רב אין וואלקאוויסק, האבן אמאל צוויי גבירים פון שטאט, גרויסע סוחרים, געהאט ביי אים א דין־תורה. האבן זיי איינגעלייגט ביי אים פינף־טויזנט רובל ביזן פסק.

אין עטלעכע טעג ארום, קומט איינער פון די צוויי בעלי־דינים צו ר׳ בנימינ׳ען מיט א בקשה:

— רבי, כ׳הארף די טעג צאלן א וועקסל, וויל איך אייך בעטן, איר זאלט אזוי גוט זיין און מיר ארויסגעבן פונם שלישית־געלט צוויי־טויזנט רובל. די וואך וועל איך אייך זיי צוריק אריינטראגן.

שווייגט ר׳ בנימין.

— רבי, — שטייט נישט אן דעם גביר די מעשה — איר געטרויט מיר נישט? האכט זיך, איר קענט מיך, אז מיין ווארט איז א ווארט.

— ניין, — מאכט ר׳ בנימין — געטרויען געטרוי איך אייך, נאר אייער בעל־דין האט זיך שוין מקדים געווען. נעכטן איז ער געווען ביי מיר און געבעטן, כ׳זאל אים ארויסגעבן דריי־טויזנט רובל פונם שלישית־געלט.

— סטייטש, רבי! — כאפט זיך דער גביר פארן קאפ — איר זאלט עס טאן? ארויסגעבן שלישית־געלט?

— חלילה, — שמייכלט ר׳ בנימין — כ׳האב אים טאקע נישט גע־געבן...

735

א יונגערמאן א למדן איז אמאל געקומען צו ר׳ זלמן מארימפאלער נעמען סמיכה. שמועסט ר׳ זלמן מיטן יונגנמאן אין לערנען, אין ש״ס, אין פוסקים — דער יונגערמאן איז א וואוילער, איז ראוי צו זיין א רב ביי אידן.

— קענט איר — פרעגט אים ר׳ זלמן — דעם פינפטן „שולחן ערוך״? א רב דארפ׳ס נויטיק וויסן.

קוקט אים דער יונגערמאן אן.

— רבי, — חידוש׳ט ער זיך — כ׳האב נאך קיינמאל נישט געהערט, אז ס׳אי דא א פינפטער „שולחן ערוך״.

— דער פינפטער „שולחן ערוך״ — מאכט ר׳ זלמן — הויבט זיך אן: „לעולם יהא אדם״ — מ׳דארף תמיד זיין א מענטש...

736

מ׳האָט אַמאָל דערטראָגן צו ר׳ אליה־חיים לאָדזשער, אַז די מילכי־קער אין שטאָט וואַסערן די מילך.

שיקט ר׳ אליה־חיים רופן די מילכיקער. קומען זיי תיכף. דער רב רופט.

— הערט זיך איין, אידן, — זאָגט צו זיי ר׳ אליה־חיים — פאַר מיר איז אַצונד געקומען זייער אַ שווערע שאלה פון בשר וחלב. ס׳האַלט, אַז אין גאַנץ שטאָט זאָלן טריף ווערן די כלים. איין היתר איז דאָ, אויב כ׳זאָל וויסן פּעוונע, אַז די מילך, וואָס ווערט פאַרקויפט אין שטאָט איז נישט קיין ריינע מילך.

— יאָ, רבי, — כאַפּן זיך די מילכיקער אַרויס — אודאי איז די מילך געוואַסערט.

— קיינער פון אייך, — פרעגט זיי ווייטער ר׳ אליה־חיים — פאַר־קויפט גאָר נישט קיין ריינע מילך?

— ניין, רבי, — זאָגן זיי. — אַלע וואַסערן.

— ווייסט איר עס פּעוונע? — פרעגט ר׳ אליה־חיים.

— זאָלט איר געזונט זיין, רבי, — חידוש׳ן זיי זיך. — ס׳שייך, מיר ווייסן נישט אונזער פּרנסה? מיר אַליין, מיט אונזערע אייגענע הענט, וואַסערן די מילך.

— אויב אַזוי, — שטעלט זיך אויף ר׳ אליה־חיים — בין איך אייך מתרה ומודיע, אַז פון היינט אָן און ווייטער זאָלט איר פאַרקויפן ריינע מילך. און באם כ׳וועל מיך דערוויסן, אַז עמיצער פון אייך וואַסערט די מילך זיינע, וועל איך לאָזן אויסרופן אַן איסור אין שטאָט, אַז קיינער זאָל ביי אים קיין מילך נישט קויפן...

737

אַן אָרימע אידענע איז געקומען צו ר׳ אליה־חיים לאָדזשער מיט אַ שאלה אַף אַן עוף. ר׳ אליה־חיים האָט זיך געמאַטערט, געזוכט אין פּוסקים, אין תשובות, געוואָלט כשר מאַכן — נישט געקענט. אַ האַרבע שאלה געווען.

נעמט ר׳ אליה־חיים אַרויס אַ רובל פון קעשענע, גיט דער אידענע דעם רובל מיטן עוף און זאָגט:

— די שאלה איז טריף...

738

צו ר׳ אליה־חיים לאָדזשער איז אַמאָל געקומען אַ איד און זיך גע־קלאָגט:

— רבי, מ׳האָט מיך באַשווינדלט אַף שווערע אַלפּים.
— דערציילט — זאָגט ר׳ אליה־חיים — וואָסי געשען.
דערציילט דער איד אַזאַ מעשה:
— כ׳האָב געהאַלטן אַ לאָטעריי־צעטל, געגומען ביי אַ אידן אַ קאָ־לעקטער, אולי ירחם, אפשר וועט דער־וואָס־אין־הימל העלפן און מ׳וועט עפּעס געווינען. דעם ערשטן טאָג פון דער ציהונג קומט צו מיר דער קאָלעקטער און זאָגט מיר, אַז מיין צעטל האָט געוואונען קרן. מאַך איך נישט קיין שאלות, גיב אים אַוועק ס׳אַלטע צעטל און נעם ביי אים אַ נייס. אַף מאָרגן, כ׳גיב אַ קוק אין ציימונג — כ׳פּאַל שיער נישט אין חלשות. מיין אַלט צעטל האָט געוואונען פּערציק־טויזנט רובל. לויף איך דאַך אַוועק צום קאָלעקטער מיט קולות: גזלן! רוצח! ווי טומ׳ס אַ איד אַזאַ נבלה? איר האָט שוין נעכטן געוואוסט, אַז מיין צעטל האָט געוואונען פּערציק־טויזנט רובל און איר האָט׳ס אויסגענאַרט ביי מיר פּאַר קרן. טענה׳ט ער: להד"ם! ס׳הויבט זיך נישט אָן. דעם נומער, וואָס האָט געוואונען, האָט גאָר אַ שוואָגער זיינער. — בקיצור, רבי, גיט מיר אַן עצה, וואָס טו איך דאָ.
שיקט ר׳ אליה־חיים רופן דעם קאָלעקטער. טענה׳ט ער ווייטער ס׳אייגענע:
— דעם אידן חלומ׳ט זיך. זיין נומער האָט מער ווי קרן נישט גע־וואונען. יענעם נומער, וואָס האָט געוואונען די פּערציק־טויזנט, האָט געקויפט מיינס אַ שוואָגער.
דער איד שווערט אָבער מיט כל השבועות, אַז יענער נומער איז זיינער.
זיצט ר׳ אליה־חיים, הערט אוים די טענות און שווייגט.
אַ ווייל׳ע שפּעטער זאָגט ער צום קאָלעקטער:
— גיט מיר, זייט מוחל, אַ ווייס שטיקל פּאַפּיר, אַ בלעטל פון ביכל אייערן.
— נעמט דער קאָלעקטער אַרויס ס׳ביכל זיינס און וויל אַרויסרייסן אַ בלעטל.
— זייט אייך נישט מטריח — מאַכט ר׳ אליה־חיים און נעמט צו ביים קאָלעקטער ס׳גאַנצע ביכל.
ר׳ אליה־חיים הויבט אָן בלעטערן ס׳ביכל, וואו ס׳זיינען פאַרשריבן אַלע פאַרקויפטע נומערן מיט די נעמען פון די קונים און געפינט אַף איין בלעטל דעם נאָמען פון דעם אידן מיטן נומער פון דער גרויסער געווינס.
— נו, — זאָגט ר׳ אליה־חיים צום קאָלעקטער — וואָס וועט איר אַצונד זאָגן? גיט שוין אָפּ דעם אידן ס׳צעטל זיינס. ס׳אי זיין געווינס.

דער קאַלעקטער איז געבליבן אַ באַגראַבענער פון חרפּה. ער האָט בחרפּתו געמוזט אָפּגעבן דעם אידן ס׳צעטל און יענער האָט געקראָגן די פערציק־טויזנט רובל, וואָס זיין צעטל האָט געוואונען.

739

צו ר׳ אליה־חיים לאַדזשער איז אַמאָל געקומען אַ איד, אַ סוחר, און אים פאַרטרויט אַזאַ מעשה:

— אַליין — זאָגט דער איד — בין איך נישט קיין היגער. אַ לאָמ־זער טאַקע, וואו איר, רבי, זיינט פריער געווען רב. געקומען בין איך קיין לאָדזש איינקויפן סחורה. בין איך איינגעשטאַנען אין אַן אכסניא, ביי יענעם און יענעם. היינט פרי האָב איך געזאָלט פאָרן אַהיים. רעכן איך מיך אָפּ מיטן בעל־אכסניא, גיב אים אָפּ ס׳שליסל פון צימער און בין אוועק צו דער באַן. כ׳קום צו דער באַן, כ׳וויל קויפן אַ בילעט — כאַפּ איך מיך, כ׳האָב נישט ביי מיר דעם טייסטער מיטן געלט מיטן גאָל־דענעם זייגער מיינעם. דערמאָן איך מיך תיכף, אַז כ׳האָב דעם טייסטער מיטן זייגער פאַרן שלאָפן גיין געלייגט אונטערן קישן. קום איך צוריק אויף דער אכסניא. — וואָסי די מעשה? — פרעגט מיך מבוהל׳דיק דער בעל־אכסניא — איר פאָרט שוין נישט? — ניין, — זאָג איך — כ׳האָב פאַרגעסן מיין געלט מיטן זייגער. — אַזוי גאָר? — חידוש׳ט ער זיך כלומר׳שט תמ׳וואַטע — כ׳בין נאָך אין אייער צימער נישט געווען. קומט אַרויף, וועלן מיר זען. — מיר גייען אַריין אין צימער, דערקען איך תיכף אַז מ׳איז שוין דאָ יאָ געווען. און ווי ס׳האַרץ האָט מיר געזאָגט. אונטערן קישן איז שוין גאָרנישט געלעגן. פאַלט מיר איין די דמים. כ׳האָב דאָרטן געהאַט אַ היפּשע סומע געלט מיט וועקסלען. — מ׳האָט אודאי — פאַר־כאַפּט דער בעל־אכסניא — ביי אייך אין גאַס אַרויסגעגנב׳עט. איר שפּילט זיך מיט לאָדזשער גנבים. — וואָס רעדט איר? — זאָג איך — כ׳געדיינק קלאָר, אַז כ׳האָב נעכטן פאַרן שלאָפן גיין געלייגט דעם טייס־טער מיטן זייגער אונטערן קישן און היינט אינדערפרי האָב איך נישט אַרויסגענומען. — ביי מיר אין אכסניא — זאָגט ער שוין מיט תרעומות — איז נאָך קיינמאָל קיין פאָדים נישט פאַרלאָרן געגאַנגען. — זע איך דאָך, אַז כ׳וועל מיט אים גאָרנישט מאַכן, דערוויל קען ער נאָך די גנבה מבער זיין. מאַך איך מיך אויך תמ׳וואַטע און זאָג: יאָ, מסתמא האָט׳ן ביי מיר אין גאַס אַרויסגעגנב׳עט. באַשערט אַ שאָדן. מילא. — און כ׳בין אוועק. אַצונד, רבי, בין איך געקומען צו אייך. פון אייער חכמה רעדט׳ן נאָך עד היום ביי אונז, אין לאָמזע. גיט מיר, רבי, אַן עצה, ווי ראַטעווע איך מיין געלט. ביי מיר איז ברור כשמש, אַז דער בעל־אכסניא אַליין האָט׳ס אַרויסגענומען.

ר׳ אליה־חיים האָט געקענט דעם בעל־אכסניא. גראָד האָט ער די טעג געהאַט ביי אים אַ דין־תורה און האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר נישט קיין לייטישן מענטשן.

הייסט ר׳ אליה־חיים דעם סוחר וואַרטן אין אַן אַנדער חדר און ער שיקט דעם שמש רופן דעם בעל־אכסניא. יענער, מיינענדיק, אַז דער רב רופט אים מכח דער דין־תורה, איז ער תיכף געקומען.

הויבט ר׳ אליה־חיים מיט אים אָן צו שמועסן און טאַקע מכח דער דין־תורה. היצט זיך דער בעל־אכסניא און ווייזט אויף, אַז ער איז גע־רעכט. און אַ טבע האָט ער געהאַט האַלטן תמיד אין האַנט אַ זילבערנע טאַבאַק־פּושקע.

— זייט מוחל, — זאָגט אים ר׳ אליה־חיים — גיט מיר אַ שמעק טאַבאַק.

גיט ער ר׳ אליה־חיימ׳ען די טאַבאַק־פּושקע. ר׳ אליה־חיים נעמט איין מאָל אַ שמעק טאַבאַק, אַ צווייטן מאָל און יענער האַלט אַלץ אין איין ריידן.

פּלוצלונג הויבט זיך ר׳ אליה־חיים אויף, בעט דעם בעל־אכסניא מוחל זיין אַ ווײַלע און גייט אַרויס פון בית־דין שטוב.

— לויף שוין — זאָגט ער צום שמש — צום בעל־אכסניא און זאָג זיין ווייב, אַז דער מאַן אירער, וואָס זיצט אַצונד ביים רב, האָט געהייסן אַרויסגעבן דעם טייסטער מיטן גאָלדענעם זייגער, וואָס דער לאָמזער סוחר האָט היינט פאַרגעסן. פאַר אַ סימן האָט ער געשיקט די זילבערנע טאַבאַק־פּושקע זיינע.

אַ ווײַלע שפּעטער איז שוין דער שמש געווען צוריק מיטן טייסטער און מיטן זייגער.

ר׳ אליה־חיים איז אַריין צוריק אין בית־דין שטוב, אָפּגעגעבן דעם בעל־אכסניא די טאַבאַק־פּושקע, געשמועסט מיט אים אַ ביסל, ביז יע־נער האָט זיך אויפגעהויבן און איז אַוועקגעגאַנגען.

אַז יענער איז אַוועק, האָט ר׳ אליה־חיים אַריינגערופן דעם לאָמזער סוחר, אים אויסגעפרעגט די סימנים און אים אָפּגעגעבן זיין געלט מיט זיין זייגער.

❦

740

צו ר׳ אליה־חיים לאָדזשער איז אַמאָל געקומען אַ גוי און געבעטן, ער וויל ריידן מיטן „פאַן ראַבין" אונטער פיר אויגן. איז ר׳ אליה־חיים מיט אים אַריין אין אַ חדר מיוחד. פאַרטרויט אים דער גוי אַזאַ מעשה:

— אַליין — זאָגט ער — בין איך אַ לאָדזשער, וואוין אַף „באַלוט". געווען פאַרמישט אין דער „פאַוסטאַניע", געהאַלטן די קאַסע פון גאַנצן

געגנט. אז די פּאָוסטאָניע איז דערשטיקט געוואָרן, איז געבליבן ביי מיר געלט אַרום אַכט־טויזנט רובל. וואו אַהינצוטאָן האָב איך נישט געהאַט, האָב איך׳ס באַגראָבן אין קעלער פון הויז, וואו כ׳וואוין. ס׳געלט האָב איך אָפּגעהיט ווי די אויג אין קאָפּ. קיין מוטער בן־אָדם האָט דער־פון נישט געוואוסט. פון צייט צו צייט פלעג איך אין מיטן נאַכט איינער אַליין אַראָפּגיין אין קעלער, איבערציילן ס׳געלט און צוליגן פון מיין פּאַרדינסט. אַזוי איז אַוועק אַ צייט מיט יאָרן. אַנומלט, כ׳גיי אַראָפּ אין קעלער — ס׳געלט איז נישטאָ. איז מיר געוואָרן פינסטער אין די אויגן. האָב איך אָנגעהויבן וויינען, שרייען, זיך רייסן די האָר פון קאָפּ. שכנים זיינען זיך צונויפגעלאָפן, קיינער קען מיר אָבער נישט העלפן. ס׳געלט איז נישטאָ.

— האָט איר — פרעגט אים ר׳ אליה־חיים — אַ חשד אויף עמיצן?

— כ׳ווייס אַליין נישט, פּאַן ראַבין, — זאָגט דער גוי. — די מעשה איז אַזוי. מיט מיר אין איין הויז וואוינט אַ איד אַ סטאָליער, אַן אָרי־מער בעל־מלאכה, געלעבט תמיד אין נויט און אין דחקות, געגאַנגען, ער מיט ווייב און קינד, קרועה־בלואה, אַ צער געווען צו קוקן אויף די אָרימע מענטשן. פּלוצלונג איז דער סטאָליער אויפגעריכט געוואָרן, אַריינגע־שטעלט נייע מעבל, זיך באַקליידט און באַנייט און אָנגעהויבן לעבן מעשה־נגיד. איז...

— האָט׳ן — שלאָגט אים איבער ר׳ אליה־חיים — געפרעגט דעם סטאָליער, פונוואַנען ער איז רייך געוואָרן?

— יאָ, — זאָגט דער גוי — נישט איין שכן האָט אים געפרעגט. זאָגט ער, אַז זיין ווייבס אַן עלטער־פעטער איז געשטאָרבן אין לאָנדאָן און אים געלאָזן אַ גרויסע ירושה. איך קען אָבער נישט רוען. כ׳גיי פון זינען אַראָפּ. בין איך געקומען צום פּאַן ראַבין, ער זאָל מיר געבן אַן עצה וואָס צו טאָן.

— קומט אַריין — זאָגט ר׳ אליה־חיים — מאָרגן אין דער צייט.

אַז דער גוי איז אַוועק, שיקט ר׳ אליה־חיים רופן דעם סטאָליער. איז יענער תיכף געקומען.

— כ׳האָב געהערט, — זאָגט ר׳ אליה־חיים — אַז איר זיינט אויפ־געריכט געוואָרן, געוואָרן אַן עושר. פאַרוואָס קומט איר נישט אַריין צו מיר, געבן אַ נדבה אויף אַ שטאָטישער צדקה?

בלייבט יענער אָפּהענטיק אַ ביסל, כאַפּט זיך באַלד:

— גערעכט, רבי. גאָר פון זינען אַרויס. ס׳אי דאָך אָבער נאָך נישט צו שפּעט.

— איז עפּעס — פרעגט אים ווייטער ר׳ אליה־חיים — אייער פעטער געווען אַ גרויסער עושר?

— יאָ, — מאַכט דער סטאָליער — אָן אַדיר.
— האָט ער עפּעס — שמועסט ווייטער ר׳ אליה־חיים — געלאָזן נאָך יורשים?
— יאָ... ניין... — פּלאָנטערט זיך דער סטאָליער.
פאַרשטייט שוין ר׳ אליה־חיים, אַז די מעשה מיט דער ירושה איז נישט אַזוי גלאַט.
— הערט זיך איין, — זאָגט ער דעם סטאָליער שטילערהייט — כ׳האָב אייך געשיקט רופן פון אייער טובה וועגן, אייך מציל זיין פון אַן אומגליק. מ׳איז געקומען און מ׳האָט מיר פאַרטרויט, אַז איר צאָלט מיט פאַלש געלט. איר ווייסט׳אַך מיט וואָס אַזאַ זאַך שמעקט.
ווערט דער איד בלייך ווי קאַלך. אצונד איז אים קלאָר, אַז דער גוי, דער שכן זיינער, מאַכט פאַלש געלט.
— רבי, — זאָגט ער אין איין ציטערניש — כ׳וועל אייך זאָגן דעם גאַנצן אמת. ס׳געלט האָב איך געפונען פאַרגראָבן אין קעלער פון הויז, וואו כ׳וואוין. שפּעטער בין איך געוואויר געוואָרן, אַז אַ גוי, אַ שכן, האָט׳ס פאַרגראָבן. ווער זאָל זיך ריכטן, אַז ער מאַכט פאַלש געלט.
— לויפט שוין אַהיים — זאָגט אים ר׳ אליה־חיים — און ברייִנגט אַהער ס׳גאַנצע געלט, וואָס איר האָט נאָך ביי זיך.
דער סטאָליער איז תיכף געלאָפן אַהיים און געבראַכט ר׳ אליה־חיימ׳ען אַ פּעקל מיט געלט.
— ווייטער זאָלט איר וויסן, — זאָגט אים ר׳ אליה־חיים — אַז מ׳טאָר קיין פרעמדס נישט נעמען. ס׳געלט איז אמת׳ע, ס׳איז אָבער נישט אייערס.
אויף מאָרגן האָט דער גוי געקראָגן זיין געלט.

❧

741

די אַלע יאָרן, וואָס ר׳ חיים איז געווען רב אין בריסק, האָט ער כמעט קיינמאָל קיין שאלות נישט גע׳פּסק׳נט. אויף דעם זיינען געזעסן ביי אים אין בית־דין שטוב מורי־הוראות, וואָס האָבן געענטפערט אַ שאלה.
מאַכט זיך אַמאָל, אַז ר׳ חיים קומט פון גאַס און טרעפט אָן אַרויס־גייענדיק פון בית־דין־שטוב אַ מיידל מיט אַן עוף אין האַנט.
— זיי־זשע מוחל, — זאָגט ער צום מיידל — ווייז מיר ס׳עוף.
ר׳ חיים באַקוקט דאָס עוף פון אַלע זייטן — נישטאָ קיין סימן פון אַ שאלה. גייט ער אַריין אין בית־דין־שטוב און פרעגט:
— ווי האָט׳ן די שאלה גע׳פּסק׳נט?
— כשר, פאַרשטייט זיך, — ענטפערט׳ן אים. — ס׳אי לגמרי קיין שאלה נישט.

— גיי אהיים — זאָגט ר׳ חיים צום מיידל — און ברענג ס׳אַנדערע עוף.

דאָס מיידל איז אַוועק און געבראַכט נאָך אַן עוף. דאָס אַנדערע עוף האָט שוין געהאַט אַ שאלה, און אַ האַרבע שאלה, און איז גאָר טריף געוואָרן.

דער עולם איז געבליבן פאַרגאַפט. אַ באַשיינפּערלאַכער מופת.

— ס׳איז דבר פשוט, — מאַכט ר׳ חיים. — אַף אַן עוף, וואָס איז גלאַט כשר, וועט׳ן דאָך קיין שאלה נישט שיקן פרעגן. האָב איך געטראַכט, אַז מן הסתם האָט׳ן געשחט׳ן צוויי עופות, אַף איינס האָט זיך געמאַכט אַ שאלה, נאָר ביים שיקן פרעגן האָט׳ן פאַרביטן די עופות און געשיקט דאָס גלאַט כשר׳ע.

742

אין אַ שטעטל לעבן פּויזנע איז געווען אַ שוחט אַן עם־הארץ. האָט דער פּויזנער רב, דר. פייבלכנפעלד, אים געשיקט רופן. דער רב פאַרהערט אים אין הלכות שחיטה — יענער ווייסט אַ וואָרט נישט.

— ווי לאַנג — פרעגט אים דער רב — זיינט איר שוין שוחט?

— פינף יאָר — זאָגט דער שוחט.

— וואָס — פרעגט אים ווייטער דער רב — זיינט איר פריער געווען?

— אַ בעקער — ענטפערט דער שוחט.

— יאָ, — מאַכט דער רב — אַ אידישער בעקער צו זיין איז אויך נישט קיין קליינינקייט. ער דאַרף נזהר זיין אין חלה, אין נעגל־וואַסער — וועל איך אייך געבן כתוב וחתום, אַז איר קענט זיין אַ בעקער בכל תפוצות ישראל...

743

ר׳ יהושע־פאַלק אויערבאַך, פלאָצקער רב, פלעגט זאָגן:

— כ׳קען רבנים, וואָס זיינען זיך נוהג ווי גוים, להבדיל. אַ גוי, אַז ער קויפט אַ פערד, פּרובירט ער אים מיט אַ מטבע. און יענע רבנים, אַז זיי נעמען אַ שוחט, זיינען זיי מנסה דעם חלף מיט אַ הונדערטער...

744

אַ סוחר אַ ירא־שמים איז אַמאָל געקומען קיין ראָטערדאַם. איז ער אַריין צום רב, דר. ריטער, פרעגן, צי יענע און יענע אכסניא איז אַ כשר׳ע.

— פאַר ש לאָ פ ן — זאָגט דר. ריטער — קען איך גוט זאָגן...

745

ר׳ חיים־יעקב ווידרעוויטש, מאסקווער רב, איז געווען אַ שאַרפער ווערטל־זאָגער, פלעגט זיך נישט אָפּהאַלטן פון אַריינזאָגן יענעם אין די אויגן.

איינמאָל איז אַ שוחט געקומען נעמען ביי אים קבלה אויף שחיטה.

— איר ווייסט, רבי, — זאָגט דער שוחט — אַז כ׳בין אַ שוחט גסות.

— כ׳ווייס — מאַכט ר׳ חיים־יעקב.

— פונוואַנען? — חידוש׳ט זיך דער שוחט — מיר האָבן דאָך נאָך גאָרנישט געשמועסט.

— כ׳זע — שמייכלט ר׳ חיים־יעקב — אַז דער אָקס ליגט אייך אויפן פנים...

אויף דער בימה

746

ר׳ ישראל בעל־שם איז אַמאָל געקומען אויף שבת קיין אָליק. איז ער איינגעשטאַנען ביים פּרנס־חודש. שבת צו מנחה האָט אין בית־מדרש געזאָגט אַ מגיד. כדרך הטבע, האָט ער גע׳מוסר׳ט דעם עולם, פאַרוואָס מ׳איז נישט פרום, מ׳לערנט נישט, מ׳דאַוונט נישט ווי געהעריק — ווערליק אַ מגיד. אַז דער בעל־שם איז דערפון געוואויר געוואָרן, האָט ער געשיקט רופן פון בית־מדרש דעם פּרנס־חודש. אַז דער פּרנס־חודש איז אַוועק, האָט דער עולם אָנגעהויבן אַרויסצוגיין איינציקווייז. האָט דער מגיד מקצר געווען און איז אַראָפּ פון באַלעמער.

אויף מאָרגן איז ער געקומען צום בעל־שם נעמען שלום.

— ווער — פרעגט אים דער בעל־שם — זיינט איר?

— כ׳בין — זאָגט ער — דער מגיד, וואָס האָט נעכטן געזאָגט אַ דרוש אין בית־מדרש. פאַרוואָס האָט כבודו אַזוי אויף מיר מקפיד געווען?

— דו — שפּרינגט אויף דער בעל־שם מיט טרערן אין די אויגן — ווערסט ריידן אויף אידן? אַז אַ איד גייט אַ גאַנצן טאָג אַרום אין מאַרק און פאַרנאַכט כאַפּט ער זיך: אוי, ווי, כ׳וועל פאַרשפּעטיקן מנחה און כאַפּט זיך אַריין אין אַ שטוב און דאַוונט מנחה און ווייסט נישט וואָס ער רעדט — ציטערן אין הימל אַלע שרפים און אופנים...

747

דער ווילנער גאון האָט, כידוע, זייער שטאַרק געהאַלטן פון דובנער מגיד, פון זיין דרך אין דרוש, וואָס איז בכח מסביר זיין דעם האַרבסטן ענין מיט אַ שיינעם משל.

— זאָגט מיר, ר׳ יעקב, — פֿרעגט אַמאָל דער גאון דעם דובנער — ווי פֿאַלט אײַך אײַן אַ משל צו איטלאַכן ענין באַזונדער?

— דעם ענין — ענטפֿערט דער דובנער — קען מען מסביר זײַן מיט אַ משל.

אַ שר האָט געהאַט אַ בן־יחיד, האָט ער אים געלאָזט לערנען כּל־ערלײ למודים, ווי עס שטייט אָן אַ שר. אַז דער זון איז עלטער געוואָרן, האָט ער אים געשיקט קיין מרחקים, צו גרויסע חכמים ונבונים, ער זאָל לערנען חכמות און לשונות און זען די גרויסע וועלט. איז דאָרט דער זון אָפּגעווען עטלאַכע יאָר און אַראָפּגעקומען אַ גרויסער מושלם, אַ בקי אין אַלע שבע חכמות.

האָט דער שר געמאַכט אַ גרויסע סעודה און פֿאַרבעטן אַלע פֿרײַנט זײַנע, שרים און דוכּסים. בײַ דער סעודה האָט דער זון געוויזן זײַן גרויס חכמה און קענטעניש. אַלע שרים האָבן זיך נישט געקענט אָפּחידושן.

נאָך דער סעודה איז דער שר מיט אַלע געהויבענע געסט געפֿאָרן אין וואַלד אױף געיעג, שיסן חיות, כּדרך השרים. אין וואַלד האָט דעם שר׳ס זון אַרויסגעוויזן זײַן השלמה אין שיסן, כּמעט תמיד געטראָפֿן אין ציל. די שרים זײַנען נתפּעל געוואָרן.

צוריקוועגס זײַנען זיי פֿאַרבײַגעפֿאָרן אַ דאָרף. זען זיי אױף אַ צאָם אויסגעמאָלן עיגולים און אינמיטן פֿון איטלאַכן עיגול אַ סימן פֿון אַ שאָס. ווערן זיי אַלע נשתומם: ווער איז עס דאָ אין דאָרף אַזאַ שיסער, וואָס פֿאַרפֿעלט קיינמאָל נישט אין ציל? פֿרעגן זיי זיך נאָך. זאָגט מען זיי, אַז דאָס שיסט אַ פּשוט׳ער פּויער. ווערן זיי שוין טשיקאַווע און שיקן נאָכן פּויער.

— ווי אַזוי — פֿרעגן זיי אים — טרעפֿסטו תמיד אין ציל?

— גאָר פּשוט, — ענטפֿערט דער פּויער. — כ׳מאַך נישט דעם עיגול איידער כ׳שיס. קודם שיס איך און דערנאָך מאַך איך אַן עיגול אַרום דעם שאָס...

— ס׳איז גענוי — פֿירט אויס דער דובנער — איז מיט מײַנע משלים. קודם פֿאַלט מיר אײַן דער משל און דערנאָך פּאַס איך צו אַ נמשל.

✱

748

ר׳ בעריש האַלפּערן איז געווען אַ גאון עולם און אַ צדיק תמים, ר׳ רפֿאל האַמבורגערס אַ תלמיד. געווען איז ער מגיד אין לובלין און גענומען גאַנצע אַכט גילדן אַ וואָך. דערצו האָט ער נאָך געהאַנדלט מיט אַלט מעבל. אַז ער האָט געקויפֿט בײַ איינעם אַ טיש, צי אַ שטול, האָט ער עס אַליין געטראָגן אַהיים אױף דער פּלייצע, נישט געלאָזט קיינעם אונ־

טערטראָגן. פּרנסה האָט ער געהאַט בצמצום און געלעבט זייער בדוחק. פלעגט תמיד גיין אין אַ קאַפּטן פון גראָבע לייוונט.

אַז ער האָט גערדאַרפט זאָגן פאַרן עולם, פלעגט ער אַליין גיין אין די גאַסן און אויסרופן:

— אידן, ווער ס'וויל זאָל קומען הערן מיין דרשה.

749

ר' משה־יצחק, דער קעלמער מגיד, איז געווען אַ פייערדיקער מוכיח. אין זיינע דרשות פלעגט ער גיסן פעך און שוועבל אויף די הולטייעס, די בעלי־עבירה, זיי שילטן מיט טויטע קללות.

איינמאָל איז ער געקומען אין אַ שטאָט אין קורלאַנד, אַ פרומע שטאָט, נאָר אויפן טייטשישן אופן. זעט ער כמה אידן אין בית־מדרש גייען אָן בערד, גלוחים, רחמנא ליצלן. האָט ער געהאַלטן אַ פייערדיקע דרשה, געעפנט דעם גיהנם פאַר די מה־יעשה'ניקעס, וואָס זיינען עובר די פינף לאווין פון גילוח הזקן, געשאָלטן, גע'חרמ'ט — וועדליק דער קעלמער האָט געקענט.

נאָך דער דרשה גייען צו אים צו עטלאַכע גלוחים און זאָגן:

— רבי, וואָס ט'איר געהאַט צו אונז? מיר גאָלן זיך מיט אַ סם (אַ זאַלב, אַ פּודער), וואָס איז מותר לכתחילה על־פּי דין.

— וואָס טוט איר אָבער — פרעגט זיי דער קעלמער — מיטן לאו פון „לא ילבש גבר שמלת אשה"? *

— ביי אונז — ענטפערן זיי — איז שוין אויס מאָדע, אַז נשים זאָלן זיך גאָלן.

— אויב אַזוי, — מאַכט דער קעלמער — מעגט איר אייך שוין סמ'ען...

750

דער קעלמער מגיד איז אַמאָל געקומען קיין ריגע, וואָס האָט גע־שמ'ט פאַר אַן אויסגעלאַסענע שטאָט. זעט ער נשים גייען מיט די איי־גענע האָר, קליידן זיך פאַרשייט און זיינען ווייט פון אידישקייט. האָט ער געהאַלטן אַ דרשה און מרעיש עולם געווען אויף פריצות.

אינמיטן דרשה זאָגט ער צום עולם:

— איר ווייסט, רבותי, אַז ריגער נשים זיינען האַלבע חסידים. זיי גייען מיט לאַנגע פיאות, ס'האַרץ אָפן — גאָר ווי פאַרצייטיקע חסידים.

* אַ מאַנזביל טאָר נישט גיין אָנגעטאָן ווי אַן אשה. אַמאָליקע יאָרן האָבן ווייבער געגאָלט די קעפּ.

ווען זיי וואָלטן נאָך געגאַנגען טבילה אויך, וואָלטן זיי געווען אמת'ע חסידים...

751

ר' משה־יצחק, דער קעלמער מגיד, איז אַמאָל געקומען אין אַ שטאָט. איידער ער איז אַרויף אַפן באַלעמער, זעט ער צווישן עולם אַ אידן אַ גלוח. פרעגט ער זיך נאָך אַף אים, זאָגט'ן אים, אַז יענער איז אַ קל שבקלים, און דערצו נאָך אַ מורא'דיקער קמצן, גיט נישט אַ גראָשן צדקה.

גייט דער קעלמער אַרויף אַפן באַלעמער און זאָגט:

— רבותי, כ'וועל אייך דערציילן אַ מעשה:

כ'בין אַמאָל געגאַנגען אין וועג. טרעפט מיך אָן אַן אָקס און זאָגט:

— גוט מאָרגן, קעלמער.

— דו, אָקס איינער, — פרעג איך אים — ס'אַרא מחותן ביזטו מיט מיר?

— דו עסט מיין פלייש — זאָגט דער אָקס.

אַ טענה.

גיי איך ווייטער. טרעפט מיך אָן אַ קו:

— גוט מאָרגן, קעלמער.

— וואָס פאַר אַ מחותן — פרעג איך זי — ביזטו מיט מיר?

— דו טרינקסט מיין מילך — זאָגט זי.

אַ טענה.

גיי איך ווייטער. טרעפט מיך אָן אַ באָק:

— גוט מאָרגן, קעלמער.

— וואָס פאַר אַ מחותן — פרעג איך אים — ביזטו מיט מיר?

— איך האָב אַ באָרד — זאָגט ער — און דו האָסט אַ באָרד.

אויך אַ טענה.

גיי איך נאָך ווייטער. טרעפט מיך אָן אַ דבר־אחר:

— גוט מאָרגן, קעלמער.

דאָ ווער איך שוין אין כעס:

— דו, דבר־אחר איינער, נישט איך עס דיין פלייש, נישט איך טרינק דיין מילך, נישט דו האָסט אַ באָרד, ס'אַרא מחותן ביזטו מיט מיר?...

752

ר' משה־יצחק, דער קעלמער מגיד, איז אַמאָל געקומען קיין דובעלן, אַ שטאָט לעבן ריגע, וואו דער עולם קומט זומער זיך באָדן אין ים. פון ריגע פאָרן כמה אידן אַף שבת קיין דובעלן.

שבת אין שול האָט ר' משה־יצחק אַכטונג געגעבן, אַז די ריגער

אורחים האָבן דאַווענען אָן טליתים, זיי פֿילן זיך מיטנעמען ס׳טלית פֿון דער־היים. גייט ער אַרויף אַפֿן באַלעמער און זאָגט:

— הערט זיך איין, רבותי, כ׳וועל אייך דערציילן אַ מעשה:

אַנומלט בין איך געווען שבת אין ריגע. גיי איך אַריין צו אַ בעל־הבית, זאָגט׳ן מיר, ער איז נישטאָ אין דר׳היים.

— וואו איז ער? — פֿרעג איך.

— אַוועקגעפֿאָרן קיין דובעלן — זאָגט׳ן מיר.

פּלוצלונג הער איך פֿון אַ זייטיקן חדר אַ מאָדנעם געוויין. כ׳גיי אַריין אין חדר — קיינער איז נישטאָ. נאָר אויף דער וואַנט הייגנט אַ טלית־זאַק און פֿון טלית הערט זיך אַ געוויין.

— טלית, טלית, — פֿרעג איך אים — וואָס וויינסטו?

— סטייטש — זאָגט דער טלית — ווי זאָל איך נישט וויינען? אַז מיין בעל־הבית איז אַוועקגעפֿאָרן קיין דובעלן האָט ער מיט זיך מיט־גענומען ס׳גאָלד מיטן זילבער און מיך האָט ער איבערגעלאָזן.

— וויין נישט, טלית, — זאָג כ׳אים — דערפֿאַר וועט אַמאָל קומען אַ טאָג, וואָס דער בעל־הבית דיינער וועט מאַכן אַ וויטערע נסיעה, וועט ער שוין דעמאָלט איבערלאָזן ס׳גאָלד מיטן זילבער און נאָר דיך אַליין וועט ער מיטנעמען...

❦

753

ר׳ משה־יצחק, דער קעלמער מגיד, איז אַמאָל געקומען אין אַ שטאָט. איז ער געוואויר געוואָרן, אַז דער אידישער שפּיטאָל האַלט זיך ביים צומאַכן, מחמת די גבירים גיבן קיין געלט נישט.

גייט ער אַרויף אַפֿן באַלעמער און זאָגט:

— רבותי, כ׳וועל אייך דערציילן אַ מעשה:

מיר ווייסן, אַז ביי אַ חולה צוקאָפּנס רוט די שכינה.*

האָט די שכינה זיך אַמאָל באַקלאָגט פֿאַרן רבונו־של־עולם:

— האַר פֿון אַלע וועלטן! דו שיקסט מיך תמיד אין די אָרימע היי־זער. כ׳קום צוגיין צום חולה, זע איך, ער ליגט אין אַ שטיבל ד׳ על ד׳, אויף אַ צעבראָכן בעטל, אָן אַ קישן צוקאָפּנס. די קינדערלאַך לויפֿן אַרום, נאַקעט, באָרוועס, בעטן אַ שטיקל ברויט און ס׳איז נישטאָ זיי צו געבן. דער חולה אַליין ליגט אין יסורים, אַ פֿאַרשמאַכטער, אַ פֿאַרטריקנטער, נישטאָ מיט וואָס אים מחיה צו זיין, נישטאָ מיט וואָס צו רופֿן אַ דאָקטער, צו קויפֿן רפֿואות. כ׳קען ס׳נישט אַריבערטראָגן, כ׳קען דעם צער נישט צוזען. פֿאַרוואָס, רבונו־של־עולם, שיקסטו מיך נישט אין די

* „השכינה שרויה למעלה ממטתו של חולה" — נדרים, מ.

רײכע הײזער, װאו מענטשן װאױנען אין גרױסע, שײנע חדרים, לעבן אין רחבות און האָבן פון כל־טוב?

זאָגט דער רבונו־של־עולם צו דער שכינה:

— כ׳װעל דײן רצון ממלא זײן.

האָבן די גבירים אָנגעהױבן צו קרײנקען. װאו אַ רײכע הױז — דאָרט אַ חולה. און די שכינה האָט שױן נישט געהאַט אַף װאָס זיך צו באַקלאָגן. זי האָט גערוט אין גרױסע, שײנע חדרים, צוקאָפּנס פון שײנע, װײכע בעטן און האָט דעם צער פון דלות נישט געזען.

די גבירים האָבן געזען ס׳אי שלעכט, זײ האַלטן אין אײן קרײנקען. האָבן זײ זיך מיישב געװען און געמאַכט אַ שפּיטאָל פאַר אָרימעלײט. זאָל אַן אָרימאַן, אַז ער װערט, חלילה, קראַנק, האָבן װאו דעם קאָפּ אַװעקצולײגן. זאָל ער ליגן אין אַ רײן, לופטיק חדר, אין אַ װײך, ציכטיק בעט, זאָל ער קריגן אַ דאָקטער מיט רפואות, זאָל ער האָבן װאָס אין מויל צו נעמען און זאָל די שכינה קענען רוען לעבן אים.

— הײנט, רבותי, — פירט אויס דער קעלמער — אַז איר, גבירים, גיט נישט קײן געלט פאַרן שפּיטאָל און ער װעט זיך, חלילה, צומאַכן, װעט די שכינה װײטער קומען צו אײך, אין די רײכע הײזער, און איר װעט קרײנקען און קרײנקען...

754

ר׳ משה־יצחק, דער קעלמער מגיד, איז אַמאָל געקומען קײן פּאַסװיל, אַ קלײן שטעטל אין װילנער געגנט. גײט ער אַרײן צום רב און פרעגט זיך אויס, װי האַלט׳ס מיט אידישקײט אין שטעטל. דערצײלט אים דער רב, אַז די טעג איז געװען בײ אים אַ דין־תורה און דער בעל־דין, װאָס איז אַרױס חייב, װיל נישט צײת־דין זײן.

אַז ר׳ משה־יצחק האָט געהאַלטן אין אַרױפגײן אַפן באַלעמער, זאָגן פאַרן עולם, איז ער פלוצלונג שטײן געבליבן, אָנגעהױבן רײדן אין דער שטיל, װי ער װאָלט זיך מיט עמיצן געאַמפּערט, אַ זאָג געטאָן אַפן קול:

— מיר זײנען דאָך אין פּאַסװיל!

און איז אַרױף אַפן באַלעמער.

— רבותי, — הױבט ער אָן — כ׳װעל אײך דערצײלן אַ מעשה:

בעת כ׳בין געפאָרן אַהער, קײן פּאַסװיל, טרעפט מיך אַן אַפן װעג דער שטן:

— גוט מאָרגן, קעלמער, װאוהין פאָרסטו?

— כ׳פאָר — זאָג איך — קײן פּאַסװיל.

— װאָס — פרעגט ער מיך — װעסטו טאָן אין פּאַסװיל?

— וואָס כ׳טו — זאָג איך — אין אַלע שטעט. כ׳וועל האַלטן דרשות, זאָגן תוכחה, אידן מחזיר למוטב זיין.

— זאָלסטו וויסן זיין, — זאָגט ער מיר — אַז אין פּאָסוויל טאָרסטו נישט זאָגן. פּאָסוויל איז מ י י ן שטאָט.

— ס׳הייסט — זאָג איך — ד י י ן שטאָט? פּאָסוויל איז אַ אידישע שטאָט ווי אַלע שטעט.

און כ׳וויל פאָרן ווייטער.

לאָזט ער מיך אָבער נישט, האַלט אין איין טענה׳ן, אַז פּאָסוויל איז זיינע און איך טאָר דאָרטן נישט זאָגן.

— לאָמיר — זאָגט ער — האָבן אַ דין־תורה ביי אַ רב.

נו, אַז מ׳רופט לד״ת, מוז׳ן גיין. זיינען מיר אריין צום רב, גע־האַט אַ דין־תורה — און ער האָט געוואונען. דער פּסק־דין איז געווען, אַז כ׳טאָר אין פּאָסוויל נישט זאָגן.

אַ ווײַלע פריער, אַז כ׳האָב געהאַלטן אין גיין צום באַלעמער — דער שטן איז דאָ.

— סטייטש, — טענה׳ט ער — איך האָב דאָך געוואונען די דין־תורה, דער פּסק־בית־דין איז דאָך, אַז דו טאָרסט אין פּאָסוויל נישט זאָגן.

בלייב איך שטיין. אין מיטן כאַפּ איך מיך, אַז מיר זיינען דאָך אין פּאָסוויל און אין פּאָסוויל פאָלגט׳ן נישט קיין פּסק־בית־דין...

האָב איך אים נישט געהערט און בין אַרויף אַפן באַלעמער.

❦

755 ר׳ רפאל, דער מאָזשירער מגיד, האָט זיך געהאַלטן נאָנט צום המון. בעת ער פלעגט קומען אַף יום־טוב אהיים, קיין מאָזשיר, פלעגט ער דאַוונען אין מתעסקים־בית־מדרש, וואָס האָט זיך גערעכנט אין שטעטל נישט פון די געהויבענע בתי־מדרשים. דער עולם דאָרטן איז געווען אַ פּשוט׳ער, אַ המונ׳ישער. פון כמה בתי־מדרשים האָט׳ן געשיקט צו ר׳ רפאל׳ן בעלי־בתים חשובים, ער זאָל ביי זיי דאַוונען. ר׳ רפאל האָט אָבער נישט געוואָלט אַוועקגיין פון די מתעסקים.

— פאַרשטייט איר מיך, — זאָגט ער. — סוף־כל־סוף וועל איך דאָך אַריינפאַלן צו זיי אין די הענט, וויל איך מיך צוגעוואוינען צו זיי פאָרן לעבן...

פאַרן עמוד

756

ר׳ טבלי מינסקער האָט נישט געהאַלטן פון קיין חזנים.
ער פלעגט זאָגן:
— אַ חזן איז אַ ז י נ ד ע ר (זינגער)...*

757

בעת ר׳ יאָשע־בער איז געווען רב אין סלוצק, איז אין מיטסק געווען אַ חזן אַ גדול בתורה, פלעגט זאָגן אַ שיעור פאַר לומדים. ר׳ יאָשע־בער האָט פון אים שטאַרק געהאַלטן און פלעגט אים תמיד לויבן, אַז ער איז אַ יקר, אַ למדן מופלג.

איינמאָל זאָגט דער חזן צו ר׳ יאָשע־בער׳ן:

—איר ווייסט, רבי, אַז מיט דעם, וואָס איר לויבט מיין לומדות, טוט איר מיר נישט־ווילנדיק אַ רעה?

— דהיינו? — פרעגט ר׳ יאָשע־בער.

— דער עולם — זאָגט דער חזן — הערט אַלץ, אַז איר לויבט מיין לומדות, איז דאָך געדרונגען, אַז מיין חזנות איז נישטאָ וואָס צו לויבן.

— אויב אַזוי, — מאַכט ר׳ יאָשע־בער — וועל איך מוזן פרעגן מבינים אויף אייער חזנות. מחמת אַז מ׳וועט מיך כאַפּן ביי אַ ליגן מכח אייער חזנות, וועט׳ן שוין מיר אויף אייער לומדות אויך נישט גלויבן...

758

ר׳ הערש־לייב וואָלאָזשינער האָט שטאַרק מקפיד געווען, אַז אַ חזן זאָל זיין אַ שוחט אויך, כדי ער זאָל זיין אַ ירא־שמים.

אַ ווערטל האָט ער געהאַט:

— אַ חזן איז ווי אַ שור המועד, די איינציקע שמירה זיינע איז אַ חלף...**

759

מ׳האָט אַמאָל געפרעגט ר׳ אייזל חריף:

— זאָגט אונז, רבי, פאַר וואָס שטעלט זיך אַ חזן ביים עמוד צו „שוכן עד" און נישט צום אָנהויב דאַווענען?

— גאָר פשוט, — שמייכלט ר׳ אייזל. — די וועלט זאָגט: מיט אַ נ אַ ר זאָל מען נישט אָ נ ה ו י ב ן...

* ר׳ טבלי איז געווען אַ כבד־פה. נישט געקענט אויסריידן קיין גימל.

** „אין לו שמירה אלא סכין" — בבא קמא, מה:

760

אין ווינער שול, וואו זולצער איז געווען חזן און יעלינעק פּריידיקער, זיינען נאָך זולצער׳ן געווען צוויי חזנים: זינגער און שילער. פאַרשטייט זיך, אַז זיי זיינעןביידע נישט געקומען צו זולצער׳ן, וואָס איז געווען אַ גאון אין נגינה.

האָט יעלינעק אַף זיי געזאָגט:

— וויר האבן איינען זינגער, דער ניכט זינגען קאַנן, אונד איינען שילער, דער ניכט דיכטען קאַנן...

761

ניסן בלומענטאַל, דער אָדעסער חזן, האָט פיינט געהאַט ס׳חזנות. ער האָט געהאַט אַ זון, אַ בן־יחיד, האָט ער אים נישט געוואָלט מאַכן פאַר אַ חזן.

האָט בלומענטאַל אַמאָל געזאָגט:

— כ׳האָב בכיוון מיין בן־יחיד קיין אידישקייט נישט געלערנט, כדי ער זאָל קיין חזן נישט קענען זיין. אַז כ׳גיב אָבער אַ קוק אַף די היינטיקע חזנים, די בורים, זע איך, אַז כ׳האָב מיט דעם גאָרנישט גע־פּועל׳ט...

762

ניסי בעלזער האָט אַמאָל געדאַוונט אין טאַלנער הויף און געוויזן חידושים מיט זיין קאַפּעליע. אים אַליין האָט׳ן, ווי תמיד, קנאַפּ־וואָס געהערט.

נאָכן דאַוונען מאַכט צו אים ר׳ דוד׳ל:

— דו ווייסט, ניסי, דיין דאַוונען האָט גאָר קיין ש א ץ (ש״ץ) נישט...

763

בעת ר׳ יהושע׳לע איז געווען רב אין קוטנע, איז אין שטעטל אַמאָל געווען אַ גרויסע מחלוקת איבער אַ חזן. כדרך הטבע זיינען בראש פון דער מחלוקת געשטאַנען די בעלי־מלאכות: שניידער, שוסטער, וואָס זיינען פון תמיד אָן בעלנים אַף אַ חזן.

האָט ר׳ יהושע׳לע געזאָגט:

— מיר געפינען, אַז אין דער מדבר האָבן אידן כמה מאָל געפירט מחלוקת, זיך געקריגט מיט משה׳ן און מיט אהרנ׳ען. דאָ — איבער וואַסער; דאָ — איבער פלייש; דאָ — איבער דער כהונה. פאַרוואָס געפינען מיר נישט, אַז זיי האָבן געפירט מחלוקת איבער אַ חזן? איז דער תירוץ אַ פּשוט׳ער. אין דער מדבר זיינען דאָך די קליידער נישט צעריסן גע־

וואָרן און נישט אויסגעוואַקסן. אין קיין שיך איז אויך נישט געגאַנגען. זיינען דאַך נישט געווען קיין שניידער, נישט קיין שוסטער. טאָ ווער־זשע וועט זיך קריגן איבער אַ חזן?

764

מ׳האָט אַמאָל געפרעגט אברהם־בער גאָטלאָבערן:

— ווער האָט איינגעפירט חזנים ביי אידן?

— שלמה המלך — ענטפערט גאָטלאָבער.

— פונוואַנען איז די ראיה? — פרעגט מ׳אים ווייטער.

— אַ בפירוש׳ער פסוק — מאַכט גאָטלאָבער. — רחבעם זאָגט: „אבי יסר אתכם בשוטים"...* (דער טאַטע מיינער האָט אייך געשטראָפט מיט שוטים**).

765

אין וויטעבסק איז געווען אַ חזן, יאָשע גאָלדעס, אַ איד אַ פּקח און אַ גרויסער וויצלינג.

— ר׳ יאָשע, — פרעגט מ׳אים אַמאָל — די וועלט זאָגט: חזנים זיינען נאַראָנים. אָט זיינט איר אַ חזן און גראָד אַ בעל־שכל?

ע, — מאַכט יאָשע — „אין מביאין ראיה מן השוטים" (פון אַ נאַר ברייגגט מ׳ קיין ראיה נישט)...

766

ר׳ חיים־יעקב ווידרעוויטש, מאָסקווער רב, האָט האַלט געהאַט אַ גלייכווערטל, אַריינזאָגן יענעם אין פינפטן ריפּ.

אין בית־מדרש, וואו ער האָט געדאַוונט, איז געווען אַ איד, וואָס פלעגט זיך תמיד רייסן צום עמוד, פּראַווען חזנות און געווען אַ קנאַפּער בעל־תפילה.

איינמאָל, אַ שבת, האָט יענער געדאַוונט פאַרן עמוד. נאָכן דאַווגען גייט צו צו אים ר׳ חיים־יעקב און פרעגט אים:

— האָט איר היינט יאָרצייט?

— ניין, רבי, — זאָגט יענער. — דאָס האָב איך געגעבן אַ נדבה.

— אַ הויכע מדרגה, — שמייכלט ר׳ חיים־יעקב. — אַ איד קען נישט און גיט...

* מלכים א׳, י״ב, י״א.

** „שוטים" אין לשון־קודש האָט אַ טאָפּעלן באַטייט: א) ריטער, שטעקנס. ב) נאַראָנים, טפשים.

767

קופער, דער ניו יאָרקער חזן מפורסם, איז געווען אַ איד אַ פּקח און אַ וויצלינג.

איינמאָל איז קופער געשטאַנען פאַר דער שול מיט אַ פּאָר בעלי־בתים זיינע און געשמועסט. גראָד האָט זיך אַ כלב צעבולן לעבן שול.

— דער כלב — רופט זיך אָפּ איינער פון די בעלי־בתים — שניידט זיך אָפּ אַ חזן...

— ניין, — שמייכלט קופער — דערווייל בילט ער ווי אַ בעל־הבית...

768

מ'האָט אַמאָל געפרעגט חזן קופער:

— ווי קומט'ס, וואָס אין אַמעריקע זיינען פאַראַן אַזויפיל חזנים?

— ביי אידן — ענטפערט קופער — איז תמיד אַזוי געווען. בעת משה רבנו איז געווען אין דר'היים, אין מצרים, איז ער געווען אַ „כבד־פּה" און אַ „כבד־לשון", אַ זאַאיקע, נישט פאַר אונז גערעכט. ווי ער איז נאָר אַריבער דעם ים — אהא, „אָז ישיר משה", משה זינגט שוין...

אין די געצעלטן פון תורה

769

ר' חיים וואָלאָזשינער איז אַמאָל געקומען קיין ווילנע. שיקט'ן אים רופן פון גאון, ער זאָל תיכף, די רגע, קומען צו גיין.

לויפט ר' חיים תיכף אַוועק. אין שטוב ווערט ער געוואויר, אַז שוין דריי טעג זיצט דער גאון פאַרשפּאַרט ביי זיך אין חדר, לאָזט קיינעם נישט צו און איז נישט טועם טעם.

גייט ר' חיים אַריין צום גאון — און ווערט אַ פאַרציטערטער. דער גאון זעצט אויס חושך, דער קאָפּ אַרומגעבונדן מיט אַ פאַטשיילקע און זיצט און מאַטערט זיך איבער אַן ענין.

ווי דער גאון האָט דערזען ר' חיים'ען, האָט ער זיך דערפרייט.

— כ'שטיי דאָ — זאָגט ער — אָפּ אַ שווערן ירושלמי און קען ווייטער נישט גיין. זאָג מיר, ווי לערנסטו דעם ירושלמי?

קוקט ר' חיים איין און זאָגט:

— לויט מיין אַרימען שכל, רבי, איז דער פּשט אַזוי...

ווי ר' חיים האָט אָנגעהויבן זאָגן, איז דעם גאון'ס פּנים ליכטיק געוואָרן, ער האָט אַראָפּגענומען די פאַטשיילקע פון קאָפּ און געבעטן עפּעס טועם צו זיין...

770

אז דער ווילנער גאון איז קראַנק געוואָרן, פאַר דער פטירה, האָט ער נישט געלאָזט רופן קיין דאָקטער. אַז ער איז געוואָרן שלאַף, האָבן די מקורבים זיינע געפּועל׳ט ביי אים, מ׳זאָל שיקן נאָך אַ דאָקטער. האָט׳ן געבראַכט דעם דאָקטער יעקב ליבאשיץ, וואָס איז געווען מפורסם אין גאַנץ ליטע.

דער דאָקטער איז געקומען, איז אריין צום חולה און אים אויסגעהערט. אַז ער איז אַרויס, פרעגן אים אַלע:

— וואו האַלט ער?

— ער ה אַ ל ט — ענטפערט דער דאָקטער — וואו מ׳האַלט — אין כ ל י ם...*

771

בעת ר׳ חיים וואָלאָזשינער האָט געהאַלטן ביים מיסד זיין די גרויסע ישיבה זיינע אין וואָלאָזשן, האָט ער זיך שטאַרק געיישוב׳ט צי זאָל ער עס טאָן, צי נישט. פון כמה זייטן האָט מען אים אָפּגערעדט, באשר בכן, אַזאַ ישיבה וועט מרבה גיאות זיין. די יונגעלייט, וואָס וועלן לערנען אַף רבנות, וועלן ווערן ביי זיך האָפערדיק און אויסוואַקסן גרויסע בעלי־גאוה. האָט ר׳ חיים געהאַט אַ לאַנגן ישוב־הדעת, צי וועט נישט זיין יצא שכרו בהפסדו.

מאַכט זיך אַזאַ מעשה:

ר׳ חיים׳ן איז אויסגעקומען האַלטן שבת אין אַ קליין שטעטל. ערב־שבת איז ער, ווי דער שטייגער, געגאַנגען אין מרחץ לכבוד שבת. אין מרחץ איז געווען אַן עלטערער איד, אַ פּראָסטער, אַ מגושמ׳דיקער, וואָס פלעגט פאַר אַ פאַר גראָשן באַדינען די בעלי־בתים, דערלאַנגען וואַסער, אָרומוואַשן, אויספּאַרען. האָט אים ר׳ חיים גענומען, ער זאָל אים אַרומוואַשן. זעט ר׳ חיים, אַז ער קען, נעבאַך, נישט די מלאכה. ס׳קלייען זיך נישט ביי אים די פינגער. פּרוּווט ער אים זאָגן ווי ער זאָל טאָן. ווערט יענער אַ צעקאָכטער און פאַלט־אָן אַף ר׳ חיים׳ען מיט זלזולים:

— האַלט׳ס מויל! ווי דו זעסט, גיב איך דיר מיטן שעפל איבערן קאָפּ. ד ו וועסט מ י ך לערנען?

אַז ר׳ חיים איז געקומען אַף דער אכסניא, מאַכט ער צו זיך:

* אין מסכת „כלים". דער גאון האָט אַפן קראַנקנבעט געלערנט משניות אַף אויסנווייניק.

— נו, אז אזא פראסטע זאך גרול׳ט זיך אזוי, איז שוין פאר גיאות נישטא וואס מורא צו האבן...
און ער האט געעפנט די ישיבה.

772

דער עולם, וואס פלעגט אריינקומען צו ר׳ חיים וואלאזשינער, האט אמאל געזען ביי אים אין שטוב א פאר גרויסע, שווערע שטיבל. חידוש׳ט זיך: וואס דארף ר׳ חיים אזעלכע שטיבל? פרעגן — וועט׳ן דאך נישט.
איינמאל, אין א ווינטערדיקן פארטאג, נאך א נאכט שנייען, זעט׳ן ר׳ חיים בראדזשעט מיט די גרויסע, שווערע שטיבל אין טיפן שניי, גייט צו דער ישיבה און פון דער ישיבה היין און צוריק.
— רבי, — פרעגט׳ן אים — וואו גייט איר אין אזא טיפן שניי?
— כ׳מאך א וועג — ענטפערט ר׳ חיים — פאר די ישיבה־לייט...

773

בעת ר׳ איצעלע, ר׳ חיימ׳ס זון, איז געווען א יונגערמאן, האט ער געהאט בדעה צו פארן קיין אויסלאנד שטודירן חכמות. ר׳ חיימ׳ען איז׳ס נישט ניחא געווען און ער האט נישט מסכים געווען. כדרך הטבע, האט ר׳ חיים געוואלט, אז זיין זון זאל אויסוואקסן א גאון, א גדול בישראל.
אז ר׳ חיים האט אנגעהויבן בויען די ישיבה אין וואלאזשן, האט ער ביים לייגן דעם ווינקלשטיין געזאגט:
— אט דא מויער איך איין מיין איצעלן...

774

ר׳ זלמ׳לע, ר׳ חיים וואלאזשינער׳ס ברודער, איז געווען א שקדן גדול, תמיד עוסק געווען אין תורה, ממש „לא פסק פומיה מגירסא״, קיין רגע נישט מבטל געווען.
איינמאל, ווינטער־צייט, איז ר׳ זלמ׳לע געפארן אין וועג. דער פראסט האט געברענט, דער שניי איז געווען טיף און ר׳ זלמ׳לע איז געזעסן אין שליטן, איינגעטוליעט אין ווינטער־בגד און געלערנט אויסנווייניק.
אין מיטן וועג כאפט זיך דער גוי, דער שמייסער, אז דער פארשוין זיינער איז נישטא אין שליטן. שטעלט ער אפ ס׳פערד און לאזט זיך גיין צוריקוועגס זוכן דעם פארשוין. אפגעגאנגען א שטיק וועג, זעט ער, דער פארשוין זיינער ליגט אין א גרוב שניי און מאכט מיט די ליפן.
ר׳ זלמ׳לע איז געווען אזוי פארטיפט אין לערנען, אז ער האט נישט געשפירט, ווי ער איז ארויסגעפאלן פון שליטן און ליגנדיק אין שניי האט ער ווייטער געלערנט.

775

ר׳ לוי־יצחק בארדיטשעווער איז צו זיבצן יאָר געפאָרן צו ר׳ שמעלקי ניקלשבורגער אין דער ישיבה.

— קענסטו עפעס לערנען? — פרעגט אים ר׳ שמעלקי.

— פלאי־פלאי־פלאים! — ענטפערט ר׳ לוי־יצחק.

פאַר דער תשובה האָט אים ר׳ שמעלקי צוויי יאָר כסדר נישט אריינגענומען אין דער ישיבה.

776

בעת ר׳ יצחק׳ל האמבורגער איז געפאָרן פון בראָד קיין האמבורג אף ס׳נייע רבנות זיינע, איז ער דורכגעפאָרן בערלין. איז ער געבליבן אף שבת. האָבן די ראשי־קהל אים מכבד געווען האלטן שבת א דרשה אין שול. האָט׳ן, ווי דער שטייגער איז, אויסגעטיילט די מראה־מקומות און בערלינער לומדים האָבן תיכף גענומען מעיין זיין אין די אלע מראה־מקומות, זיך מפלפל געווען צווישן זיך און זיך מכין געווען צו דער דרשה, ווייזן ר׳ יצחק׳לען וואָס בערלין פאַרמאָגט. ר׳ יצחק׳ל האָט זיך געלערנט פאַר זיך זיינע שיעורים, ווי אלע טאָג.

ערב־שבת נאָך האלבן טאָג איז ער אוועק אין שול, ארויסגענומען א ספר־תורה פון ארון־קודש און מעביר געווען די קריאה, שנים מקרא ואחד תרגום. דער שמש האָט געזען זיין גרויס התלהבות און שמחה בעת׳ן מעביר זיין די קריאה, האָט ער ביי אים זייער נושא־חן געווען. און היות דער שמש האָט געוואוסט, אז אלע בערלינער לומדים זיינען זיך שטאַרק מכין צו דער שבת׳דיקער דרשה און דאָ זעט ער, אז דעם רב אליין טשעפעט עס גאָרנישט, איז אים פשוט געוואָרן א רחמנות אפן רב, ער זאָל, חלילה, נישט מבויש ווערן. גייט ער צו צו ר׳ יצחק׳לען און זאָגט:

— האָט קיין פאַריבל נישט, רבי. ס׳אפילו נישט מיין ענין, נאָר איר זיינט דאָך נישט קיין היגער, וויל איך אייך מודיע זיין, אז אלע לומדים פון שטאָט זיינען זיך שטאַרק מכין צו דער דרשה אייערער. און בערלין, רבי, פאַרמאָגט גרויסע לומדים, מופלגי תורה.

שמייכלט ר׳ יצחק׳ל.

שבת איז די שול געווען געפאַקט. די גרעסטע לומדים פון שטאָט זיינען געקומען. ר׳ יצחק׳ל האָט געהאלטן א דרשה מיט גרויס חריפות און בקיאות און קיין איינער פון די לומדים האָט זיך מיט א וואָרט נישט אָפּגערופן. אלע קשיות, וואָס זיי האָבן צוגעגרייט, האָבן זיך נאָך ר׳ יצחק׳לס הסברים נישט אָנגעהויבן.

אז ר׳ יצחק׳ל איז אראָפּ פון דער בימה, איז דער גאַנצער עולם צוגעגאַנגען צו אים און פון אלע זייטן:

— יישר־כח, רבי! יישר־כח!
— זאָגט מיר, כ׳בעט אייך, — מאַכט ר׳ יצחק׳ל — וואו זיינען די בערלינער לומדים?...

777

ר׳ משה סופר, דער „חתם סופר״, איז אַמאָל, אַנהויב זמן, געזעסן מיט די תלמידים און געשמועסט, וואָסער מסכת מ׳זאָל אַנהויבן לערנען.
— מיר וועלן לערנען — זאָגט ר׳ משה — מסכת ביצה.
— סטייטש, רבי, — כאַפּן זיך די תלמידים — ביצה איז דאָך אַ גרינגע מסכת?
— קיין אחריות נישט, — שמייכלט ר׳ משה. — אַן איי קען מען קאָכן האַרט אויך...

778

ר׳ משה סופר, דער „חתם סופר״, האָט אַמאָל געזאָגט אויף זון זיי־נעם, ר׳ אברהם־שמואל־בנימין, דעם „כתב סופר״:
— מיין זון, שמואל־וואָלף, לערנט בעסער פאַר מיר. נאָר וואָס דען? איך קען מער פאַר אים. דערפאַר בין איך אָבער עלטער פאַר אים...

779

ר׳ אברהם־שמואל־בנימין, דער „כתב סופר״, איז געווען אַ גרויסער בריה אין חשבון. די שווערסטע חשבונות אין הנדסה פלעגט ער מאַכן אויפן קאָפּ.
איינמאָל איז אַרויס אַ נייַ בוך פון אַ פּראָפעסער אין הנדסה. האָט ר׳ אברהם־שמואל־בנימין געפונען אין בוך אַ גרייז. האָבן זיך אַלע פאַר־חידוש׳ט.
— רבי, — פרעגט מ׳ן אים — ווי באַווייזט איר׳ס כאַפּן אַ פּראָפע־סער ביי אַ גרייז?
— גאָר פּשוט, — מאַכט ר׳ אברהם־שמואל־בנימין. — דער פּראָפע־סער חשבונ׳ט מיטן רגל* און איך חשבון מיטן קאָפּ...

780

דער אידישער פילוסוף משה מענדלסאָן האָט אין דער יוגנט געלערנט מיט גרויס חשק דעם רמב״ם׳ס „מורה נבוכים״. פון גרויס התמדה איז ער קראַנק געוואָרן, געקראָגן אַ קרומע פּלייצע און איז געבליבן אַ בעל־מום אויפן גאַנצן לעבן.
האָט מענדלסאָן געהאַט אַ ווערטל:

* רעגעל=כלל.

— דער רמב״ם האָט קראַנק געמאַכט מיין גוף, דערפאַר האָט ער אָבער געזונט געמאַכט מיין נשמה...

781

אַ חסידישער יונגערמאַן איז אַמאָל געקומען צו ר׳ חיים צאַנזער מקבל הדרכה זיין.

— רבי, — פרעגט דער יונגערמאַן — וואָסערע ספרים זיינען גוט צו לערנען חסידות?

— כ׳ווייס בלויז איין ספר, — זאָגט ר׳ חיים — גמרא מיט תוספות...

782

ר׳ שמואל ערנפעלד, דער „חתן סופר״, דעם „חתם סופר׳ס״ אַן אייניקל, איז געווען מפורסם פאַר אַ גאון עולם, אַ בקי און אַ חריף. פלעגט ער פאָרן צו ר׳ חיים צאַנזער.

— רבי, — פרעגן אים אַמאָל די תלמידים זיינע — וואָס פאָרט איר קיין צאַנז? וואָס קענט איר דאָרטן לערנען?

— כ׳וועל אייך זאָגן, — ענטפערט ר׳ שמואל. — מיר מיינען, אַז מיר קענען לערנען, ביז מיר קומען קיין צאַנז. אַז מיר קומען קיין צאַנז, זען מיר ערשט, וואָס קענען לערנען מיינט...

783

ר׳ חיים צאַנזער, אַז ער פלעגט זאָגן אַ תורה פון ר׳ נפתלי ראָפּשיצער, פלעגט ער זאָגן: „כ׳האָב געהערט פון ראָפּשיצער רב. אַז ער פלעגט דערמאָנען אַ תורה פון ר׳ הירש זידיטשאָווער, פלעגט ער זאָגן: כ׳האָב געהערט פון רבי׳ן, ר׳ הירש. איז׳ס ביי אַלעמען געווען אַ חידוש גדול. מחמת צום ראָפּשיצער איז ר׳ חיים געווען קשור כל ימיו און ביים זידיטשאָווער איז ער געווען בלויז צוויי מאָל.

האָט איינער פון די מקורבים ר׳ חיים׳ס אים אַמאָל געפרעגט דעם טעם דערפון.

— כוועל דיר זאָגן, — האָט אים ר׳ חיים געענטפערט. — דעם רבי׳ן, ר׳ הירש׳ן, הגם ער איז געווען אַ קדוש־עליון, האָב איך פונדעסטוועגן אַביסל משיג געווען, קען איך אים אָנרופן רבי. דעם ראָפּשיצער רב האָב איך נישט אָנגעהויבן משיג זיין, שעם איך מיך פשוט אים אָנרופן רבי...

784

ר׳ דוד נאָוואַרעדקער, דער „גליא מסכת״, איז געווען אַ גרויסער שקדן, געזעסן יום ולילה און געלערנט. זיין דרך איז געווען, קומען אַהיים פון בית־מדרש נאָך האַלבער נאַכט, בעת די בני־בית זיינען שוין גע־

שלאָפֿן. און היות ער האָט קיינעם נישט געוואָלט מטריח זיין, פּלעגט ער אַליין צוגיין צום אויוון, אַרויסנעמען ס׳טעפּל געקעכץ, וואָס איז געשטאַנען אָנגעגרייט פֿאַר אים, אָפּעסן און זיך לייגן שלאָפֿן.

איינמאָל, ביינאַכט, קומט ר׳ דוד אַהיים און גייט, ווי זיין דרך, צום אויוון, נעמען זיין חלק עסן. גראָד האָט׳ן יענעם טאָג געוואַשן גרעט. איז אין אויוון געשטאַנען, אַחוץ׳ן טעפּל געקעכץ, אַ טעפּל קראַכמאַל. נעמט ר׳ דוד אַרויס ס׳טעפּל קראַכמאַל, גיסט זיך אָן, עסט אָפּ און לייגט זיך שלאָפֿן.

אויף מאָרגן מאַכט ער צו דער רביצין:

— ווייסט, ס׳נעכטיקע געקעכץ האָט געהאַט עפּעס אַ מאָדנעם טעם. כ׳ווייס נישט, צי ס׳איז געווען געזאָלצן, צי אָן זאַלץ...

785

ר׳ הירש קאַלישערן האָט אַמאָל געטראָפֿן אַ סיבה, לא עלינו. בעת ער איז געזעסן און געלערנט, איז אַראָפּגעפֿאַלן אַ שטיק סטעליע און אים געלעכערט דעם קאָפּ. כדרך הטבע איז געוואָרן אַ מהומה אין שטוב און די בני־בית האָבן אָנגעהויבן מאַכן קולות, געוואַלדן.

— וואָס מאַכט איר אַזאַ רעש? — שמייכלט ר׳ הירש — אַצונד וועל איך וואַקסן אין לערנען. כ׳האָב אַן אָפֿענעם מוח...

786

ר׳ אייזל חריף האָט אַמאָל געזאָגט אויף איינעם, אַ רב, פֿון וועמען ער האָט נישט געהאַלטן:

— איר ווייסט, דער „מגן אברהם" מיט יענעם רב זיינען ביידע עמי־הארצים.

— וואָס רעדט איר, רבי? — חידוש׳ט זיך דער עולם. — מי לנו גדול ווי דער „מגן אברהם"?

— פֿאַרשטייט איר מיך, — שמייכלט ר׳ אייזל. — דער „מגן אברהם" אַליין איז טאַקע אַ גאון־הגאונים. נאָר אַז דער „מגן אברהם" פֿאַלט אַריין צו יענעם רב אין האַנט, פֿאַרשטייט ער דאָך, נעבאַך, אין אים קיין פּשט נישט, מאַכט ער אים פֿאַר אַן עם־הארץ — זיינען זיי ביידע עמי־הארצים...

787

ר׳ אייזל חריף האָט אינגלווייז געלערנט ביי אַ מלמד, וואָס האָט זיך גערופֿן: דער בירזשער מלמד.

האָט ר׳ אייזל געהאַט אַ ווערטל:

— אַ כלל איז, אַז דער וואָס האָט נישט געלערנט ביים בירזשער מלמד, קען נישט לערנען. והא ראיה, דער בירזשער מלמד גופא האָט ביים בירזשער מלמד נישט געלערנט, קען ער טאַקע נישט לערנען...

788

ר׳ אייזל חריף איז אמאל געפארן מיט דער אקס. מיט אים צוזאמען איז געפארן א איד, א נגיד. אפן וועג האט זיך דער וואגן איבערגעקערט, ווי ס׳פלעגט טרעפן ביי אמאליקע בעלי־עגלות, און ר׳ אייזל מיטן גביר זיינען געבליבן ליגן אונטערן וואגן.

— איר ווייסט, — זאגט ר׳ אייזל צום גביר — אף אונז ביידע איז איצט מקוים געווארן: „תורה וגדולה במקום אחד״...*

789

צו ר׳ שלמה ראדאמסקער, דער „תפארת שלמה״, זיינען אמאל אריין בעלי־בתים פון שטאט אים געוואויר ווערן. זיצן זיי אזוי און באטראכטן די גרויסע אלמערם מיט ספרים, וואס שטייען ביים רב אין שטוב.

— איר ווייסט, — מאכט צו זיי דער „תפארת שלמה״ — אז די מחברים פון אט די אלע ספרים האבן זיך קיין נעגל־וואסער נישט גע־שטעלט?

קוקן זיי אים אן.

— וואס מיינט איר, רבי? — פרעגן זיי אים.

— כ׳מיין פשוט, — ענטפערט ער זיי — די מחברים פון די ספרים האבן קיין נעכט נישט געשלאפן...

790

ר׳ יהושע׳לע קוטנער, בעת ער איז געווען א אינגל, פלעגט ער אפט קומען צו ר׳ זלמן פויזנער אפן גוט. זיין טאטע איז געווען שטוב־מלמד ביי ר׳ זלמנ׳ען, פלעגט ער קומען געוואויר ווערן דעם טאטן. ר׳ זלמן איז געווען מפורסם פאר א שארפן למדן, א גדול בתורה. ר׳ יהושע׳לע איז נאך געווען א אינגל, האט שוין אבער גע׳שמ׳ט פאר אן עילוי. פלעגט ר׳ זלמן ליב האבן צו שמועסן מיטן קליינעם יהושע׳לען אין לערנען.

ר׳ זלמנ׳ס דרך איז געווען, אז מוצאי־שבת פלעגט ער אוועקפארן קיין ווארשע, זיין דארטן א גאנצע וואך און ערב־שבת קומען אהיים. מחמת ער האט געפירט גרויסע עסקים מיט ווארשע.

איינמאל, שבת, האט ר׳ זלמן געזאגט א דבר־חידוש. האט דער קליי־נער יהושע׳לע אפגעווענדט. ר׳ זלמן האט פארענטפערט, יהושע׳לע האט ווייטער אפגעפרעגט. אזוי האבן זיי זיך א צייט מפלפל געווען, ביז ר׳ זלמן איז געבליבן שטיין, נישט געהאט וואס צו ענטפערן.

* תורה און עשירות אינאיינעם...

שבת־צונאַכטס איז ר׳ זלמן אוועקגעפאָרן קיין וואַרשע. אין מיטן וועג כאַפּט ער זיך, אַז ער איז געדעכט, אַז יהושע׳לעס קשיא איז גאָר קיין קשיא נישט. הייסט ער פאַרקירעווען צוריק אהיים. געקומען אהיים, שוין האַלבע נאַכט. אַלע שלאָפן שוין, דער טויער איז צוגעמאַכט. הויבט ר׳ זלמן אָן קלאַפּן. כאַפּן זיך אַלע אויף, דער קליינער יהושע׳לע אויך. ווערט אַ בהלה, ר׳ זלמן איז דאָ צוריק.

— וואָסי געשען? — פרעגט׳ן אים פון אַלע זייטן.

— צוליב דיר, קליינער, — זאָגט ר׳ זלמן צו יהושע׳לען — האָב איך מיך אומגעקערט. דיין קשיא הויבט זיך דאָך גאָרנישט אָן. — און הויבט אָן זאָגן אַ תירוץ.

דער קליינער יהושע׳לע לאָזט אים נישט לאַנג ריידן און ווענדט אים תיכף אָפּ. ר׳ זלמן בלייבט ווייטער שטיין.

— אומזיסט — קרעכצט ער — האָב איך מיך אומגעקערט. נישט כדאי געווען.

און איז אַ פאַר׳צער׳טער אוועקגעפאָרן קיין וואַרשע...

791

אַז ר׳ יהושע׳לע קוטנער איז שוין געווען מפורסם אויף דער וועלט פאַר אַ גאון בישראל, פלעגט ער אָפט דערמאַנען ר׳ זלמנ׳ען.

— געווען — פלעגט ער זאָגן אויף אים — אַן ע ר ל אַ כ ע ר אין לערנען...

792

ר׳ יחיאל־מיכל נאַווארעדקער, דער „ערוך השולחן״, איידער ער איז געוואָרן רב, איז ער געווען אַ קרעמער, געהאַט אין מאַרק אַ שניט־קראָם. אין קראָם איז געשטאַנען ס׳ווייב און ער איז געזעסן יום ולילה און גע־לערנט. דער פּאַטענט פון קראָם איז געווען אויף זיין נאָמען.

בעת דער רעוויזער פלעגט קומען אין שטעטל נאָכזוכן די פּאַטענטן, האָט ר׳ יחיאל־מיכל אַליין געמוזט זיין אין קראָם.

איינמאָל זעט׳ן אים, ווי ער גייט אין מאַרק און זוכט צווישן די קראָמען.

— ר׳ יחיאל־מיכל, — פרעגט׳ן אים — וואָס זוכט איר?

— כ׳זוך — ענטפערט ער — מיין קראָם...

793

ר׳ יחיאל־מיכל נאַווארעדקער האָט נישט געהאַלטן פון די ספרי הפילוסופיה און געהייסן וואָס ווייניקער אין זיי מעיין זיין.

דער בעסטער פילאָסאָפישער ספר — פלעגט ער זאָגן — איז די גמרא בבא קמא...

794

ר׳ אליה־חיים לאָדזשער האָט גרויס השגחה געגעבן אויף דער שטאָטישער תלמוד־תורה, אכטונג געגעבן אויף די למודים, באַזאָרגט די אָרימע קינדער מיט עסן, טרינקען און הלבשה און געזען, אַז בעת זיי גייען אַרויס פון תלמוד־תורה זאָלן זיי קומען צו אַ תכלית.

איינמאָל האָט אין לאָדזשער תלמוד־תורה געלערנט אַ אינגל פון די געפונענע קינדער, וואָס האָט זיך געהאָדעוועט אָן אַ טאַטן און אָן אַ מאַמען. גראָד האָט ס׳אינגל געהאַט אַ וואויל קעפּל און האָט גוט געלערנט. ר׳ אליה־חיים האָט שוין ס׳אינגל נישט אַרויסגעלאָזן פון אויג, געזאָרגט פאַר אים ווי פאַר אַן אייגן קינד.

אַז ס׳אינגל איז עלטער געוואָרן און אַרויס פון תלמוד־תורה, האָט ר׳ אליה־חיים אים געשיקט אין אַ ישיבה. דאָרט האָט ס׳בחור׳ל געלערנט מיט התמדה און איז געוואָרן מפורסם פאַר אַן עילוי.

לימים, אין עטלאַכע יאָר אַרום, איז אין דער ישיבה געקומען אַ איד אַ גביר נעמען אַ גוטן איידעם — ווערליק אַמאָליקע יאָרן. האָט אים דער ראש־ישיבה אָנגעוויזן אויפן לאָדזשער בחור. דער בחור איז געפעלן געוואָרן.

הויבט דער גביר אָן זיך פרעגן אויפן בחור, וועמעס איז ער, זאָגט מען אים דעם אמת: מ׳ווייס נישט, אַ געפונענער. שטייט דעם גביר נישט אָן, אַ פסול משפחה.

האָט דער ראש־ישיבה מודיע געווען ר׳ אליה־חיימ׳ען. שרייבט ר׳ אליה־חיים אוועק צום גביר, אַז ע ר, לאָדזשער רב, איז אַצונד דעם בחור׳ס טאַטע. געפעלט אים דער יחוס?

דער שידוך איז געוואָרן. ר׳ אליה־חיים איז געווען אויף דער חתונה און אַליין מסדר־קדושין געווען. דער יונגערמאַן איז נאָך דער חתונה געזעסן יום ולילה און געלערנט און איז אויסגעוואַקסן אַ כלי שלמה.

795

ר׳ דוד סערדעלער איז געווען מפורסם אין גאַנץ אונגאַרן פאַר אַ חריף, אַ פּקח און אַ שאַרפער ווערטל־זאָגער.

איינמאָל האָט מ׳אים געטראָפן, ווי ער האַלט דעם „פני יהושע“ אויף דער האַנט און וויגט אים.

— רבי, — פרעגט מ׳אים — וואָס טוט איר?

— ער רעדט — זאָגט ער — ווי אַ קינד, דער „פני יהושע“...

796

בעת ר׳ תנחום איז געווען ראש־ישיבה אין מינסק איז אַמאָל געקומען צו אים אַ פּראָסטער איד, אַן אויפגעקומענער עושר, מיט זיינעם אַן איידים, ר׳ תנחום זאָל אים פאַרהערן.

ר׳ תנחום פאַרהערט דעם יונגנמאַן — אַ פּוסטע כּלי.

— נו, רבי, — פרעגט דער עושר — קען ער עפּעס, דער איידים מיי־נער?

— יאָ, — ענטפערט ר׳ תנחום — כ׳בין אייך ערב, אַז אייער איידים קען וואויל לערנען.

איז דער עושר אַוועק אַ געפרעגלטער אין נחת.

אַז ער איז אַרויס, פרעגט איינער פון עולם ר׳ תנחום׳ן:

— רבי, ווי זאָגט איר׳ס, אַז איר זייט ערב, אַז דער יונגערמאַן קען לערנען? האָכט זיך, מיר האָבן געזען, אַז ער ווייסט, נעבאָך, נישט מאַי דקאָמרי רבי׳צן.

— פאַרשטייט איר מיך, — שמייכלט ר׳ תנחום — וואָס איז אַן ערב? אַז דער לוה קען נישט צאָלן, צאָלט דער ערב. נו, אַז דער יונגערמאַן קען נישט לערנען, קען איך...

797

ר׳ שמחה, קאַלוואַריער ראש־ישיבה, האָט אַמאָל פאַרהערט אַ תּלמיד דעם שיעור אַף אויסנווייניק. ס׳בחור׳ל איז געזעסן ביי דער גמרא, געכאַפּט אַלע ווײַלע אַ קוק אינווייניק, אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געזאָגט אויסנ־ווייניק.

אַז ער איז פאַרטיק געוואָרן, פרעגט אים ר׳ שמחה:

— זאָג־זשע מיר, פאַרוואָס אַ האָן בעת ער טרינקט הויבט ער אַלע ווײַלע אויף דעם קאָפּ און מאַכט צו די אויגן?

שווייגט ס׳בחור׳ל.

— כ׳וועל דיר זאָגן, — שמייכלט ר׳ שמחה — דאָס ווייזט ער, אַז אַראָפּשלינגען קען ער אַף אויסנווייניק...

אין טלית־און־תּפילין

798

ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער איז אַמאָל געפאָרן אין וועג, איז ער גע־בליבן אין אַ קרעטשמע נעכטיקן. אין דער אייגענער קרעטשמע האָבן גע־נעכטיקט אידן סוחרים, וואָס זיינען געפאָרן אַף אַ יריד. קיינער האָט דעם באַרדיטשעווער רב נישט געקענט.

פאַרטאָג זיינען די סוחרים אויפגעשטאַנען און תּיכף זיך געשטעלט דאַוונען. און היות אין קרעטשמע איז מער נישט געווען, ווי איין פּאָר

תפילין, האט איינער פון אנדערן געכאפט די תפילין און אפגעדאווענט וואס גיכער, מחמת זיי האבן זיך געאיילט צום יריד.

אז זיי זיינען פארטיק געווארן מיטן דאווענען, רופט צו ר׳ לוי־יצחק צוויי סוחרים, יונגעלייט:

— קומט אהער, זייט מוחל, כ׳וויל אייך עפעס פרעגן.

גייען זיי צו. הויבט ר׳ לוי־יצחק אן:

— מא, מא, מא, וואַ, וואַ, וואַ.

— וואס, ר׳ איד, ווילט איר זאגן? — פרעגן זיי אים.

און ר׳ לוי־יצחק האלט אין איין מאכן העויות:

— בא, בא, בא, טא, טא, טא.

קוקן אים די יונגעלייט אן. נישט אנדערש, דער איד איז אויסן זינען.

— אזוי? — חידוש׳ט זיך כלומר׳שט ר׳ לוי־יצחק — איר פארשטייט נישט, וואס איך רייד? נו, אט אזוי האט איר דאך געדאווענט, גערעדט צום רבונו־של־עולם.

— קיין אחריות נישט. — שמייכלט איינער פון די יונגעלייט. — איר האט אמאל געזען, א קינד ליגט אין וויגעלע און מאכט: מא, בא. די גרעסטע חכמים אין דער וועלט קענען אים נישט פארשטיין. אבער טאטע־מאמע, ווי זיי גייען צו צום קינד, פארשטייען זיי תיכף וואס ס׳וויל, צי ס׳בעט עסן, צי ס׳בעט טרינקען. מיר, אידן, זיינען דאך דעם רבונו־של־עולם׳ס קינדער, בנים למקום. ווייסט ער, וואס מיר בעטן ביי אים...

— גערעכט, גערעכט, — הויבט ר׳ לוי־יצחק אן טאנצן פון שמחה. — דער טאטע אין הימל ווייסט, וואס די קינדער זיינע בעטן...

799

ר׳ פינחס, דער בעל „הפלאה“, האט אמאל געקליבן ביי זיך א מנין צום דאווענען. אז ס׳זיינען שוין געווען צען אידן, האט ר׳ פינחס נאך געהייסןווארטן מיטן דאווענען ביז ס׳וועט קומען נאך איינער, אן עלפטער. מחמת אין די צען איז געווען א איד א קל, האט אים ר׳ פינחס נישט געוואלט מצרף זיין צום מנין. יענער האט עס פארשטאנען.

— סטייטש, רבי, — גייט ער צו צו ר׳ פינחס׳ן — אין די קטורת איז דאך „חלבנה“ * אויך געווען?

— דערפאר טאקע — שמייכלט ר׳ פינחס — האט׳ן געדארפט האבן עלף סממנים...

* א פראסטער געוויריץ, וואס האט נישט קיין גוטן ריח.

800

ארום אפּטע, וואו ר׳ אברהם־העשל איז געווען רב, האָט געוואוינט א ליטווישער למדן, א מתנגד. אַז דער אַפּטער רב איז נתגלה געוואָרן און האָט אָנגעהויבן שמ׳ען אַף דער וועלט, איז דער ליטווישער למדן צוגעפאָרן קיין אַפּטע, זען דעם אַפּטער׳ס הנהגה, אין וואָס ליגט זיין גדלות.

געקומען קיין אַפּטע, איז ער אינדערפרי געגאַנגען אין קלויז דאַווענען. ער גייט אריין, זעט ער, דער אַפּטער רב זיצט פאַר׳מוח׳ט און רויכערט א ציביק. דער ליטווישער למדן דאַוונט אָפּ, לערנט זיין שיעור: אַ פּרק משניות, א בלאַט גמרא, עטלאַכע סעיפים „שולחן ערוך", ס׳איז שוין האַלבער טאָג — דער אַפּטער רב זיצט נאָך און רויכערט זיין ציביק.

— סטייטש, רבי, — גייט ער צו צום אַפּטער — ס׳איז שוין נאָכן זמן־תפילה.

— כ׳וועל דיר זאָגן, — ענטפערט אים דער אַפּטער. — דו ביזט אויפגעשטאַנען, האָסטו זיך תיכף געשטעלט דאַווענען; נאָכן דאַווענען — האָסטו זיך געזעצט לערנען. איך בין אויפגעשטאַנען און האָב אָנגעהויבן זאָגן: „מודה אני לפניך", האָב איך אַ טראַכט געטאָן: ווער איז דער „אני" און ווער איז דער „לפניך" — שטיי איך נאָך און קען ווייטער נישט גיין...

801

ר׳ חיים צאַנזער פלעגט זייער מאריך זיין אין די „אני־מאמינ׳ס". איטלאַך „אני־מאמין" האָט ער איבערגעזאָגט כמה מאָל.

אָפּגעזאָגט איין מאָל, זאָגט ער צו זיך:

— חיים, דו גלויבסט נאָך נישט...

אָפּגעזאָגט אַ צווייטן מאָל:

— חיים, דו גלויבסט נאָך אַלץ נישט...

און אַזוי עטלאַכע מאָל.

802

ר׳ אברהם־שמחה נאַדוואָרנער איז געווען אַ גרויסער מאריך בתפילה. ס׳דאַווענען זיינס פלעגט געדויערן כמעט אַ גאַנצן טאָג. ווער שמועסט שבת, פלעגט ער פאַרטיק ווערן מיטן דאַווענען ארום נאַכט און עסן די סעודת־שחרית בעת דער עולם איז שוין געגאַנגען פון מעריב.

איינמאָל איז ער געווען שבת אין אוהעל, ביי ר׳ משה טייטלבוים. האָט ער זיך נוהג געווען ווי זיין דרך און געדאַוונט ביז נאַכט.

— זאָגט־זשע מיר, — פרעגט אים ר׳ משה — למאי זיינט איר אַזאַ מאריך בתפילה? איך בין אויך אַ איד, דאַוון אויך און ביי מיר געדויערט ס׳דאַווענען אַפילו שבת, נישט מער ווי אַ פּאָר שעה.

— כ׳וועל אייך זאגן, — ענטפערט ר׳ אברהם־שמחה — ברויט עסן אלע, סיי דער ארימאן, סיי דער נגיד. נייערט דער נגיד עסט ברויט בלויז טועם צו זיין, מחמת ער האט כמה מאכלים זאט צו ווערן. דער ארימאן אבער מוז עסן ברויט צו זעט, מחמת קיין אנדערע מאכלים, אחוץ ברויט, האט ער נישט.

— ס׳איז־גענע — פירט אויס ר׳ אברהם־שמחה — איז אין ענין פון דאוונען. אלע אידן דאוונען, סיי דער פשוט׳ער איד, סיי דער צדיק־הדור. נייערט איר האט, אחוץ דאוונען, תורה, עבודה, מדרגות, איז ביי אייך ס׳דאוונען א טפל. איך, אחוץ דאוונען האב איך גארנישט, איז ביי מיר ס׳דאוונען ס׳גאנצע חיות מיינע...

די וועגן פון עבודה

803

ר׳ פינחס קאריצער איז אמאל, ווינטער אינדערפרי נאכן דאוונען, געזעסן ביי זיך אין קלויז. הערט ער ווי דער עולם חסידים זיצט און שמועסט מכח׳ן בעל־דבר, דעם יצר־הרע, וואס איז מסית ומדיח, טוט כל־ערליי תחבולות מכשיל צו זיין דעם מענטשן, ארייגכאפן אים אין נעץ זיינער.

— דער בעל־דבר — רופט זיך אפ ר׳ פינחס — איז נישט בלויז א מסית ומדיח, נאר א שקרן אויך. הערט אף טשיקאוועס, וואס כ׳האב היינט געהאט מיט אים.

איך כאפ מיך אויף אין דער פרי, וויל איך מיך אויפהויבן גיין טבילה. כ׳זע — דער יצר־הרע איז דא.

— ווי ווערטטו — זאגט ער צו מיר — גיין טבילה אין אזא קעלט? אין דרויסן ברענט דער פראסט סכנת־נפשות, די מקוה איז געפרוירן, איין שטיק אייז.

— ווייסטו וואס? — זאג איך צו אים — ליג דו דא, איןווארעם בעט, און איך וועל גיין טבילה. — כ׳האב געוואלט, ער זאל זיך אפטשעפען פון מיר כאטש אף א ווײלע.

גיי איך אוועק אין מקוה, ברעך אויף דעם אייז און גיי אריין אין וואסער. כ׳זע — דער יצר־הרע שטייט לעבן מיר אין וואסער...

א מורא׳דיקער שקרן דער בעל־דבר, מ׳טאר אים נישט גלויבן פון דאנען אהין...

✻

804

ר׳ פינחס קאריצער פלעגט זאגן:

— דרייצן יאר האב איך מיך געלערנט נישט צו זאגן קיין שקר און דרייצן יאר האב איך מיך געלערנט צו זאגן אמת...

805

ר׳ ברוך מעזשיבוזשער פלעגט זאגן:

ליכטיק איז די וועלט, בעת דער מענטש טוט זיך נישט אריין אין איר; פינסטער, חושך איז די וועלט, בעת דער מענטש טוט זיך אריין אין איר...

806

ר׳ לייב שרה׳ס האט זיך נוהג געווען, אנקויפן אין מארק בייגל, אוועקגיין צום בריק און ווארפן פאר די פיש.

שעה׳ן לאנג פלעגט ער אזוי אפשטיין און צוקוקן ווי די פיש לויפן זיך צונויף און שפייזן זיך מיט זיין גאב.

807

ר׳ נחמן בראצלאווער פלעגט זאגן:

— א מענטש טאר נישט זיין אלט. נישט קיין אלטער צדיק, נישט קיין אלטער חסיד. אלט איז נישט גוט. מ׳דארף תמיד אנהויבן אף ס׳ניי...

808

ר׳ יחיאל-מיכל, ר׳ ברוך מעזשיבוזשער׳ס איניקל, בעת ער איז געווען א אינגל, האט ער זיך אמאל געשפילט מיט א חבר אין באהעלטעניש. האט ער זיך באהאלטן, דער חבר זאל אים זוכן. אוועק א היפשע ווײַלע, דער חבר געפינט אים נישט. גייט ער אליין ארויס פון באהעלטעניש. זעט ער, דער חבר איז נישטא. לויפט ער אריין מיט א געוויין צום זיידן.

— וואס ווײנסטו? — פרעגט אים ר׳ ברוך.

— כ׳האב מיך באהאלטן — כליפעט ס׳אינגל — און מ׳האט מיך נישט געזוכט.

— יא, — קרעכצט פאר זיך ר׳ ברוך. — השם-יתברך זאגט אויך אזוי: איך באהאלט מיך און קיינער זוכט מיך נישט...

809

ר׳ זושע האניפאלער פלעגט פארן צום מעזעריטשער מגיד צוויי מאל א יאר, זומער און ווינטער. איטלאכס מאל פלעגט ער בלייבן ביים מגיד דריי חדשים.

איינמאל, ווינטער, איז ער געקומען צום מגיד ערב-שבת אינדערפרי. דער מגיד האט מעביר סדרה געווען, שנים מקרא ואחד תרגום. האט ר׳ זושע געוואַרט מיט שלום-נעמען. אז דער מגיד איז פארטיק געוואָרן מיט דער סדרה, גיט ער ר׳ זושען שלום און זאגט אים:

— זושע, לעב, כ׳בין אף דיר גוזר, זאלסט נאך היינט פארן אהיים.

— רבי, — זאָגט ר׳ זושע — כ׳בין דאָך געקומען אַף דריי חדשים, מקבל הדרכה זיין. כ׳בין מסכים צו פאָרן אַהיים בתנאי, אַז דער רבי זאָל מיר געבן הדרכה, ווי כ׳וואָלט מקבל געווען אין דריי חדשים.

— רעכט, — זאָגט דער מגיד. — כ׳וועל דיר געבן הדרכה. זאָלסט דיך לערנען דריי זאַכן פון אַ קינד און זיבן זאַכן פון אַ גנב.

דריי זאַכן פון אַ קינד:

א) אַ קינד איז תמיד פריילאַך, ווייסט נישט פון קיין עצבות, פון קיין מרה־שחורה.

ב) אַ קינד זיצט נישט ליידיק אפילו איין רגע.

ג) אַ קינד, אַז ס׳בעט עפּעס ביים טאַטן, אפילו אַ קלייניקייט, בעט׳ס מיט געוויין.

זיבן זאַכן פון אַ גנב:

א) אַ גנב טוט זיין אַרבעט דער עיקר ביינאַכט.

ב) אַ גנב, אַז ס׳גיט זיך אים נישט איין נאַכט, פּוילט ער זיך נישט צו פּרובירן אַ צווייטע נאַכט.

ג) אַ גנב האָט ליב די חברים זיינע און איינער פאַרן אַנדערן איז זיך מוסר־נפש.

ד) אַ גנב איז זיך מוסר־נפש אפילו אַף אַ קלייניקייט און אפילו אַף אַ ספק.

ה) אַ גנב פאַרקויפט אינדערפרי בחצי־חנם, וואָס ער האָט גע׳גנב׳עט ביינאַכט, כדי מ׳זאָל ביי אים גאָרנישט געפינען.

ו) אַ גנב איז זיך נישט מודה, אַז ער האָט גע׳גנב׳עט, נעמט צו קלעפּ, פאַרטראָגט יסורים און האַלט זיך ביי איינס: כ׳ווייס נישט.

ז) אַ גנב האָט ליב זיין אומנות און וועט זי נישט פאַרבייטן פאַר קיין שום אַנדער זאַך.

810

די צוויי ברידער, ר׳ שמעלקי ניקלשבורגער און ר׳ פּינחס, דער בעל „הפלאה", האָבן אַמאָל געפרעגט דעם רבי׳ן זייערן, דעם מעזעריטשער מגיד:

— רבי, ווי קען מען מקיים זיין די משנה פון „חייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה"*, אַז מ׳זאָל מקבל זיין אַ רעה מיט די אייגענע שמחה ווי אַ טובה?

האָט זיי דער מגיד אָפּגעשיקט צו ר׳ זושע האניפּאָלער.

* ברכות, נד.

זיינען זיי אוועק אין בית־מדרש, וואו ר׳ זושע איז געזעסן און גע־רויכערט א ציביק. זאגן זיי אים מכח וואס דער רבי האט זיי געשיקט צו אים.

— ס׳אי מיר א גרויסער חידוש, — מאכט ר׳ זושע — וואס דער רבי האט געשיקט צו מיר. אזא שאלה דארפן פרעגן איינעם, וואס האט שוין געהאט א רעה, חלילה, אין זיין לעבן. איך האב, ב״ה, נאך קיין־מאל קיין רעה, חלילה, נישט געהאט. תמיד געהאט כל־טוב...

811

ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער איז תמיד געווען פאַר־דבקה׳ט אין עבודת־הבורא. זיין טבע איז געווען אלע ווילע א געשריי צו טאן: דערבאַרימדיקער!

בעת מלוכה האט אַרויסגעגעבן א באפעל, אז אלע אידן זאלן זיך פאַרשרייבן מיט פאַמיליע־נעמען, איז׳ן געקומען צו ר׳ לוי־יצחק׳ן אים פאַרשרייבן.

— ווי ווילסטו — פרעגט אים דער שרייבער פון מלוכה — זאל זיין דיין פאַמיליע?

ר׳ לוי־יצחק איז געווען פאַר־דבקה׳ט, נישט געהערט ווער און וואס מ׳רעדט צו אים און, ווי זיין דרך, א געשריי געטאן: דערבאַרימדיקער!...

— נו, גוט, — זאגט דער שרייבער — זאל זיין: דערבאַרימדיקער.

און אזוי איז געבליבן ר׳ לוי־יצחק׳ס פאַמיליע אף קינדס־קינדער.

812

ר׳ אהרן קאַרלינער פלעגט זאגן:

— ווער ס׳איז אין דר׳היים א גאַנצער איד, איז אונטערוועגנס א האלבער איד; און ווער ס׳איז אין דר׳היים א האלבער איד איז אונ־טערוועגנס קוים א פערטל איד...

813

דער רבי ר׳ אלימלך האט אמאל אנגעטראפן אן עדה אידן פאָרן אף א פור קיין ווארשע.

— זייט מוחל, — זאגט ער צום עולם — גריסט דאָרט דעם טאטן.

— ווער — פרעגן זיי אים — איז אייער טאטע?

— דער אייגענער — מאכט ר׳ אלימלך — וואס איז אייער טאטע. דער טאטע אין הימל...

אין ווילנע און אין גאַנץ ליטע האט׳ן דעם ווילנער גאון גערופן: דער חסיד.

814

אז דער גאון איז געוואויר געוואָרן, אַז דער עולם רופט אים: דער חסיד, איז׳ס אים נישט געווען לרצון.

— אפילו — זאָגט ער — דער עולם זאָל מיינען, אַז כ׳בין מקיים דעם גאַנצן „שולחן ערוך", בין איך אַלץ מער נישט ווי אַן ערלאַכער איד, אָבער צו זיין אַ חסיד איז נאָך גאַנץ ווייט...

815

ר׳ חיים וואָלאָזשינער האָט אַמאָל געשריבן אַ בריוו צו דער טאָכטער זיינער אין לידע. האָט ער אָפּגעשריבן דעם בריוו און מיטגעגעבן מיט איינעם, וואָס איז געפאָרן קיין לידע.

אַז יענער איז שוין געווען אַוועק, כאַפּט זיך ר׳ חיים און רופט אים צוריק, נעמט ביי אים צו דעם בריוו, שרייבט אַן אַנדערן און גיט אים אַוועקפירן.

שטייט ר׳ איצעלע, דער זון זיינער, און חידוש׳ט זיך: אין ביידע בריוו איז געשריבן די זעלביקע זאַך מיטן זעלביקן לשון.

— טאַטע, — זאָגט ער — האָב קיין פאַריבל נישט וואָס כ׳וועל דיך פרעגן — למאי האָסטו איבערגעשריבן דעם בריוו, אַז דו האָסט גאָר נישט משנה געווען?

ווייזט אים ר׳ חיים, אַז ער האָט איבערגעשריבן דעם נאָמען פון דער טאָכטער.

— אין ערשטן בריוו — זאָגט ר׳ חיים — האָב איך נישט אַכטונג געגעבן און געשריבן דעם נאָמען נישט על־פּי דקדוק. קען, חלילה, אַמאָל אַרויסקומען אַ קלקול, מ׳וועט אַזוי שרייבן אין אַ גט. דערפאַר האָב איך דעם בריוו איבערגעשריבן.

816

ר׳ יעקב־יצחק, דער לובלינער „חוזה", פלעגט זאָגן:

— מיר איז ליבער אַ רשע, וואָס ווייסט אַז ער איז אַ רשע, איידער אַ צדיק, וואָס ווייסט אַז ער איז אַ צדיק...

817

ר׳ נפתלי ראָפּשיצער פלעגט זאָגן:

אַ איד ברויך צו זיין: גוט, און פרום און קלוג. גוט אַליין — איז אַ נואף. קלוג אַליין — איז אַ גנב. פרום אַליין — איז אַ נאַר...

818

ר׳ חצקעלע שינעווער האָט אַמאָל געזאָגט:
— וואָס איז דער חילוק פון מיר ביז מיין ברודער, ברוכ׳ן?
— ברוך האָט ליב דעם אמת און איך האָב פיינט שקר...

819

ר׳ נתן אַדלער, פראַנקפורטער רב, איז געווען אַ גאון עולם און אַ צדיק תמים.

איינמאָל האָט ער גענומען און מפקיר געווען זיין גאַנץ האָב־און־גוטס.

— זאָל, חלילה, — זאָגט ער — אַ איד נישט נכשל ווערן אין איסור גנבה...

820

ר׳ עקיבא אייגער האָט אַמאָל געזען, ווי ס׳ווייב זיינ׳ס, די רבי׳צן, האָט זיך געקויפט אַ נייעם סידור, זייער אַ גראָבן.

— אַי, — קרעכצט ר׳ עקיבא אייגער — דער סידור ווערט אַלץ גרעבער און דער „שולחן ערוך" ווערט אַלץ דינער...

821

ר׳ מענדעלע קאָצקער פלעגט זאָגן:

אַלץ אין דער וועלט קען מען נאָכמאַכן, אַחוץ דעם אמת; מחמת אַז אמת, אַז ער איז נאָכגעמאַכט, איז ער שוין קיין אמת נישט...

822

ר׳ ישראל סאַלאַנטער איז אַמאָל געפאָרן אין אַ קור־אָרט. אַפן וועג האָט ער זיך געטראָפן מיט אַ רב, וואָס איז געפאָרן מיט אים אין איין וואַגאָן. האָבן זיי זיך באַקענט, געזעסן צוזאַמען און געשמועסט אין תורה, אין הויות־העולם.

פאַר אַ סטאַנציע האָט דער רב אַרויסגענומען פון פעקל זיינעם אַלט־געבאַקן ברויט, וואָס ער האָט מיטגענומען פון דר׳היים און פאַרבעטן ר׳ ישראל׳ן עסן מיט אים. ר׳ ישראל האָט אים באַדאַנקט. אַף דער סטאַנציע איז ר׳ ישראל אַראָפּ און געקויפטביים בופעט פריש ברויט. איז׳ס דעם רב געווען אַ גרויסער חידוש: ר׳ ישראל זאָל עסן גוי׳ש ברויט.

— האָט קיין פאַריבל נישט, רבי, — זאָגט דער רב צו אים — וואָס כ׳וועל אייך פרעגן. היתכן, איר זיינט נישט נזהר אין „פת פלטר"?

— כ׳וועל אייך זאָגן, — ענטפערט אים ר׳ ישראל — כ׳פאָר אין קור־אָרט נישט פאַר מיין געלט. אַ גוטער פריינט מיינער שיקט מיך אַף זיינע

הוצאות. ער האָט אָבער אויסגענומען מיט מיר אַ תנאי, אַז כ'זאָל אוועקלייגן אַלע חומרות און אָפּהיטן מיין געזונט. איז אויב כ'זאָל אַף מיר מחמיר זיין און נישט עסן אין וועג קיין פריש ברויט, וועל איך טאָקע זיך אויסהיטן פון „פּת פּלטר", וואָס איז מער נישט ווי אַ חומרה, דערפאַר אָבער וועל איך עובר זיין אַפן איסור פון גזל און גנבת־דעת...

823

ר' ישראל סאַלאַנטער איז, כידוע, אוועק פון רוסלאַנד, וואו ער איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן, און זיך באַזעצט אין אויסלאַנד. ער האָט געוואוינט אין מעמל, פראַנקפורט, בערלין, פּאַריז, קיניגסבערג. אין די אַלע שטעט האָט ער געזען מחזק זיין אידישקייט און מקרב זיין אידן צו תורה.

— רבי, — האָט'ן אים אַמאָל געפרעגט — ווי קומט'ס, וואָס איר זיינט אַוועק פון רוסלאַנד, וואו ס'וואוינט דער רוב מנין און דער רוב בנין פון אידן, וואו מ'קען אויפטאָן גדולות, און איר האָט אייך באַזעצט אין אויסלאַנד, וואו אידן זיינען אַ מיעוט שבמיעוט און ס'לאָזט זיך קנאַפּ וואָס אויפטאָן פאַר אידישקייט?

— כ'וועל אייך זאָגן, — ענטפערט ר' ישראל. — איר האָט אַמאָל געזען, אַז אַ פערד צעבריקעוועט זיך, צערייסט די שטריק מיט די רימענס, רייסט זיך אויס פון שפּאַן און לאָזט זיך לויפן באַרג־אַראָפּ, קען אים קיינער נישט אָפּשטעלן. ס'איז פשוט אַ סכנה צוגיין צו אים. ער איז קאַפּאַבל צעטרעטן דעם מענטשן און מאַכן פון אים אַ גל של עצמות. ערשט, אַז ס'פערד איז שוין דעם באַרג אַפּגעלאָפן, איז געבליבן שטיין אונטן, קען מען צו אים צוגיין, אים צורעכט מאַכן און צוריק איינשפּאַנען.

— דאָס — פּירט אויס ר' ישראל — איז דער חילוק פון רוסלאַנד צו אויסלאַנד. דאָס אידישקייט אין רוסלאַנד איז ערשט אַרויס פון שפּאַן, אַראָפּגעוואָרפן דעם יאָך, צעריסן די לייצעס און האַלט אין לויפן באַרג־אַראָפּ. אָפּשטעלן, וועלן מתקן זיין, איז אומעגלאַך. דאָס אידישקייט אין דייטשלאַנד איז שוין זיינס אָפּגעלאָפן, שטייט שוין אונטערן באַרג, קען מען שוין צוגיין און אָנהויבן מתקן זיין...

824

ר' דוד'ל טאַלנער פלעגט זאָגן:

— אַמאָליקע דורות איז'ן געגאַנגען אין פאַנטאָפל. אַז ס'איז געקומען צו אַ עפּעס אַ בלאָטקע, האָט'ן אויסגעמיטן. דערנאָך האָט'ן אָנגעהויבן גיין אין שיך. איז'ן אין קלענערע בלאָטעס געגאַנגען, גרעסערע

האט'ן אויסגעמיטן. שפעטער האט'ן אנגעהויבן גיין אין שטיבל. איז'ן שוין געקראכן אין גרויסע בלאטעס. אז מ'איז אבער געקומען אהיים האט'ן זיך אפגערייניקט. היינטיקע דורות טראגט'ן קאלאשן. קריכט'ן אין גרויסע בלאטעס און אפילו אז מ'קומט אהיים רייניקט'ן זיך נישט אפ...

825

ר' איציקל סקווירער איז אמאל געקומען אף א שבת קיין קריוואזער. שבת אינדערפרי האט דער דיין, ר' יעקב־ליפע, אנגעקלאפט ביים רבי'ן.

— ווער איז דארטן? — פרעגט ר' איציקל.

— איך, יעקב־ליפע — ענטפערט דער דיין.

לאזט אים ר' איציקל אריין, זעצט אים לעבן זיך און שמועסט מיט אים. אין מיטן שמועס האלט ער אים פיר:

— נישט רעכט, — זאגט ר' איציקל. — א איד טאר נישט זאגן: א י ך...

826

ר' משה־יצחק, דער קעלמער מגיד, פלעגט זאגן:

— א שקרן, רבותי, איז ערגער ווי א גנב און א גזלן. א גנב גנב'עט נאר ביינאכט. א גזלן גזל'ט בייטאג אויך, אבער נאר א יחיד, נישט קיין רבים. א שקרן אבער זאגט שקר סיי בייטאג, סיי ביינאכט; סיי פאר א יחיד, סיי פאר א רבים...

827

בעת ר' יאשע־בער איז געווען רב אין סלוצק, איז ער אמאל גע־קומען קיין מינסק. זיינען מינסקער חשובים, לומדים, געקומען אים מקבל־פנים זיין, נעמען שלום און שמועסן אין תורה.

איז צווישן עולם געווען א יונגערמאן, א מינסקער קרעמער, וואס האט אמאל געלערנט ביי ר' יאשע־בערן. אז ער האט געהערט, אז דער רבי זיינער איז דא אין שטאט, איז ער תיכף געקומען זיך זען מיט אים. ר' יאשע־בער האט אים מקרב געווען, געזעצט לעבן זיך.

— וואס מאכסטו? — פרעגט ער אים.

— געלויבט השם־יתברך, רבי, — זאגט דער יונגערמאן — כ'האב מיך נישט וואס צו באקלאגן. בין, ב"ה, געזונט, פרנסה איז אויך דא.

זיצט'ן און מ'שמועסט ווייטער אין עולם.

א ווײַלע שפעטער פרעגט ר' יאשע־בער דעם יונגנמאן נאך אמאל:

— וואס מאכסטו?

— ברוך השם, — זאָגט דער יונגערמאַן — בין געזונט, האָב פּרנסה און מ׳שמועסט ווײַטער.

עטלאַכע מינוט שפּעטער פרעגט ר׳ יאָשע־בער דעם יונגנמאַן א דריטן מאָל:

— וואָס מאַכסטו?

— האָט קיין פאַריבל נישט, רבי, — זאָגט דער יונגערמאַן פאַר־חידוש׳ט — שוין דריי מאָל, אז דער רבי פרעגט מיך די אייגענע שאלה. כ׳בין, ב״ה, געזונט, האָב פּרנסה בשופי.

— ניין, — מאַכט ר׳ יאָשע־בער. — דו ענטפערסט מיר אַלץ שלא ממין הטענה. איך פרעג דיך: וואָס מאַכסטו? ענטפערסטו מיר: גע־זונט, פּרנסה. דאָס אַלץ מ א כ ט ׳ אָ ך ד ע ר ר ב ו נ ו ־ ש ל ־ ע ו ל ם, נישט דו. איך וויל אָבער וויסן: ו ו אָ ס מ אַ כ ס ט ו ? צי ביזטו קובע עתים לתורה? גיסטו צדקה? ווי האַלטסטו בכלל מיט אידישקייט?...

אמונה און בטחון

828

ר׳ ישראל בעל־שם־טוב איז אַמאָל מיט ר׳ מאיר מרגליות געקומען קיין בראָד. פאַרפאָרן זיינען זיי אַף אַן אכסניא, ווי סוחרים. איז קיי־נער צו ר׳ ישראל׳ן נישט געקומען. ביני לביני איז ביי אים אויסגע־גאַנגען ס׳געלט און ער איז געבליבן אָן אַ פּרוטה.

פאָרן פאָרן איז געקומען צו ר׳ ישראל׳ן אַ איד אַ נגיד און אים גע־געבן אַ גאָלדן רענדל. ביים געזעגענען גיט ר׳ ישראל דעם נגיד ס׳רענדל און זאָגט אים:

— צוועלף גילדן וועט איר געבן די יושבים אין קלויז און צוועלף גילדן צעטיילן אָרימלייט.

און ער איז אָוועקגעפאָרן פון בראָד אָן אַ פּרוטה.

— סטייטש, רבי, — חידוש׳ט זיך ר׳ מאיר — איר האָט אָוועקגע־געבן ס׳לעצטע, אַצונד האָט איר נישט קיין פּרוטה אַף הוצאות.

— זיי רוהיק, — זאָגט ר׳ ישראל. — כל־זמן השם־יתברך לעבט, האָבן מיר נישט וואָס צו זאָרגן...

829

ר׳ מיכל זלאָטשעווער פלעגט זאָגן:

— טייל מענטשן יאָגן זיך נאָך פּרנסה, ביי מיר יאָגט זיך די פּרנסה נאָך מיר...

830

א איד, א סוחר, איז אמאל געקומען צו ר׳ חיים וואלאזשינער און זיך געקלאגט:

— רבי, אן אומגליק איז מיר געשען. כ׳האב געשיקט האלץ אפן וואסער קיין פרייסן, לאזט די גרעניץ־וואך ס׳האלץ נישט דורך. איצט וועל איך בדיל־הדל ווערן.

— דאגה׳ט נישט, — זאגט אים ר׳ חיים. — השם־יתברך וועט העלפן.

ביני לביני האט זיך דער מקח פון האלץ געהויבן און דער סוחר האט פארדינט שווערע אלפים.

איז ער געקומען מיט א שמחה צו ר׳ חיימ׳ען:

— רבי, איצט זע איך השגחה מן השמים.

— אט דאס — מאכט ר׳ חיים — איז דער חילוק פון א נגיד ביז אן ארימאן. דער ארימאן זעט אלע טאג השגחה מן השמים; דער נגיד — איין מאל אין יארן...

די וועלט און יענע וועלט

831

ר׳ פינחס קאריצער פלעגט זאגן:

— אויב מ׳וועט מיך אף יענעם עולם פירן גלייך אין גן־עדן — וועט זיין זייער גליק. טאמער וועט׳ן מיך פירן אין גן־עדן דורכן גיהנם, וועלן זיי האבן א ביטערן סוף. כ׳וועל מיך פון גיהנם נישט רירן, כל־זמן דארט וועט בלייבן איין איינציקער איד...

832

בעת ר׳ משה־יאכנעס איז נסתלק געווארן, האט דער פיקיווער רב, ר׳ לוי־יצחק בארדיטשעווערס זון, אים געוואלט לייגן אין איין שורה מיטן טאטן, מיט ר׳ לוי־יצחק׳ן. האט זעליק, ר׳ לוי־יצחקס שמש, דער־ציילט אזא מעשה:

איינמאל איז ר׳ משה יאכנעס אריין צו ר׳ לוי־יצחק׳ן און זיי האבן זיך ביידע א צייט מיחד געווען. האב איך אריינגעקוקט דורך דער טיר און געזען, ווי זיי שטייען ביידע איינגעבויגן די קעפ און איטלאכער האלט די הענט ביים אנדערן אפן קאפ.

— משה, סערדצע, — זאגט ר׳ לוי־יצחק — בענטש מיך.

— לוי־יצחק, לעב, — זאגט ר׳ משה — בענטש מיך דו.

— משה, סערדצע, — זאָגט דערנאָך ר׳ לוי־יצחק — כ׳וויל, אַז איבער הונדערט־און־צוואַנציק יאָר זאָלן דיך לייגן לעבן מיר.

— ניין, לוי־יצחק, לעב, — זאָגט ר׳ משה — גענוג פאַר מיר, אַז כ׳וועל ליגן ביי דיר צופוסן...

833

ר׳ נפתלי ראָפּשיצערס ברודער, ר׳ שמעלקע, איז געווען רב אין ראָמאַן. איינמאָל איז ער געקומען קיין לינסק אַף קבר־אָבות. איז ער קראַנק געוואָרן און דאָרט נפטר געוואָרן.

— מיין ברודער, ר׳ שמעלקען, — האָט ר׳ נפתלי געזאָגט — האָט פאַרשמעקט ס׳בית־החיים...

834

ר׳ משה סופר, דער „חתם סופר“, פלעגט זאָגן:

— מענטשן טוען זיך כמה מאָל באַקלאָגן, זיי האָבן נישט מיט וואָס צו לעבן. כ׳האָב נאָך אָבער קיינמאָל נישט געהערט, אַ מענטש זאָל זיך באַקלאָגן, אַז ער האָט נישט מיט וואָס צו שטאַרבן...

835

ר׳ שמחה־בונם, דער פּרשיסכער, פלעגט זאָגן:

— מיין גאַנץ לעבן לערן איך מיך ווי צו שטאַרבן...

836

בעת דר. לעאָן פּינסקער, דער ראש פון די „חובבי־ציון“, איז געלעגן אַפן טויטנבעט, האָט ער מיט די מקורבים זיינע, וואָס האָבן פון אים נישט אָפּגעטראָטן, אָנגעהויבן שמועסן ווי עס זאָל צוגיין די לויה און די קבורה זיינע. ער איז געווען ביים קלאָרן שכל און גוטמוטיק געשפּאַסט.

— ווען ס׳וואָלט זיך געווענדט אָן מיר, — מאַכט צו זיי פּינסקער — וואָלט איך געלאָזן בצוואה, אַז מ׳זאָל מיך לאָזן ליגן דריי טעג.

— ס׳הייסט? — חידושן זיי זיך. — ווי ביי גוים, להבדיל?

— פאַרשטייט איר מיך, — שמייכלט פּינסקער. — אַף דער וועלט האָב איך קיין מנוחה נישט געהאַט. תמיד צרות און ליידן, אי פון פּרט, אי פון כלל. אַף יענער וועלט וועל איך מסתמא אויך קיין מנוחה נישט

האבן. מ'איז דאך א זינדיקער מענטש. לאמיך כאטש האבן א שטיקל מנוחה די דריי טעג צווישן דער וועלט און יענער וועלט...

837

ראובן־אשר ברוידעס האט געהאט א שוואכקייט צום ביטערן טראפן, האט האלט געהאט מאכן א כוסה.

האט ער זיך אמאל געטראפן מיט ר' שמעלקי האראוויץ, דעם לעמבערגער ראש־הקהל, וואס איז געווען א רייכער בראנפן־ברענער.

— זאגט מיר, פאני ברוידעס, — פרעגט אים ר' שמעלקי — ווי וועט איר אויסקומען אף יענעם עולם אן א ביסל בראנפן?

— ס'הייסט? — שמייכלט ברוידעס — איז א הוה־אמינה, אז איר וועט דארטן נישט ברענען?...

838

דער משורר יהודה־לייב גארדאן, יל"ג, איז אמאל געקומען קיין מינסק. פרעגט אים איינער, א מלמד, וואס האט נישט געוואוסט, אז מאפו איז שוין טויט:

— זאגט מיר, פאני גארדאן, ווי איז מאפו'ס אדרעס?

— איך וויים נישט, — מאכט גארדאן. — פרעגט דעם קעלמער מגיד, ער איז בקי אין אלע שבעה מדורי גיהנם...

839

בעת דער אידישער שרייבער יעקב דינעזאן איז געשטארבן, איז צו דער לויה געקומען א גרויסער עולם. פון גאנץ ווארשע און פון דער סביבה איז מען געקומען, מחמת דינעזאן איז געווען מפורסם פאר א גרויסן שרייבער און פאר א גוטן מענטשן.

אף דער לויה זיינען, פארשטייט זיך, געווען אלע אידישע שרייבער פון ווארשע, בתוכם: ש. אנסקי, דוד פרישמאן און דר. גרשון לעווין.

ווי דער שטייגער ביי אזעלכע גרויסע לויות, איז קיין סדר נישט געווען.

גייענדיק נאך דער מטה, אין גרוים איינגשאפט, רופט זיך אף דוד פרישמאן צו דר. גרשון לעווין:

— זעט, ר' גרשון, אז ביי מיין לויה זאל זיין אביסל מער סדר. נאר טאמער וויל אנסקי פריער — מהיכא תיתי...

ביים רבי'ן

840

בעת ר' משה יאַכנעס איז געוואָרן בר־מצוה, האָט אים דעם טאַטע זיינער געבראַכט צו ר' ישראל בעל־שם־טוב, ער זאָל אים בענטשן.

ר' ישראל האָט אַ קוק געטאָן אַפן אינגל און אים געזאָגט:

— אויב דו ווילסט, מיין קינד, האָבן אריכות־ימים, זאָלסטו קיין מפורסם נישט זיין...

❦

841

ר' ישראל בעל־שם־טוב האָט זייער שטאַרק געהאַלטן פון זיין תלמיד ר' יעקב־יוסף, דעם „תולדות".

ער פלעגט תמיד זאָגן:

— רבונו־של־עולם, מיר קומט פון דיר אַ גרויסער יישר־כח, וואָס כ'האָב דיר געגעבן אַזאַ יאָסעלע...

❦

842

ר' יעקב־יוסף, דער „תולדות", און ר' בער, דער מעזעריטשער מגיד, זיינען ביידע געווען דעם בעל־שם'ס גרעסטע תלמידים. ר' יעקב־יוסף איז נאָך געווען גרעסער פון ר' בערן. האָט דער עולם געהאַלטן, אַז נאָכן בעל־שם וועט די הנהגה איבערגיין צו ר' יעקב־יוספן. איז זיי נישט ניחא געווען. מחמת ר' יעקב־יוסף איז געווען בטבע אַ קפדן.

בעת דער בעל־שם איז נסתלק געוואָרן, האָבן אים די תלמידים גע־פרעגט:

— אַף וועמען לאָזט אונז דער רבי?

האָט דער בעל־שם געענטפערט:

— אַף אַ בער אָן פיס*, נאָר מיט הענט...

❦

843

אַ איד, אַ מוכסן, איז אַמאָל געקומען צו ר' יעקב־יוסף, דעם „תולדות", בעטן אַף פרנסה.

לאָזט דער „תולדות" אַראָפּ די לאַנגע ברעמען און זאָגט אים:

— טו תשובה.

* ר' בער מעזעריטשער איז, כידוע, געווען אַ לאָמער.

— אַ שאַד, — קרעכצט דער איד — וואָס דער רבי (דער בעל־שם) לעבט נישט מער.

— וואָסי? — פרעגט דער „תולדות“.

— איינמאָל — דערציילט דער מוכסן — האָט'ן געבראַכט צו מיר אַ גנבה. האָב איך צוגענומען. אין אַ צייט אַרום איז'ן די גנבה דער־גאַנגען און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ חקירה־ודרישה. האָב איך מורא געהאַט טאָמער געפינט'ן ביי מיר די גנבה. בין איך געפאָרן צום רבי'ן. כ'האָב אים נישט געזאָגט, אַז די גנבה איז ביי מיר, נייערט אַז כ'האָב מורא פאַר אַ בלבול. הייסט מיך דער רבי וואַרטן. אַז ער איז געקומען פון מקוה, זאָגט ער צו מיר:

— פאַרוואָס זאָגסטו: דו האָסט מורא פאַר אַ בלבול? די גנבה איז דאָך ביי דיר.

— איז וואָס־זשע, רבי, — פרעג איך — זאָל איך טאָן?

— פאַר — זאָגט ער — לחיים ולשלום. ביי דיר וועט'ן נישט זוכן.

—אַצונד — פירט אויס דער מוכסן — זעט דעם חילוק פון רבי'ן ביז אייך. דער רבי האָט געוואוסט, אַז כ'האָב גע'גנב'עט און האָט מיך נישט געהייסן תשובה טאָן. און איר — כ'האָב נאָך נישט גע'גנב'עט און איר הייסט מיך שוין תשובה טאָן...

844

אַ איד איז אַמאָל געקומען צו ר' יעקב־יוסף, דעם „תולדות“, בעטן אף פרנסה.

— רבי, — זאָגט ער — כ'וויים, כ'בין אַליין שולדיק. ווי דער תנא זאָגט: „הרעותי את מעשי וקפחתי את פרנסתי“* (כ'האָב געטאָן שלעכ־טע מעשים און קאַליע געמאַכט מיין פרנסה).

— יאָ, — מאַכט ר' יעקב־יוסף — דער תנא האָט אָבער געמיינט „הרעותי את מעשי“ און דו מיינסט „קפחתי את פרנסתי“...

845

אַ פּראָסטער איד, אַן אַרענדאַר, איז כמה יאָרן געפאָרן צו ר' זושע האַניפּאָליער און אים געגעבן פדיונות.

איינמאָל איז דער אַרענדאַר געקומען, איז ר' זושע נישט געווען אין דר'היים.

— וואו איז דער רבי? — פרעגט ער.

— ר'איז געפאָרן — ענטפערט'ן אים — צום רבי'ן זיינעם, קיין מעזעריטש, צום מגיד.

* קדושין, פב:

— אזוי ? — מאַכט דער אַרענדאַר — מיין רבי האָט אויך אַ רבי'ן ? טאָ וואָס־זשע דאַרף איך פאָרן צו אים, קען איך דאָך פאָרן צו וועמען ער פאָרט ?

איז דער אַרענדאַר געפאָרן קיין מעזעריטש צום מגיד און אים גע־געבן אַ פדיון.

גראָד האָט ער דאָס יאָר געהאַט אַ שלעכט יאָר און ער האָט אָנגע־הויבן אַראָפּגיין פון מצב.

האָט ס'וויב זיינס אים אָנגעהויבן יאָדן:

— רעכט אָף דיר. פאַרוואָס ביזטו אַוועק פון אַלטן רבי'ן ?

פאָרט דער אַרענדאַר אַוועק צו ר' זושען, דערציילט אים די גאַנצע מעשה און חידוש'ט זיך:

— כל־זמן איך בין געפאָרן צום רבי'ן, האָב איך מצליח געווען. אַז כ'בין געפאָרן צום רבי'נס רבי, האָט זיך די הצלחה אָפּגעטאָן.

— פאַרשטייסטו מיך, — זאָגט ר' זושע. — כל־זמן דו האָסט גע־געבן אַבי וועמען, אַ זושען, האָט השם־יתברך אויך געגעבן אַבי וועמען. אַז דו האָסט אָנגעהויבן זוכן מיוחסים צום געבן, זוכט השם־יתברך אויך מיוחסים צו געבן...

846

ר' לוי־יצחק באַרדיטשעווער מיט זיין תלמיד ר' אהרן זשיטאָמי־רער זיינען אַמאָל דורכגעפאָרן ליזענסק. זיינען זיי אַריין צום רבי'ן ר' אלימלך. שמועסנדיק, זאָגט ר' אלימלך צו ר' לוי־יצחקן:

— פאַרוואָס נעמסטו ביי מיר אַוועק מיינע תלמידים ?

— מיינע תלמידים — ענטפערט ר' לוי־יצחק — זיינען אייער תלמיד'ס תלמידים...

ר' לוי־יצחק איז אַוועקגעפאָרן און ר' אהרן איז געבליבן לערנען אין ר' אלימלכ'ס קלויז.

איינמאָל, ביינאַכט, ר' אלימלך גייט אַריין אין קלויז, זעט ער, ר' אהרן זיצט און לערנט.

— פאַרוואָס — פרעגט ער אים — ביזטו נישט געפאָרן מיטן רבי'ן דיינעם ?

— מיין רבי'ן — ענטפערט ר' אהרן — קען איך שוין. אצונד וויל איך דעם רבי'ן קענען.

— אזוי ? — מאַכט ר' אלימלך — דיין רבי'ן קענסטו שוין ? אפילו די זשופּיצע זיינע קענסטו נישט...

847

ר׳ שניאור־זלמן, דער „רב״, האָט תמיד אָכטונג געגעבן, אַז די הוצאה אין שטוב זאָל זיין בצמצום.

— מיר לעבן — פלעגט ער זאָגן צום בני־בית — פון קהל, איז אַ שאָד אידיש געלט.

ר׳ מענדעלע, ס׳אייניקל זיינס, האָט זיך אַמאָל געמאַכט אַ זיידן גאַרטל, פאַר פופצן רובל. איז ווען ער פלעגט דאַרפן אַריינגיין צום זיידן, דעם „רב״, פלעגט ער ס׳גאַרטל אויסטאָן.

איינמאָל האָט דער „רב״ אים אַריינגערופן. האָט ער פון איילע־ניש פאַרגעסן אויסטאָן ס׳גאַרטל.

גיט דער „רב״ אַף אים אַ קוק און פרעגט אים:

— מענדל, וואָס קאָסט ס׳גאַרטל?

— פופצן רובל — זאָגט ר׳ מענדעלע דעם אמת.

— אַזוי? — מאַכט דער „רב״ אין קפידא — ביזטו אַ נגיד, זאָלסט טראָגן אַזעלכע טייערע בגדים?...

848

דעם מעזעריטשער מגיד׳ס תלמידים האָבן זיך נוהג געווען, בעת זיי פלעגן קומען קיין מעזעריטש, צום רבי׳ן, קודם גיין טבילה און דערנאָך אַריינגיין צום רבי׳ן נעמען שלום. ר׳ אהרן קאַרלינער האָט זיך נוהג געווען להיפך, קודם פלעגט ער אַריינגיין צום רבי׳ן נעמען שלום און דערנאָך גיין טבילה.

— זאָג־זשע מיר, אהרנ׳טשע ליטוואַק, — האָט אים אַמאָל דער מעזעריטשער געפרעגט — פאַרוואָס ביזטו משנה פון דיינע חברים און דו קומסט צו מיר איידער דו גייסט טבילה?

— מחמת — ענטפערט ר׳ אהרן — כ׳וויל דער רבי זאָל מיך זען מיטן גאַנצן ברוך, וואָס כ׳ברענג מיט זיך פון דר׳היים...

849

ר׳ ישראל ריזשינער האָט, כידוע, געהאַט חסידים לאלפים. מ׳פלעגט פאָרן צו אים פון מרחקים. תמיד איז ביי אים געווען אַ גרויסער עולם. צוקומען צו ר׳ ישראל׳ן איז געווען זייער שווער, מ׳האָט געדאַרפט שטיין אין גרוים איינגשאַפט און וואַרטן שעה׳ן לאַנג. און אַז מ׳איז שוין צו־געקומען, האָט ר׳ ישראל תיכף אָפּגע׳פטור׳ט, נישט געמאַכט קיין שהיות, מחמת ער האָט געדאַרפט ענטפערן נאָך כמה וכמה.

האָט אַ חסיד אַמאָל זיך געקלאָגט פאַרן ריזשינער:

— רבי, פאַרוואָס זאָלן מיר זיין ערגער פון אַנדערע חסידים? די חסידים, וואָס פאָרן צו יענעם רבי׳ן, האָבן אי די וועלט, אי יענע וועלט, און מיר, וואָס פאָרן צום הייליקן רבי׳ן, פאַרשפּילן ביידע וועלטן.

— ווי אַזוי זשע? — פרעגט דער ריזשינער.

— צו יענעם רבי׳ן — זאָגט דער חסיד — פאָרט׳ן נישט פון ווייט, איז די נסיעה אַ קורצע און אַ גרינגע. ביים רבי׳ן איז נישטאָ קיין גרויסער עולם, מ׳דאַרף זיך נישט שטיקן, מ׳דאַרף נישט וואַרטן. אַז מ׳קומט אַריין צום רבי׳ן איילט׳ן זיך נישט, מ׳רעדט אוים פאַרן רבי׳ן ס׳האַרץ, מ׳הערט תורה, חסידות — אַזוי אַרום האָט׳ן ביידע וועלטן. ביים רבי׳ן, זאָל געזונט זיין, איז דער היפּך. מ׳פאָרט אַ ווייטע נסיעה, מ׳ווערט אויסגעריסן אַפן וועג. קומט׳ן צום רבי׳ן איז אַן איינגעשאַפּט, מ׳דאַרף זיך שטיקן און וואַרטן טעג גאַנצע. און אַז מ׳איז שוין זוכה צו זען דעם רבי׳ן אַליין, זאָל לעבן, איז עס אַף אַ מינוט, אַף אַ רגע, קוים וואָס מ׳כאַפּט אַ וואָרט — האָט׳ן נישט די וועלט, נישט יענע וועלט, תרתי גיהנם, חלילה.

— ביזט גערעכט, — מאַכט דער ריזשינער. — כ׳וועל אָבער נישט בייטן מיין גיהנם אַף יענעמ׳ס גן־עדן...

❦

850

מ׳האָט אַמאָל געפרעגט ר׳ אורי סטרעליסקער:

— זאָגט אונז, רבי, פאַרוואָס האָבן אַמאָליקע גוטע־אידן גענומען קליינע פדיונות, גראָשנס, און היינטיקע רביים נעמען גרויסע פדיונות, הייסן זיך געבן הונדערטער?

— גאָר פּשוט, — ענטפערט ר׳ אורי. — מיר זען אין דער וועלט, אַז אַ נאַטירלאַכע זאַך איז תמיד וועלוועלער ווי אַ נאָכגעמאַכטע. דהיינו, אַ בלום, וואָס וואַקסט, קאָסט וועלוועלער ווי אַ געמאַכטע בלום. איז אַמאָליקע גוטע־אידן זיינען געווען אמת׳ע גוטע־אידן, צדיקים בטבע, האָבן זיי זיך באַנוגנט מיט אַ קלייניקייט. היינטיקע רביים זיינען געמאַכטע, קאָסטן זיי טייער...

❦

851

בעת ר׳ נפתלי ראָפּשיצער האָט זיך אויפגעהאַלטן אין לובלין, ביים „חוזה“, פלעגט ער תמיד זאָגן גלייכווערטלאַך, טרייבן קאַטאָוועס — ווי זיין דרך איז געווען.

— נפתלי, — זאָגט צו אים אַמאָל דער „חוזה“ — אויב דו וועסט מקבל זיין אַ גאַנץ יאָר נישט זאָגן קיין גלייכווערטל, וועל איך דיר איבערגעבן מיינע מדרגות.

— יאָ, רבי, — איז ר' נפתלי מסכים. — בתנאי, דער רבי זאָל נישט מאריך זיין אין דאַוונען.

האָט'ן זיך געשטעלט דאַוונען. האָט דער „חוזה", ווי זיין דרך, מאריך געווען אין שמונה־עשרה. אַז ער איז אויסגעגאַנגען, זעט ער, דער עולם קאַטשעט זיך פאַר געלעכטער. פאַרשטייט ער, אַז ר' נפתלי האָט שוין עפּעס געזאָגט אַ גלייכווערטל.

— נפתלי, — האַלט ער אים פיר — מיר האָבן דאָך עפּעס אַ מדובר.

— ס'אי שוין נאָכן יאָר — זאָגט ר' נפתלי.

— ס'הייסט? — חידוש'ט זיך דער „חוזה".

— דער רבי — שמייכלט ר' נפתלי — איז געשטאַנען שמונה־עשרה אַ יאָר מיט אַ מיטוואָך...

852

איינער, אַ בעל־עבירה, איז געקומען צו ר' נפתלי ראָפּשיצער אַרויס־נעמען אַ תשובה. האָט ער אויסגערעכנט אַ צעטל חטאים, אַלץ גראָבע עבירות, איין עבירה גרעבער פאַר דער אַנדערער.

— זאָג־זשע מיר, — מאַכט צו אים ר' נפתלי — וואָס האָט דיר דער רבונו־של־עולם אַזוינס געטאָן, וואָס דו האָסט אַזויפיל געזינדיקט קעגן אים?...

853

אַ חסיד איז אַמאָל געקומען צו ר' נפתלי ראָפּשיצער. האָבן די חסידים אים פאַר'מסור'ט פאַר ר' נפתלי'ן, אַז ער האָט געגעסן שרויה אום פסח.

— אַזוי? — חידוש'ט זיך ר' נפתלי — אַ וואָ.

ריכטן זיך שוין די חסידים, אַז דער רבי וועט שוין יענעם חסיד מקיים־פּסק זיין.

ביים טיש פרעגט ר' נפתלי דעם חסיד מיט אַ בייזער:

— ס'אי אמת, וואָס מ'זאָגט אויף דיר? דו האָסט געגעסן שרויה אום פסח?

— אמת — איז דער חסיד מודה און ס'קלאַפּט אים אַ צאָן אַן אַ צאָן.

— ברייננ אַהער — באַפעלט ר' נפתלי דעם שמש — דעם גרויסן ימים־נוראים'דיקן מחזור.

אַן אימה באַפאַלט אַלעמען. מי יודע, וואָס דער רבי וועט דאָ באַ־ווייזן.

ר' נפתלי נעמט דעם גרויסן ימים־נוראים'דיקן מחזור, מישט אויף ס'פיוט פון מלכיות, זכרונות, שופרות, דערלאַנגט דעם חסיד און מאַכט מיט אַ שמייכל:

— אז דו עסט שרויה אום פסח ווי אן אשכנז, פארוואס־זשע האסטו ראש־השנה קיין פיים נישט געזאגט?...

❦

854

ר' נפתלי ראפשיצער איז געווען א גרויסער מיוחס, געשטאמט פון א גזע לויטער גאונים און צדיקים, הן פון פאטערס צד, הן פון דער מוטערס צד.

איינמאל, ביים טיש, פאר א גרויסן קיבוץ חסידים, האט ר' נפתלי אנגעהויבן אויסרעכנען זיין יחוס און געזאגט:

— אזא מיוחס ווי איך איז אף דער גאנצער וועלט נישטא.

— רבי, — רופט זיך אן א חסיד, א זיבנבערגער איד, אן עושר — איך בין א גרעסערער מיוחס.

איז ר' נפתלי'ן געווען א גרויסער חידוש. רופט ער צו דעם זיבנבערגער און פרעגט אים:

— זאג מיר דיין יחוס?

— רבי, — ענטפערט דער חסיד — איך בין דער איינציקער אין מיין גאנצער משפחה, וואס לייגט תפילין און וואשט זיך צום עסן.

— יא, — שמייכלט ר' נפתלי צום עולם — דער זיבנבערגער איד האט רעכט...

❦

855

א אידענע איז אמאל געקומען צו ר' נפתלי ראפשיצער מיט א בקשה: זי האט שוין, נישט פאר קיין אידישע טאכטער געדאכט, עט־לאכע מאל מפיל געווען אין אכטן חודש. אצונד איז זי ווידער אין אכטן חודש, בעט זי דעם רבי'ן א ברכה, זי זאל אויסטראגן בשלום.

— זאלסטו וויסן זיין, — זאגט איר ר' נפתלי — אז דו ביזט שוין אין ניינטן חודש און וועסט האבן צו צען.

—רבי, הייליקער, — זאגט די אידענע — כ'ווייס, אז כ'בין אין אכטן.

— נו, — מאכט ר' נפתלי — באפויל איך דיך אנהויבן ציילן מיט א חודש פריער.

אז די אידענע איז ארויס, זאגט ר' נפתלי מיט א שמייכל:

— אט די עצה האב איך געהערט פון א מלמד.

א מלמד האט געהאט פיר־און־צוואנציק תלמידים, לערנען מיט איט־לאך תלמיד א שעה אין טאג. איז געקומען א בעל־הבית אים געבן נאך א תלמיד אף א שעה אין טאג. האט דער מלמד אנגענומען.

— סטייטש, — פרעג איך דעם מלמד — וואו וועסטו נעמען נאך א שעה פארן נייעם תלמיד, אז אין גאנצן מעת־לעת איז בסך־הכל פאראן פיר־און־צוואנציק שעה?

— נו, — מאכט דער מלמד בתמימות — וועל איך אויפשטיין א שעה פארטאג...

❦

856

ר׳ יאקל באלעכאווער איז אמאל געקומען געוואויר ווערן דעם ברו־דער זיינעם, ר׳ נפתלי ראפשיצער.

בעת ער איז געזעסן, איז אריינגעקומען א אידענע צו ר׳ נפתלי׳ן, געגעבן א פדיון און אנגעהויבן אויסריידן ניין מאס רייד — ווי די טבע פון א אידענע.

האט ר׳ יאקל געלאכט.

אז די אידענע איז ארויס, זאגט צו אים ר׳ נפתלי:

— זעסט, ברודער לעב, פאר זיך איינהאלטן פון לאכן נעם איך דעם פדיון...

❦

857

ר׳ משה סאוראנער האט געהאט א ווערטל:

— זיבעציק ט ע מ י ם זיינען פאראן נישט צו טרינקען קיין בראנפן, אבער דער איין ט ע ם פון בראנפן איז מכריע אלע טעמים...

❦

858

די טאלנער חסידים מיט די בעהושער חסידים זיינען געווען דם־שונאים. איטלאכער צד האט געהאלטן, אז זיין רבי איז דער אמת׳ער צדיק, דער „חד בדרא".* פלעגט׳ן זיך תמיד קריגן צווישן זיך, טייל־מאל זיך שלאגן ביז בלוט.

האט׳ן אמאל דערציילט ר׳ דוד׳ל טאלנער אף זיינעם א חסיד, אז ער האט זיך געשלאגן מיט א בעהושער חסיד.

— פע, מיאוס, — האט אים ר׳ דוד׳ל פירגעהאלטן. — שלאגן זיך, מעשה־גוי.

— סטייטש, רבי, — פארענטפערט זיך דער חסיד — דער בעהושער האט געהאט די חוצפה צו זאגן, אז זיין רבי איז דער „חד בדרא".

— וואס־זשע איז? — שמייכלט ר׳ דוד׳ל — אפילו איך בין א „תרי בדרא"** מעגסטו נאך אויך פארן צו מיר...

* איינער אין דור. ** צוויי אין דור.

859

א אידענע איז אמאל געקומען מיט א פדיון צו ר׳ דוד׳ל טאלנער. כדרך הטבע, האט זי לאנג געווארט ביז זי איז צוגעקומען. אז זי איז שוין צוגעקומען צו ר׳ דוד׳לן, איז זי צעטומלט געווארן און פון גרויס איילעניש האט זי, שטאט א קוויטל, ארויסגעכאפט פון קעשענע א וועש־צעטל און דערלאנגט.

קוקט ר׳ דוד׳ל אין וועש־צעטל און זאגט צו דער אידענע מיט א שמייכל:

— כ׳זע, אז דיר פעלט גארנישט...

860

א חסיד איז אמאל געקומען צו ר׳ מענדעלע קאצקער, בעטן אף פרנסה.

— זיי מתפלל — זאגט אים ר׳ מענדעלע — צו השם־יתברך, וועט ער דיר געבן פרנסה בריות.

— רבי, — איז זיך דער חסיד מתנצל — כ׳ווייס נישט ווי מתפלל צו זיין.

— אויב אזוי, — מאכט ר׳ מענדעלע — דארפסטו דאך בעטן עפעס גרעסערס, זאלסט וויסן ווי מתפלל צו זיין...

861

א חסידי׳שער יונגערמאן, וואס האט זיך געהאלטן פאר א חכם און פאר א מושלם, האט זיך אמאל געקלאגט פאר ר׳ מענדעלע קאצקער, אז ער האט, לא עלינו, קיין פרנסה נישט.

— ווייסטו — זאגט אים ר׳ מענדעלע — ס׳טייטש פון פסוק: „לא לחכמים לחם״* (חכמים האבן קיין ברויט נישט)? ס׳טייטש איז אזוי: דער רבונו־של־עולם זאגט צום חכם: אז דו האלטסט זיך יא פאר א חכם, זוך דיר אליין פרנסה...

862

ר׳ הירש סטרעטינער האט אמאל ביים טיש אכטונג געגעבן, אז איינער פון עולם, אן עם־הארץ חסיד, טראגט ס׳גארטל גאנץ הויבן, איבערן הארצן. האט ר׳ הירש מקפיד געווען.

— א גארטל — זאגט ער — איז צו מאכן א מחיצה צווישן דעם אויבערשטן האלבן גוף, וואס איז רוחניות׳דיק, און דעם אונטערשטן האלבן גוף, וואס איז מגושמ׳דיק. איז דער אמת׳ער חסיד טראגט

* קהלת, ט, יא.

ס׳גאַרטל אַליץ נידעריקער, כדי דער אויבערשטער האַלבער גוף זאָל זיין וואָס גרעסער. דער עם־האָרץ טוט פאַרקערט. ער טראָגט ס׳גאַרטל אַליץ העכער, ווערט ביי אים דער אונטערשטער האַלבער גוף אַליץ גרעסער. והא ראיה: די טערקן, וואָס זיינען שטוף בזימה, טראָגן ס׳גאַרטל אַפן קאָפּ...

863

ר׳ ישראל פּילעווער האָט זיך נוהג געווען, אין דער פרי נאָכן דאַווענען זיך זעצן ביים טיש מיטן עולם און טרינקען לחיים.

איינמאָל האָט דער עולם אַכטונג געגעבן, ווי דער רבי טוט אויס רש״י׳ס תפילין און פאַרן לייגן רבנו־תם׳ס תפילין גייט ער צו צום טיש און זעצט זיך טרינקען מיטן עולם לחיים. חידוש׳ט זיך דער עולם און מ׳ווינקט זיך איבער: אודאי ליגט אין דעם אַ גרויסער סוד, אַ טיפע כונה, וואָס לאו כל אדם זוכה.

איינער, אַ חסיד, פון ר׳ ישראל׳ס מקורבים, האָט זיך געמאַכט האַרץ און געפרעגט ר׳ ישראלן:

— רבי, וואָס איז די כונה, וואָס דער רבי, זאָל געזונט זיין, טרינקט לחיים פאַר רבנו־תם׳ס תפילין?

— די כונה — ענטפערט ר׳ ישראל — איז אַ פשוט׳ע. כ׳האָב אַ פּאָר מאָל געוואַרט ביז נאָך רבנו־תם׳ס תפילין, איז שוין קיין בראָנפן נישט געווען...

864

צו ר׳ משה קאָברינער איז אַמאָל געקומען דער שניידער פון שטעטל, יאַנקל ראַשעס, און אויסגעגאָסן זיין ביטער האַרץ:

— רבי, אַן אומגליק האָט מיך געטראָפן. אַ פּריצה האָט מיר געגעבן נייען אַ קלייד, אַ טייער קלייד, סחורה — בחיר שבבחיר, מ׳זעט׳ס גאַרנישט אַן אין די מקומות. כ׳האָב מיך גוט אָנגעהאָרעוועט, נישט דערעסן, נישט דערשלאָפן, ס׳גאַנצע לעבן אַריינגעלייגט. היינט טראָג איך אָפּ ס׳קלייד. זאָגט די פּריצה ס׳איז פאַרשמעלט, וויל בשום אופן נישט צונעמען און הייסט זיך נאָך באַצאָלן פופציק רובל פאַר דער סחורה. וואָס זאָל איך אַצונד טאָן, רבי הייליקער?

— הער זיך איין, — זאָגט אים ר׳ משה. — גיי אַוועק צו דער פּריצה און זאָג איר, אַז דו קענסט ס׳קלייד פאַריכטן. און דו נעם ס׳קלייד, האַלט ביי דיר אַ טאָג און מאָרגן טראָג עס איר אָפּ.

האָט דער שניידער אַזוי געטאָן.

אַף מאָרגן ברענגט ער דער פּריצה ס׳קלייד. מעסט זי אָן און זאָגט:

— אַ, אַצונד איז גוט!

זי האָט דעם שניידער באַצאָלט מלאכה־געלט און נאָך אים געגעבן אַ שיינע מתנה.

865

ר׳ יאָסעלע ניישטעטער, דעם „מאור ושמש׳ס" אַ זון, איז געווען דעם לובלינער חוזה׳ס אַ תלמיד און אַ צדיק מפורסם. אַף דער עלטער פלעגט ער פאָרן צו ר׳ חיים צאַנזער.

— רבי, — האָבן אים אַמאָל חסידים געפרעגט — וואָס קענט איר זען אין צאַנז מער ווי אין לובלין?

— כ׳וועל אייך זאָגן, — ענטפערט ר׳ יאָסעלע. — וואָס מ׳האָט געזען אין לובלין, זעט מ׳ען אין צאַנז אויך; וואָס מ׳זעט אָבער אין צאַנז, האָט׳ן אין לובלין נישט געזען...

866

בעת דער גרויסער מחלוקת צווישן צאַנז און סאַדיגער האָבן די ראָפשיקעווער חסידים געהאַט ברעה זיך אַריינצומישן און האַלטן מיט איין צד. האָט זיי דער רבי, ר׳ מאיר׳ל, ר׳ נפתלי ראָפשיצערס אייניקל, אָפּגעהאַלטן, געראָטן צו שטיין פונווייטן.

— כ׳וועל אייך — זאָגט ר׳ מאיר׳ל צום עולם — פאַרציילן אַ מעשה:

דער לייב, דער מלך־החיות, איז אַמאָל געווען זייער הונגעריק. דריי טעג מיט דריי נעכט איז ער אַרומגעגאַנגען אין וואַלד און ס׳האָט זיך אים נישט געמאַכט עפּעס צו פאַרצוקן. פון גרויס הונגער האָט זיך אָנגעהויבן הערן אַ ריח רע ביי אים פון מויל. דער לייב זעט ס׳אַי שלעכט, ער גייט אויס פון הונגער, האָט ער אָנגעהויבן ברומען צו זיינע חיות. איז געקומען צולויפן אַ פערד.

— לייג צו — זאָגט אים דער לייב — די נאָז דיינע צו מיין מויל און זאָג מיר, צי הערסטו עפּעס אַ ריח?

לייגט צו ס׳פערד די נאָז צום לייבס מויל און זאָגט:

— יאָ, אדוני המלך, ס׳הערט זיך אַ ריח רע.

— דו ביזט — זאָגט אים דער לייב — אַ מורד במלכות. ביזט חייב מיתה.

און דער לייב איז אים תיכף מקיים פּסק. צעריסן און אויפגעגעסן.

אַוועק דריי טעג, דער לייב איז ווייטער געוואָרן הונגעריק. האָט ער אָנגעהויבן ברומען צו זיינע חיות. איז געקומען צולויפן אַ וואָלף.

— לייג צו — זאָגט אים דער לייב — די נאָז דיינע צו מיין מויל און זאָג מיר, צי הערסטו עפּעס אַ ריח?

טראַכט ביי זיך דער וואָלף: איך וועל שוין זיין קליגער פון פערד. לייגט ער צו די נאָז זיינע צום לייבם מויל און זאָגט:

— ניין, אדוני המלך. ס'הערט זיך קיין שום ריח נישט.

— דו ביזט — זאָגט אים דער לייב — אַ שקרן און אַ מורד במלכות. ביזט חייב מיתה.

און ער האָט אים צעריסן און אויפגעגעסן.

אוועק נאָך דריי טעג, דער לייב איז ווייטער הונגעריק. הויבט ער אָן צו ברומען. קומט צולויפן אַ פוקס.

— לייג צו — זאָגט אים דער לייב — די נאָז דיינע צו מיין מויל און זאָג מיר, צי הערסטו עפּעס אַ ריח?

— אדוני המלך, — ענטפערט דער פוקס. — כ'האָב, נישט פאַרן מלך געדאַכט, אַ שטאַרקן קאַטער און די נאָז מיינע שפירט גאַרנישט...

— טוט איר אויך אַזוי, — פירט אויס ר' מאיר'ל צום עולם. — באַקומט דעם קאַטער און שפירט גאַרנישט...

צווישן בערג

867

דער מהר"ם לובלין איז אַ צייט געווען רב אין לעמבערג, וואו דער סמ"ע איז געווען ראש־ישיבה. דער פּרנס איז געווען ר' אברהם שרענצלס, אליין אַ גאון־עולם, דעם סמ"ע'ס אַ תלמיד, די פּער פון לעמבערג.

איינמאָל האָט ר' אברהם חתונה געמאַכט אַ קינד. איז אויף דער חתונה געווען דער מהר"ם און אַלע גדולי לעמבערג. אַז דער מהר"ם איז אוועק אַהיים, איז ר' אברהם נעגאַנגען אים באַלייטן. ער איז אָבער געגאַנגען פונהינטן, דער מהר"ם זאָל אים נישט זען. די רבי'צן האָט זיך געכאַפּט, אַז ר' אברהם גייט פונהינטן. זאָגט זי צום מהר"ם:

— זעסט ווער ס'גייט דיך באַלייטן?

— וואָס־זשע איז? — מאַכט דער מהר"ם — דעם רבי'ן זיינעם וואָלט אויך אָנגעשטאַנען מיך גיין באַלייטן.

אַז ר' אברהם האָט'ס דערהערט, איז ער געוואָרן שטאַרק אין כעס.

— מיין כבוד — זאָגט ער — בין איך מוחל, אָבער דעם רבי'נס כבוד בין איך נישט מוחל.

האָט ר' אברהם פאַררופן אַלע פּרנסים צו אַן אסיפה און ס'איז געוואָרן אַ חילוקי־דעות, צי דער מהר"ם זאָל בלייבן רב אין לעמבערג.

דער סוף איז געווען, אַז דער מהר"ם האָט געמוזט אוועק פון לעמבערג.

868

בעת ר׳ דוד, דער ט״ז, איז געווען רב אין אָסטרע, איז ער אַמאָל געפֿאָרן קיין קראָקע זיך היילן די אויגן. אַפֿן וועג איז ער אַראָפּגעפֿאָרן קיין בריסק, וואו דער שווער זיינער, ר׳ יואל, דער ב״ח, איז געווען רב. האָט זיך דער ב״ח זייער דערפֿרייט מיט אים, אים אַרויסגעוויזן גרויס אהבה און זיך משתעשע געווען מיט אים אין דברי־תורה. און היות ס׳איז שוין געווען סוף וואָך, איז דער ט״ז געבליבן ביים שווער אַף שבת.

ערב־שבת נאָך האַלבן טאָג גיט דער ט״ז דער רבי׳צן, דער שוויגער זיינער, פֿאַרבאַהאַלטן איבער שבת ס׳געלט, וואָס ער האָט מיט זיך — אַ בייטל מיט זעכציק רענדלאַך.

פֿרייטאָגצונאַכטס זעט דער ט״ז, אַז דער שווער זיינער איז אים עפּעס נישט אַזוי מסביר־פּנים, רעדט מיט אים קנאַפּ־וואָס און מיידט אים אויס. אַזוי אַ גאַנץ שבת. האָט זיך דער ט״ז זייער מצער געווען: וואָס האָט דאָ דער שווער געזען אַף אים? האָט ער, חלילה, עפּעס געטאָן אַן אומרעכט?

מוצאי־שבת נאָך הבדלה קען זיך שוין דער ט״ז מער נישט איינ־האַלטן און זאָגט צום ב״ח:

— זאָגט מיר דעם אמת, שווער לעב, וואָס׳ט איר אַף מיר געזען?

— כ׳וועל דיר זאָגן, — ענטפֿערט דער ב״ח. — כ׳האָב געזען, אַז דו האָסט ביי דיר זעכציק רענדלאַך. איז מיר תיכּף קשה געוואָרן: ווי קומט צו דיר געלט? צי נעמסטו, חלילה, נישט אַמאָל שוחד?

— חלילה, — זאָגט דער ט״ז — ס׳געלט האָבן מיר קרובים געגעבן אַף הוצאות־הדרך און פֿאַר דאָקטוירים און רפֿואות.

האָט זיך דער ב״ח באַרוהיקט און זיך ווייטער משמח געווען מיטן ט״ז.

869

בעת ר׳ ישראל בעל־שם־טוב איז נתגלה געוואָרן און האָט אָנגע־הויבן שמ׳ען אַף דער וועלט, איז געוואָרן אַ רעש צווישן די מנהיגי הדור. מחמת מ׳האָט געזאָגט אַפֿן בעל־שם, אַז ער איז אַן עם־האָרץ און פֿירט זיך מעשה־צדיק.

איז געבליבן בא׳ן אסיפה פֿון ועד ארבע ארצות, שיקן רופֿן ר׳ ישראל׳ן און שמועסן מיט אים. איז ר׳ ישראל געקומען.

דער ראש־המדברים אַף דער אסיפה איז געווען דער פּרנס ראשון, ר׳ אברהם איסרליש. געווען איז דעם טאָג ראש־חודש.

— מ׳זאָגט, — רופט זיך אָפּ ר׳ אברהם צו ר׳ ישראל׳ן — אַז כבודו איז נישט קיין בן־תורה. בכן ווילן מיר הערן פון אייך אַ דין: ווי איז, אַז מ׳פאַרגעסט זאָגן „יעלה ויבוא" אין דער שמונה־עשרה?

— דער דין — ענטפערט ר׳ ישראל — איז נישט פאַר אייך און נישט פאַר מיר. מחמת איר וועט פאַרגעסן אפילו צום צווייטן מאָל שמונה־עשרה און איך וועל ס׳ערשטע מאָל נישט פאַרגעסן...

— אַצונד — זאָגט ווייטער ר׳ ישראל — וועל איך אייך עפּעס פרעגן: פאַרוואָס צאָלט׳ן פאַר אַ גוט פערד צען מאָל טייערער ווי פאַר אַ שלעכט פערד?

— מחמת — ענטפערט ר׳ אברהם — ער לויפט צען מאָל גיכער.

— יאָ, — מאַכט ר׳ ישראל — אָבער, אַז ער גייט אַראָפּ פון גלייכן וועג און בלאָנדזשעט, פאַרבלאָנדזשעט ער דאָך צען מאָל ווייטער?

שווייגט ר׳ אברהם און ווייסט נישט וואָס צו ענטפערן.

— וועל איך אייך ענטפערן, — זאָגט ר׳ ישראל. — דערפאַר אָבער, אַז ער קערט זיך אום צום גלייכן וועג, לויפט ער איין צען מאָל גיכער...

870

ר׳ מיכל זלאָטשעווער, איידער ער איז נתגלה געוואָרן, האָט ער געוואוינט אין ברוסילאָוו.

איז אַ פּשוט׳ער איד אַמאָל געקומען צו אים אַרויסנעמען אַ תשובה. ער איז געפאָרן ערב־שבת אין וועג, האָט זיך, מעשה שטן, געמאַכט אַן עיכוב און ער איז אַריינגעפאָרן אין שבת אַריין. וויל ער האָבן אַ תיקון אַפן חטא פון חילול שבת בשוגג. גיט אים ר׳ מיכל אַרויס אַ האַרבע תשובה, לויטן „רוקח", דהיינו: תעניתים, גלגול־שלג (זיך קייקלען אין שניי) וכדומה. דער איד גייט אַוועק אהיים, הויבט אָן פּראַווען די תשובה — ס׳איז נישט פאַר זיינע כחות.

גראָד איז דעמאָלט דער בעל־שם געקומען קיין חאָדאָרקאָוו. איז דער איד געפאָרן אַף שבת צום בעל־שם און געבעטן ביי אים אַ תיקון אַף חילול שבת.

— גיב — זאָגט אים דער בעל־שם — אַ פונט ליכט אין בית־מדרש אַף שבת, וועסטו האָבן אַ תיקון.

בלייבט דער איד שטיין: אַזאַ קלייניקייט?

— וואָס קלערסטו? — פרעגט אים דער בעל־שם.

דערציילט אים דער איד, אַז ער איז געוועזן ביי ר׳ מיכל׳ען און ער האָט אים אַרויסגעגעבן אַ האַרבע תשובה.

— האָב קיין מורא נישט, — זאָגט אים דער בעל־שם. — טו ווי כ׳היים דיך. גיב אַ פונט ליכט אין בית־מדרש אַף שבת, וועסטו האָבן אַ תיקון.

איז דער איד אַוועק אַהיים אַ פרייליכער, געקויפט אַ פונט ליכט און אויפגעהאַנגען אַף אַ טשוואָק ביז ערב־שבת. איז געקומען אַ כלב און אויפגעגעסן די ליכט. האָט דער איד געהאַט גרויס שברות־הלב. פאָרט ער ווייטער אַוועק צום בעל־שם און קלאָגט זיך:

— רבי, אַ הונט האָט דעם תיקון אויפגעגעסן.

— נעם — זאָגט אים דער בעל־שם — אַן אַנדער פונט ליכט און גיב אין בית־מדרש, און זאָג ר׳ מיכל׳ען, ער זאָל קומען צו מיר אַף שבת קיין פאַסטאָוו.

ערב־שבת איז ר׳ מיכל געקומען קיין פאַסטאָוו, צום בעל־שם. האָט זיך אָפּן וועג געמאַכט עפּעס אַן עיכוב און אַ שטיק הינטערן שטאָט איז געוואָרן שבת. האָט ר׳ מיכל געמוזט אַראָפּגיין פון וואָגן און גיין צופוס. געקומען צום בעל־שם איז ער שפּעט נאָך מעריב, בעת דער בעל־שם האָט שוין געהאַלטן קידוש מאַכן.

גיט אים דער בעל־שם שלום און זאָגט:

— אַצונד, ר׳ מיכל לעבּ, וועט איר וויסן, ווי אַרויסגעבן אַ אידן אַ הארבּע תשובה אַף חילול־שבת. אַ מענטש, וואָס ווייסט נישט וואָס אַ חטא איז, ווייסט גאָרנישט ס׳אָרא שברות־הלב אַ איד האָט, אַז ער ווערט, חלילה, נכשל אין אַן עבירה. היינט ווי אַזוי קען ער אַרויסגעבן אַ תשובה? זאָלט איר וויסן זיין, אַז מיטן שברות־הלב, וואָס יענער איד האָט געהאַט, האָט ער שוין געהאַט זיין תיקון...

871

ר׳ יעקב עמדן איז געווען אַ גרויסער מבטל און האָט נישט געלעבט בשלום מיט די גדולי־הדור.

בעת ר׳ יצחק׳ל איז אָנגעקומען אַף האַמבורגער רבנות, זיינען גע־קומען צו אים קיין האַמבורג, דער זון זיינער, ר׳ אלעזר זלאָזיטשער, דער איידים זיינער, ר׳ יעקב׳קע, דעם „נודע ביהודה׳ס" זון, און ר׳ הירש, בערלינער רב. זיינען זיי אַלע דריי געגאַנגען נעמען שלום פון ר׳ יעקב עמדן, וואָס האָט זיך, אַגב, אָנגעהערט ר׳ הירש׳ן אַ פעטער.

ר׳ יעקב עמדן האָט זיי מקבל געווען בסבר פנים, געבעטן זיצן. זיצט׳ן און מ׳שמועסט.

— קען דער שוואָער דיינער — פרעגט ר׳ יעקב עמדן ר׳ יעקב׳קען — לערנען אַ בלאַט גמרא?

— כ׳ווייס, — ענטפערט ר׳ יעקב׳קע — די וועלט זאָגט, אַז ער קען.

— אַ ראיה פון דער וועלט? — מאַכט ר׳ יעקב עמדן מיט ביטול — די וועלט זאָגט אַפן טאַטן דיינעם אויך, אַז ער קען.

איז ר׳ יעקב׳קע אוועק מיט גרויס חולשת־הדעת.

אַרויסגייענדיק טרעפן זיי אַן ערל.

— וואו — פרעגט ער זיי — פאַרקויפט׳ן דאָ טעפ?

— אָט דאָ, — ווייזט אים ר׳ הירש אָן אַף ר׳ יעקב עמדנ׳ס שטוב.

דער ערל קומט אַריין צו ר׳ יעקב עמדן אין שטוב און הייסט זיך געבן עטלאַכע טעפ. קוקן אים די בני־בית אָן: פונוואַנען קומט צו זיי טעפ?

— יאָ, — זאָגט דער ערל. — אַ ראַבינער האָט מיר אָנגעוויזן, אַז דאָ פאַרקויפט׳ן טעפ.

פאַרשטייט ר׳ יעקב עמדן, אַז דאָס האָט ר׳ הירש, זיין שוועסטערנ־זון, געטריבן קאַטאָוועס.

אַז ר׳ הירש איז געקומען צו אים, פרעגט אים ר׳ יעקב עמדן:

— וואָס איז דיר עפּעס איינגעפאַלן טרייבן קאַטאָוועס?

— כ׳וועל אייך זאָגן, פעטער, — ענטפערט ר׳ הירש. — כ׳האָב געזען, אַז דער פעטער מאַכט ק ר י ג*, האָב איך געמיינט, ער מאַכט טעפ אויך...

☙

872

ר׳ עקיבא אייגער איז אַמאָל געקומען קיין מינסק, אַף אַ חתונה ביי זיינס אַ קינד. איז ר׳ מרדכי פּינסקער, וואָס איז געווען מפורסם פאַר אַ גאון, אַ חריף עצום, געפאָרן קיין מינסק, מקבל־פּנים זיין ר׳ עקיבא אייגערן און שמועסן מיט אים אין תורה.

אַז ר׳ עקיבא אייגער איז אָפּגעפאָרן פון מינסק, איז ר׳ מרדכי מיטגעפאָרן אַ שטיק וועגס, כדי ווייטער צו שמועסן אין תורה. און היות אין דער קאַטש, וואו ר׳ עקיבא אייגער איז געזעסן, איז קיין אָרט נישט געווען, האָט זיך ר׳ מרדכי געזעצט אַף דער קעלניע, וואו דער שמייסער זיצט.

דעם גאַנצן וועג שמועסט׳ן אין תורה. ר׳ מרדכי פרעגט און ר׳ עקיבא אייגער ענטפערט. ר׳ מרדכי לאָזט זיך נישט, פרעגט ווייטער און ווייזט אַרויס גרויס חריפות — ווערליק ר׳ מרדכי.

* מחלוקת.

— ס׳אַרא וואוילע מדינה ליטע איז, — שמייכלט ר׳ עקיבא אייגער — אפילו שמייסער זיינען לומדים מופלגים...

873

ר׳ מרדכי פינסקער, וואָס האָט געשמ׳ט מיט זיין חריפות און גאונות, איז אַמאָל געקומען קיין נאָוואַרעדאָק, וואו ר׳ דוד, דער „גליא מסכת״, איז געווען רב.

האָט ר׳ דוד באַפוילן אויסשיטן דעם שולהויף מיט געלן זאַמד און ער מיט די דיינים, מיט די נכבדים, אין בגדי־שבת, זיינען געשטאַנען גרייט מקבל־פנים זיין דעם אורח חשוב.

874

ר׳ ישראל סאַלאַנטער מיט ר׳ שמואל׳ן, דעם ליבאַוויטשער רבי, זיינען אַמאָל ביידע געווען אין אַ קור־אָרט. אַלע טאָג פלעגן זיי אַרוים צום ברונים טרינקען וואַסער. ר׳ שמואל פלעגט אַרויספאָרן מיט גרוים פּאַראַד, אין אַ שיינע קאַרעטע, אַרומגערינגלט מיט גבאים און שמשים — ווערליק אַ ׳רבי׳. ר׳ ישראל, ווי זיין שטייגער, פלעגט גיין צופוס.

האָט׳ן דערציילט ר׳ שמואל׳ן, אַז אין ר׳ ישראל׳ס סביבה איז׳ן מתרעם אויף אים, למאי ער פאָרט אין אַ קאַרעטע. אַ חשש שעטנז.

— קיין אחריות נישט, — ענטפערט ר׳ שמואל. — דער „שבות־יעקב״ איז מתיר.

אויף מאָרגן, בעת ר׳ שמואל איז געפאָרן צום ברונים, האָט ער אָנגעטראָפן ר׳ ישראל׳ן גיין צופוס. פאַרבעט ער אים צו זיך אין קאַרעטע:

— זייט מוחל, ר׳ ישראל, זעצט אייך אויף. איידער גיין צופוס, איז שוין בעסער צו זיצן אויפן „שבות־יעקב״ און פאָרן...

875

בעת ר׳ ישראל סאַלאַנטער מיט ר׳ שמואל׳ן, דעם ליבאַוויטשער רבי, זיינען ביידע געווען אין קור־אָרט, האָט ר׳ שמואל אַמאָל אַ פרעג געטאָן ר׳ ישראל׳ן:

— זאָגט מיר, ר׳ ישראל, ווי זיינט איר זיך נוהג ביים ברונים מיט גילוי־ראש?

— ס׳טאַקע שווערלאַך, — זאָגט ר׳ ישראל. — וואָס זאָל מען טאָן? כבוד הבריות.

— איך גיב מיר אַן עצה, — מאַכט ר׳ שמואל. — איידער כ׳גיי צום ברונים טו איך אָן אויפן קאָפּ אָט דאָס אַ — און ווייזט אים דעם פּאַרוק, וואָס ער טראָגט אויפן קאָפּ.

— אז איך — זאָגט ר׳ ישראל — זאָל טאָן די עצה, וועל איך נישט האָבן צו באַצאָלן אַף מיין אכסניא...

א

876

ר׳ הערש־לייב מיט ר׳ יאָשע־בערן זיינען אַ צייט ביידע געווען ראשי־ישיבה אין וואָלאָזשין. כדרך הטבע, זיינען ארויסגעקומען פּאַריבלס, סכסוכים — זיך נישט געקענט איינטיילן מיט דער הנהגה. צוויי מלכים מיט איין קרוין. אחוץ דעם, זיינען זיי געווען ווייט איינער פון אַנדערן, סיי בטבע, סיי אין דרך־הלמוד. ר׳ הערש־לייב איז געווען דער תמים, דער פּשטן, געהאַלטן מער פון בקיאות, פון פּשט אַפן אָרט. ר׳ יאָשע־בער איז געווען דער פּקח, דער חריף, געהאַלטן מער פון חריפות, פון אַ שאַרפער סברא. די ישיבה־לייט האָבן זיך אויך צעטיילט. טייל האָבן זיך געהאַלטן לעבן ר׳ הערש־לייבן, טייל — לעבן ר׳ יאָשע־בערן. בקיצור— ס׳אי געוואָרן אַ מחלוקת.

האָט־ן אָראָפּגעבראַכט גדולי־הדור, זיי זאָלן מפשר זיין צווישן די ראשי־ישיבה, פאַרטיילן די הנהגה און מאַכן אַ סדר אין דער ישיבה. די מפשרים זיינען געווען: ר׳ טבלי מינסקער, ר׳ יאָסעלע סלוצקער, ר׳ וועלוועלע, דער ווילנער שטאָט־מגיד, און ר׳ יצחק־אלחנן, וואָס איז דעמאָלט געווען רב אין נאָוואַרעדאָק.

זיצן די רבנים און זיינען זיך מיישב, ווי מאַכט־ן דאָ אַ פּשר צווישן אַזעלכע צוויי גדולי־ישראל, ווי ר׳ הערש־לייב און ר׳ יאָשע־בער.

— איר ווייסט, רבותי, — רופט זיך אָפּ ר׳ וועלוועלע — ביי מיר גייט איצט די סדרה „וישב“.

קוקן זיי אים אָן. געווען איז׳ם נאָך סוכות. חשוון־צייט.

— כ׳וועל אייך זאָגן, — מאַכט ר׳ וועלוועלע — וואָס כ׳מיין. איך בין שטאָט־מגיד אין ווילנע. מוז איך אַלע שבת זאָגן אַ דרשה פון דער סדרה. מיין דרך אין דרוש איז, תמיד שטעלן דעם צדיק אַנטקעגן דעם רשע, דעם גוטן — אַנטקעגן דעם שלעכטן; אויפווייזן די צידקות, די גוטע, שיינע מדות פון דעם און די רשעות, די מדות מגונות פון יענעם. איז אין אַלע סדרות האָב איך די צוויי הפכים. אין „בראשית“ — אדם מיטן נחש, קין מיט הבל־ן; אין „נח“ — נח מיטן דור המבול, שם מיט חמ־ן; אין „לך“ — אברהם מיט פּרעה־ן; אין „וירא“ — אברהם מיט סדום. בקיצור — אַזוי אין אַלע סדרות האָב איך פאַר מיר אַ צדיק מיט אַ רשע. שטעל איך מיך אוועק אַף איין צד, באַשיין און באַקרוין דעם צדיק און שיט פייער אַפן רשע. אַז כ׳קום אָבער צו דער סדרה „וישב“, צו יוסף־ן מיט די ברידער — בלייב איך שטיין. מיט וואָסער צד זאָל איך האַלטן, אַז ביידע צדדים זיינען צדיקים, קדושים וטהורים?

— ס׳אייגענע — פירט אויס ר׳ וועלוועלע — קומט מיר איצט צו האַנט. ווען כ׳וואָלט געדאַרפט מפשר זיין צווישן ר׳ הערש־לייבן מיט יענעם און יענעם, אָדער צווישן ר׳ יאָשע־בערן מיט יענעם און יענעם, וואָלט איך געוואוסט, ווער ס׳איז גערעכט און ווער ס׳איז אומ־גערעכט. גיי אָבער זיי מפשר צווישן ר׳ הערש־לייבן מיט ר׳ יאָשע־בערן, אַז ביידע זיינען גאונים, צדיקים...

877

בעת דער מחלוקת צווישן ר׳ יאָשע־בערן מיט ר׳ הערש־לייבן, איז ר׳ חיים בריסקער, ר׳ יאָשע־בערס זון, נאָך געווען אַ אינגל, אָבער אַ אינגל אַן עילוי. כדרך הטבע, האָט ער געהאַלטן מיטן טאַטן, מיט ר׳ יאָשע־בערן און ר׳ הערש־לייבן אַ ביסל מבטל געווען.

איינמאָל איז ר׳ הערש־לייב געזעסן און געזאָגט דעם שיעור. האָט ער זיך געמאַטערט אַף אַ מהרש״א און אויסגעפירט:

— מ׳מוז לערנען דעם פשט אין דער גמרא נישט ווי דער מהרש״א, במחילת כבודו.

ווי ר׳ חיימ׳קע האָט׳ס דערהערט, איז ער אַרויפגעשפרונגען אַפן טיש און אָנגעהויבן שרייען:

— אַי, וועט׳ן אים דאַרפן געבן במחילת כבודו...

מיט דער פען אין האַנט

878

בעת ר׳ יעקב־יוסף, דער „תולדות״, האָט אָפּגעדרוקט דעם ספר זיינעם, דעם „תולדות יעקב יוסף״, איז ער אַליין אַרומגעפאָרן איבער דער וועלט אים פאַרקויפן. אַ מקח האָט ער געשטעלט זייער אַ הויכן, אַ רענדל אַ ספר.

געקומען קיין באַרדיטשעוו, איז ער געזעסן אַף דער אכסניא און געוואַרט אַף קונים. איז דער עולם נישט געקומען קויפן דעם חיבור. האָט ר׳ יעקב־יוסף געהאַט גרויס קפידא.

אַז ר׳ וואָלף זשיטאָמירער, דער „אור המאיר״, איז געווען אין באַר־דיטשעוו, איז ער אַריין געוואויר ווערן דעם „תולדות״. זעט ער, ער איז זייער פאַרצאָרנט.

— וואָס אַזאַ קפידא? — פרעגט ער אים.

— סטייטש, — פייערט ר׳ יעקב־יוסף — כ׳בין דאַ געקומען פאַר־קויפן מיין חיבור, וואָס לערנט דער וועלט דעם רבי׳נס * תורה, און צום סוף איז אין קונה.

— מה רעש ? — שמייכלט ר׳ וואָלף — דער רבונו־של־עולם אליין האָט זיך אויך אַרומגעטראָגן מיט דער תורה זיינער און קיינער האָט זי נישט געוואָלט נעמען...

879

ר׳ פינחס קאָריצער האָט געזאָגט אָפּן „תולדות״ :
דער אַלטער האָט געדרוקט טויזנט ספרים און גענומען טויזנט רענד־לאַך. פאַר איין ספר אַליין וואָלט איך אים געגעבן טויזנט רענדלאַך...

880

ר׳ יעקב עמדן האָט געמאַכט אַ חיבור „לחם שמים״.
— רבי, — פרעגט אים אַמאָל איינער, אַ איד, אַן עם־הארץ, — אין דער „המוציא״ שטייט׳אַך „לחם מן הארץ״ ?
— פאַרשטייסטו מיך, — ענטפערט אים ר׳ יעקב עמדן. — „לחם שמים״ איז פאַר אַ תלמיד־חכם, „לחם מן הארץ״ איז פאַר אַן עם־הארץ...

881

ר׳ יעקב ליסער, דער „נתיבות״, און ר׳ לייב, דער „קצות״, האָבן ביידע אָפּגעדרוקט זייערע ספרים אין איין צייט. דער עולם לומדים האָט דעם „קצות״ אויפגעכאַפּט מיט גרויס התפעלות, זיך מפלפל געווען אי־בער אים, זיך אַרומגעטראָגן מיט די חידושים זיינע און אים פון האַנט נישט אַרויסגעלאָזן. דעם „נתיבות״ האָט׳ן אויפגענומען בכבוד, ווי ר׳ יעקב ליסערס אַ חיבור, אָבער אָן התפעלות.
זאָגט אַמאָל ר׳ יעקב צו ר׳ לייבן :
— מיר ביידע ווייסן דאָך וואויל, אַז מיין „נתיבות״ איז נישט ערגער פאַר אייער „קצות״. פונדעסטוועגן זעט אַ פּלא : מיט אייער „קצות״ טראָגט׳ן זיך אַרום און מיט מיין „נתיבות״ נישט.
— זאָגט מיר, ליסער רב, — מאַכט ר׳ לייב — ווי איז אייער סדר־היום ?
— מיין דרך איז, — ענטפערט ר׳ יעקב — אויפשטיין גאַנץ פרי, אַ זייגער פינף פאַרטאָג. און היות כ׳בין דעמאָלט אויסגערוט, דער קאָפּ איז קלאָר, זעץ איך מיך תיכף אוועק לערנען, הויב אָן אַ נייעם ענין און בין, ב״ה, מחדש. אָט אַזוי האָב איך מחבר געווען מיין „נתיבות״.

* דעם בעל־שם׳ס.

— מ י י ן דרך — זאָגט ר׳ ליב — איז אַ ביסעלע אַנדערש. כ׳שטיי אויך אויף אַ זייגער פינף פאַרטאָג און זעץ מיך אויך תיכּף לערנען. און היות כ׳בין דעמאָלט אויסגערוט, דער קאָפּ איז קלאָר, חזר איך איבער דעם נעכטיקן ענין, קוק דורך וואָס כ׳האָב נעכטן מחדש געווען. און נישט איין מאָל כאַפּ איך מיך, אַז דער נעכטיקער חידוש איז נישט בשלמות: דאָ פעלט אַ וואָרט, דאָ איז אַ וואָרט איבעריק, דאָ דאַרף׳ן באַוואָרענען די און די קשיא, דאָ קען מען זאָגן אַ בעסערן תירוץ — פאַריכט איך וואו מ׳דאַרף, בין מוסיף וואָס ס׳פעלט. און אַמאָל שרייב איך איבער דעם גאַנצן חידוש איבעראַנייס. אַט אַזוי האָב איך מחבר געווען מיין „קצות“...

882

אַ מחבר איז אַמאָל געקומען צו ר׳ דוד נאַוואַרעדקער, דעם „גליא מסכת“, נעמען אַ הסכמה. דער חיבור זיינער איז געווען אַ פירוש אַף תורה און געדרוקט מיטן חומש אינאיינעם.

ר׳ דוד קוקט אַריין אין חיבור און זאָגט ווי פאַר זיך:

— אַ שכל גדול...

כאַפּט אַ קוק אַ פּאָר בלעטער ווייטער און מאַכט:

— אָן איינפאַל... אַ המצאה...

דער מחבר זיצט און קוועלט פון נחת. ר׳ דוד ווערט נתפּעל פון חיבור זיינעם.

אין אַ ווײַלע אַרום גיט ר׳ דוד אָפּ דעם מחבר זיין חיבור.

— נו, רבי? — פרעגט דער מחבר.

שווייגט ר׳ דוד.

— סטייטש, רבי, — חידוש׳ט זיך דער מחבר — בעת איר האָט מעיין געווען אין מיין פירוש, האָט איר דאָך כמה מאָל געזאָגט: אַ שכל גדול, אָן איינפאַל, אַ המצאה?

— כ׳וועל אייך זאָגן, — ענטפערט ר׳ דוד — וואָס כ׳האָב געמיינט. אַ שכל גדול פון אייך צו דרוקן אייער פירוש מיטן חומש אינאיינעם. אצונד קען מען אייער חיבור נישט טאָן זיין רעכט. מ׳טאָר אים נישט פאַרברענען און מ׳טאָר אים נישט אַרויסוואַרפן...

883

ר׳ יום־טוב־ליפּמאַן צונץ פלעגט זאָגן:

— וואויל איז דעם, וואָס דרוקט גוי׳ש פאַר גוים; ווי איז דעם, וואָס דרוקט לשון־קודש פאַר אידן. אַ סימן — „דפוס“ איז די אייגענע

אותיות וואָס „ספוד"*; „דרוק" איז די אייגענע אותיות וואָס „רקוד"**...

884

בעת ר' יצחק־בער לעווינזאָן האָט מחבר געווען דעם „תעודה בישראל", האָט דער ספר געמאַכט אַ גרויסן רושם ביי אידן.

האָט'ן אַמאָל געפרעגט ר' אבלי פּאָסווילער, ווילנער רב:

— וואָס זאָגט איר, רבי, אָפן „תעודה בישראל"?

— דער ספר — מאַכט ר' אבלי — האָט א י י ן חסרון.

— דהיינו, רבי? — פרעגט'ן אים.

— דער חסרון זיינער איז, — זאָגט ר' אבלי — וואָס דער ו ו י ל נ ע ר ג א ו ן האָט אים נישט מחבר געווען...

885

אַ מחבר איז אַמאָל געקומען צו ר' אייזל חריף נעמען אַ הסכמה אַף אַ חיבור. ר' אייזל, ווי זיין דרך, האָט אים נישט געגעבן. דער מחבר איז אָבער צוגעשטאַנען און ר' אייזל האָט פון אים נישט געקענט פּטור ווערן. נעמט ר' אייזל אַ בויגן פּאַפּיר, שרייבט אָן אַ פּאָר ווערטער אַ הסכמה און חתמ'עט זיין נאָמען גאַנץ אונטן.

— רבי, — פרעגט דער מחבר — פאַרוואָס איז אייער חתימה אַזוי אַפּגערוקט?

— אַ בפירוש'ער פּסוק, — שמייכלט ר' אייזל. — „מדבר שקר תרחק" (פון אַ ל י ג ן זאָלסטו זיך ד ע ר ו ו י י ט ע ר ן)...

886

אַ מחבר האָט אַמאָל געבראַכט צו ר' אייזל חריף זיינעם אַ חיבור — אַ פּירוש אַף חומש. איז דער פּירוש געווען געדרוקט צוזאַמען מיטן חומש. גיט ר' אייזל אַ קוק אין חיבור און זאָגט צום מחבר:

— איר ווייסט, אייער חיבור איז ק ר ו ב ל א מ ת (נ אָ נ ט צ ו ם א מ ת)...

887

אַ מחבר איז אַמאָל געקומען צו ר' אייזל חריף מיט אַ חיבור. איז ער געזעסן, געשמועסט אין תורה, ביז ס'איז געוואָרן שפּעטלאַך אין אָוונט. פאַרן אַוועקגיין בעט ער ר' אייזלן:

— זייט מוחל, רבי, שיקט מיט מיר מיט דעם שמש אייערן.

* קלאָגן. ** טאַנצן.

— למאי — מאכט ר׳ אייזל — מטריח זיין אז עלטערן אידן? אי וואס, איר קלערט איבער, אז א תלמיד־חכם טאר נישט גיין אליין ביי־נאכט מחמת מזיקים? האב איך פאר אייך אן עצה: נעמט מיט דעם חיבור אייערן, וועלן די מזיקים תיכף זען, אז איר זיינט נישט זייער בעל־דבר...

888

א מחבר איז אמאל געקומען צו ר׳ אייזל חריף מיט א חיבור, וואס האט זיך גערופן „דברי רד״ק״.

— וואס עפעס רד״ק? — פרעגט ר׳ אייזל דעם מחבר.

— פארשטייט איר מיך, רבי, — זאגט דער מחבר — איך הייס: דוד. מיין טאטע, עליו השלום, האט געהייסן: קלמן. מאכט רד״ק: ר׳ דוד קלמנס.

— נו, זאגט אליין, — מאכט ר׳ אייזל — איז׳ס א יושר? אייך אליין רופט איר: ר׳ דוד און דעם טאטן אייערן רופט איר, פשוט: קלמן. גאר־נישט מעשה כבוד־אב. איר דארפט רופן אייער ספר: „דברי דור״ק״*, וועט׳ס מאכן: דוד ר׳ קלמנס...

889

א מחבר איז אמאל געקומען צו ר׳ אייזל חריף מיט א חיבור, וואס האט געהייסן: „יהגה חכמה״.

קוקט ר׳ אייזל איין אין חיבור, גיט נאך אמאל א קוק אפן שער און זאגט:

— א? וואס? „יהגה חכמה״? ניין, צא יעגא, טא ניע חכמה; א צא חכמה, טא ניע יעגא...**

890

ר׳ יאסעלע סלאנימער, בעת ער האט געגעסן קעסט, ביי זיין שווער, ר׳ אייזל חריף, האט ער געשריבן א חיבור.

— יאשע, — פרעגט אמאל ר׳ אייזל ר׳ יאסעלען — האסטו שוין א נאמען פארן חיבור דיינעם?

— ניין, שווער, — זאגט ר׳ יאסעלע — לעת־עתה נישט. אדרבה, אפשר ווייסט איר עפעס א שיינעם נאמען?

* שוטה, אין רוסיש.

** דאס וואס איז זיינס, איז נישט קיין חכמה; דאס וואס איז א חכמה, איז נישט זיינס.

— יאָ, — מאַכט ר׳ אייזל. — כ׳האָב פאַר דיר אַן אויסגעצייכנטן נאָמען: „ישת (יאַשעס) חושך״...

891

איינער האָט אַמאָל געפרעגט ר׳ אייזל חריף:

— ווי קומט ס׳, רבי, וואָס די לעצטע ספרים איירע, וואָס איר האָט מחבר געווען אין די עלטערע יאָרן, זיינען נישט אַזוי שאַרף, ווי די פריער־דיקע ספרים איירע, וואָס איר האָט מחבר געווען אין די אינגערע יאָרן? דאַכט זיך, מיר ווייסן, אַז „זקני תלמידי־חכמים, כל־זמן שמזקינים, דעתם מתיישבת עליהם״ (אַ תלמיד־חכם, וואָס ער ווערט עלטער, ווערט ער געזעצטער).

— איר האָט אָבער פאַרגעסן — מאַכט ר׳ אייזל — די אַנדערע העלפט, אַז „זקני עמי־הארץ, כל־זמן שמזקינים, דעתם מטורפת עליהם״ (אַן עם־הארץ, וואָס ער ווערט עלטער, ווערט ער טעמפּער) און פאַר דער צייט, וואָס איך בין עלטער געוואָרן, זיינט איר אויך עלטער געוואָרן...

892

שמואל־יוסף פין איז געווען אַ גרויסער געלערנטער, האָט מחבר געווען כמה ספרים, יאָרנלאַנג אַרויסגעגעבן דעם „הכרמל״, וואו ער האָט געשריבן הונדערטער מאמרים. אחוץ דעם איז ער געווען אַ איד אַן עושר, געהאַט אַן אייגענע ציגעלניע, צוגעשטעלט ציגל אין ווילנע און אין דער סביבה אַרום.

האָט ר׳ אייזל חריף אויף אים אַמאָל געזאָגט:

— די מעלה פון אַ ציגעלניק איז, אַז די ציגל זיינע זיינען האַרט; די מעלה פון אַ שרייבער איז, אַז זיין לשון איז ווייך. ביי פינען האָבן זיך פאַרביטן די יוצרות: די ציגל זיינע זיינען ווייך און זיין לשון־קודש איז האַרט...

893

אַ מחבר איז אַמאָל געקומען מיט אַ חיבור צו ר׳ יוסף ראָזן, דעם ראַטשאָווער.

כאַפּט ר׳ יוסף אַ קוק אין חיבור, בלעטערט און רעדט ווי פאַר זיך:

— חידושים... חידושים...

דער מחבר זיצט און קוועלט. דער חיבור זיינער געפעלט דעם ראַטשאָווער.

דורכגעבלעטערט, גיט ר׳ יוסף אויף דעם מחבר זיין חיבור אָן אַ הסכמה.

— סטייטש, רבי, — זאָגט דער מחבר — איר האָט דאָך אַליין געזאָגט: חידושים?

— יאָ, אודאי חידושים, — מאַכט ר׳ יוסף. — כ׳זע, אַז אייער חיבור איז געדרוקט אין פּיעטרקוב, איז עס פאַר מיר אַ גרויסער חידוש. כ׳האָב גאָרנישט געוואוסט, אַז אין פּיעטרקוב איז דאָ אַ דרוק און אַ שיינער דרוק. חידושים ממש...

894

די צוויי אידישע געלערנטע, גרעץ און יאָסט, האָבן נישט געלעבט בשלום איינער מיטן אַנדערן.

בעת גרעץ האָט מחבר געווען זיין „געשיכטע פון אידן“, האָט ער געדרוקט דעם דריטן חלק נ אָ כ ן פערטן.

האָט יאָסט אויף דעם געזאָגט:

— קיין חידוש נישט. גרעץ גייט אין אַלץ אויף צ ו ר י ק...

895

אַלעזר אַטלעס איז געווען אַ שרייבער אַ חריף, געהאַט אַ שאַרפע פען און קיינעם נישט געשאַנעוועט. אין זיינעם אַ מאמר מכח דעם „ועד ארבע ארצות“, קריגט ער אויף אַזעלכע גדולים, מומחים אין אידישער געשיכטע, ווי גרעץ, דובנאָוו, הרכבי וכדומה.

פרעגט אים אַמאָל אַ ידיד זיינער:

— זאָגט־זשע מיר, ר׳ אַלעזר, ווי האָט איר עס קיין מורא נישט זיך שטעלן אַנטקעגן אַזעלכע בערן?

— איר חידוש׳ט אייך? — שמייכלט אַטלעס — וועל איך אייך דערציילן אַ מעשה:

אַ פּריץ איז אין כעס געוואָרן אויפן אַרענדאַר זיינעם. דער אַרענדאַר האָט נישט געהאַט צו צאָלן די אַרענדע, צי מיט עפּעס אַנדערש זיך פאַרזינדיקט פאַר דעם פּריץ. אַמאָליקע פּריצים. האָט דער פּריץ אים אַרויסגעגעבן אַ שטראָף: נעבעכיקן אין שטאַל מיט אַ בער.

דער איד האָט דאָס דערהערט, איז פּרחה נשמתו. מיט אַ בער! פאַלט ער דעם פּריץ צו די פיס מיט תחנונים:

— האַרינקע טייערער, האָב רחמנות אויף מיר, אויפן ווייב און קינד און לאָמיך נישט אומקומען דורך אַ חיה רעה.

ווערט דער פּריץ ווייכער און זאָגט צום אידן:

— וויין נישט, מאַשקע, כ׳האָב פאַר דיר אַן עצה. כ׳וועל הייסן דיך אַנטאָן אין אַ בערישער פעל און דו זאָלסט קריכן אויף אַלע פיר, וועט דער בער דיך אָנעמען פאַר אַן אייגענעם ברודער און דיך נישט טשעפּען.

איז דער איד אריין אין דער בערישער פעל, זיך געלייגט אף אלע פיר, אין איין ציטערניש ארייגעקראכן אין שטאל אריין און געבליבן ביי דער טיר. אז ער האט דערזען דעם בער איז ער געווארן א טויטער און אנגעהויבן שרייען:

— שמע ישראל!

אין מיטן הערט ער, דער בער שרייט אויך און לאזט אויס:

— ה׳ אחד!

ער גייט־צו נענטער — דער בער איז אזא איד ווי ער...

א

896

בעת אלעזר אטלעס האט ארויסגעגעבן דעם „הכרם" זיינעם, האט ער דארט, אחוץ מאמרים פון חכמת־ישראל, געגעבן אויך שיינע ליטע־ראטור: שירים און ספורים. גראד איז דער חלק ארויסגעקומען זייער נישט געראטן.

— סטייטש, ר׳ אלעזר, — פרעגט אים אמאל זיינער א ידיד — ווי קומט׳ס צו אייך געבן אזא פסולת?

— וועל איך אייך — שמייכלט אטלעס בא׳חנ׳ט — דערציילן א מעשה:

ניקאלאי דער ערשטער איז אמאל געקומען קיין מינסק. איז א קלויז־ניק געלאפן פון בית־מדרש זען דעם קיסר און מאכן די ברכה „שחלק מכבודו". א מצוה. היות ער האט אבער געוואוסט, אז ניקאלאי פארטראגט נישט קיין לאנגע פיאות מיט קיין לאנגע קאפאטעס, האט ער פארשארט די פיאות אונטערן היטל, פארקאשערט די קאפאטע, צוגעהאלטן מיט איין האנט ס׳היטל, מיט דער אנדערער — די פאלעס און געלאפן איבער דער גאס. האט דער עולם געלאכט.

— וואס לאכט איר? — חידושט זיך דער קלויזניק — כ׳גיי זען דעם קיסר, מוז איך טאן זיין רצון. און דער קיסר וויל, אז אידן זאלן זיך טראגן קורץ און גיין אן פיאות. טו איך אים צוליב. אי, איר זאגט, ס׳האט א פנים פון חוזק? א שיינע, ריינע כפרה אף אים. זאל זיך אים נישט וועלן מאכן אידן פאר טייטשן.

— ס׳אייגענע — פירט אויס אטלעס — איז מיט מיר. איך האב גע־האט בדעה ארויסגעגעבן א בוך בלויז פאר חכמת־ישראל. האט׳ן מיר גע־זאגט, אז היינטיקע צייטן מוז׳ן האבן שיינע ליטעראטור. האב איך זיי נעגעבן, אז זיי וועלן שוין פארזאגן א צענטן...

צווישן מענטש און מענטש

897

בעת מ׳האט דעם מהר״ם מרוטנבורג אריינגעזעצט אין תפיסה, האט קהל געוואלט אים אויסלייזן. פדיון שבוים. איז דער מהר״ם געוואויר געווארן, אז די שררות פארלאנגען פאר אים צופיל געלט. האט ער גע־שיקט זאגן קהל און באפוילן מיטן הארבן ווארט, אז מ׳זאל אים נ י ש ט אויסלייזן. מחמת די שררות וועלן נעמען תפוס נאך אידן און פארלאנגען פאר זיי אויסלייזגעלט.

און דער מהר״ם איז נפטר געווארן אין תפיסה.

898

ר׳ יצחק׳ל האמבורגער האט געקריגט אף ר׳ ישראל בעל־שם, געווען א שטארקער מתנגד פון זיין דרך אין חסידות און האט תמיד גערעדט אף אים. ר׳ ישראל האט געהאלטן פון ר׳ יצחק׳לען פאר זיין גאונות און צדקות.

אז ר׳ ישראל איז געוואויר געווארן, אז ר׳ יצחק׳ל רעדט אף אים, פלעגט ער שיקן מענטשן צו ר׳ יצחק׳לען, זיי זאלן פאר אים ריידן אפן בעל־שם, כדי ר׳ יצחק׳ל זאל האבן א נחת־רוח...

899

ר׳ זושע האניפאלער האט זיך נוהג געווען, איטלאך אינדערפרי, תיכף ווי ער איז אויפגעשטאנען, האט ער געזאגט:

— א גוט מארגן אף כל ישראל...

900

ר׳ משה־לייב סאסעווער איז געווען בטבע זייער א גוטער, א טוב־לב, נישט געקענט פארנעמען א אידנס צער, געווען קאפאבל אוועקצוגעבן פאר א אידן ס׳לעבן מיט דער נשמה.

אין דער יוגנט, בעת ער האט זיך אויפגעהאלטן ביי ר׳ שמעלקי ניקלשבורגער, איז ער אמאל געזעסן אין בית־מדרש און געלערנט. הערט ער ווי אן ארימער איד רעדט אויס ס׳הארץ זיינע פאר נאך א אידן:

— כ׳קען מיר גאר קיין עצה נישט געבן וואס צו טאן. כ׳האב א טאכטער, שוין א מיידל אין די יארן און קען זי נישט חתונה מאכן. כ׳וויים וואויל, אז קיין מאן וועט מיט איר נישט לעבן, מחמת זי איז א מכוערת און א גרויסע בהמה. נאר וואלט זיך כאטש געמאכט ווער ס׳איז,

אבי דעם קאפ צודעקן. בין איך דאך אן ארימאן, אן אביון און האב נישט א צעבראכענע פרוטה. וועט שוין מיין טאכטער אזוי פארזעסן ווערן ביזן גרויען צאפ.

שיקט ר׳ משה־לייב רופן דעם שדכן פונם שטעטל און הייסט אים גיין ריידן דעם שידוך מיטן ארימאנס טאכטער.

קוקט אים דער שדכן אן. ר׳ משה־לייב, דער וואוילער יונגערמאן, וואס קען טאן א שידוך פון גרעסטן עשירות, מיט כמה אלפים נדן, מיט אייביקע קעסט, זאל מרוצה זיין צו נעמען אן ארים, פארזעסן מיידל? נישט אנדערש ר׳ משה־לייב טרייבט מיט אים קאטאוועס.

זאגט אים ר׳ משה־לייב, אז ער מיינט׳ס באמת, ער וויל זיך מתחתן זיין מיט יענעם אידן.

גייט דער שדכן אוועק צום ארימען אידן און רעדט דעם שידוך מיט ר׳ משה־לייבן.

גלויבט דער ארימאן זיינע אייגענע אויערן נישט. ווי קומט ער, א איד אן ארימאן, צו אזא אײדעם ווי ר׳ משה־לייב? און ווי קומט זיין טאכטער, א פארזעסן מיידל, אן א פרוטה נדן, און דערצו נאך א מכוערת, א בהמה, צו זיין ר׳ משה־לייבס ווייב?

זאגט אים דער שדכן, אז ר׳ משה־לייב האט אים געשיקט, איז מרוצה צו נעמען זיין טאכטער אזוי ווי זי שטייט און גייט, אן נדן, אן קעסט.

בקיצור הדברים — דער שידוך איז געווארן. ר׳ משה־לייב האט חתונה געהאט מיטן ארימאנס טאכטער.

אז ר׳ משה־לייבס עלטערן זיינען דערפון געוואויר געווארן, זיינען זיי תיכף געקומען צו פארן, גענומען איינ׳טענה׳ן מיט ר׳ משה־לייבן, אויפוויזן אים, וואס ער האט דא אפגעטאן. טענה׳ט אבער ר׳ משה־לייב, אז ער האט נישט געקענט צוזען דעם צער פונם ארימען אידן.

מיט גרויס מאטערניש האבן די עלטערן געפועל׳ט ביי אים, ער זאל זיך גט׳ן.

❦

901

ר׳ משה־לייב סאסעווער האט זיך נוהג געווען צו פארן אף ירידים, אף מערק, טאמער וועט ער אנטרעפן א אידן, וואס איז געבליבן שטיין מיט פערד־און־וואגן אין מיטן וועג, וועט ער אים העלפן.

איינמאל האט׳ן אים געזען אף א יריד, ווי ער גייט ארום אפן מארק מיט אן עמער וואסער און גיט טרינקען די קעלבער...

902

איינמאָל, ווינטער־צייט, איז ר׳ משה־לייב סאַסעווער געוואויר גע־וואָרן, אַז אין עק שטעטל, אין אַ קליין שטיבל, וואוינט אַן אָרימע אי־דענע, אַן עלנטע. איז זי, לא עלינו, קראַנק געוואָרן און אין שטוב איז נישטאָ אַ ברעקל האָלץ. ליגט די אָרימע קראַנקע, נעבאַך, אין דער קעלט.

איז ר׳ משה־לייב אויפגעשטאַנען פאַרטאָג, אָנגעטאָן אַ גוי׳ש פּעלצל מיט אַ קוטשמע, זיך פאַרגאַרטלט מיט אַ שטריק, אין שטריק — אַ האַק און איז אַוועק אין וואַלד. דער פראָסט האָט געברענט סכנת־נפשות. דער וואַלד איז געווען פאַרזונקען אין שניי. ר׳ משה־לייב איז צוגעקומען צו אַ בוים, אַרויסגענומען די האַק, אָנגעהאַקט אַ בינטל האָלץ, פאַרבונדן מיטן שטריק, פאַרוואָרפן אַף דער פּלייצע און אַוועק אין שטאָט.

צוגעקומען צו דער אָרימער אידענעס שטיבל, קלאַפּט ער אָן אַף גוי׳ש:

— איי, אידענע, עפן דאָרט, כ׳האָב דיר געבראַכט האָלץ.

— כ׳האָב נישט — קרעכצט די אידענע פון קראַנקנבעט — קיין געלט.

— וועל איך — זאָגט ר׳ משה־לייב — דיר באָרגן.

— כ׳האָב אָבער נישט — קרעכצט ווייטער די אידענע — ווער ס׳זאָל מיר איינהייצן.

— וועל איך — זאָגט ר׳ משה־לייב — דיר איינהייצן.

ר׳ משה־לייב איז אַריין אין שטיבל, אַראָפּגעוואָרפן ס׳בינטל האָלץ, איינגעהייצט אין אויוון, אַכטונג געגעבן ס׳זאָל ברענען און איז נישט אַוועק ביז דער אויוון האָט זיך אויסגעהייצט און אין שטיבל איז געוואָרן וואַרעם.

903

אַ גביר איז אַמאָל געקומען געוואויר ווערן ר׳ משה סופר, דעם „חתם סופר“. איז׳ס ביי ר׳ משה׳ן געווען זייער אָנגעלייגט. זאָגט ער צום גביר:

— אַ יישר־כח, וואָס איר האָט אייך מטריח געווען צו קומען.

— ניין, רבי, — מאַכט דער גביר. — כ׳בין געגאַנגען געוואויר ווערן יענעם נגיד, בין איך פאַר איינוועגס אַריין צו אייך.

אַז דער גביר האָט געהאַלטן ביים אַוועקגיין, הויבט זיך ר׳ משה אויף אים באַלייטן.

— צו־וואָס, רבי, — מאַכט דער גביר — זאָלט איר אייך מטריח זיין?

— ניין, — זאָגט ר׳ משה — כ׳דאַרף גיין אַף דער לופט, וועל איך שוין פאַר איינוועגס אייך באַלייטן...

904

ר׳ נחומ׳קע האראָדנער איז, כידוע, געווען שמש אין חברה־ש״ס בית־מדרש.

איינמאָל, אין אַ ווינטערדיקע נאַכט, איז אַ איד פאַרבייגעגאַנגען דעם פּאָליש פון דער גרויסער שול. האָט ער זיך אָן עפּעס אָנגעשטויסן. ער גיט אַ קוק — אַ מענטש ליגט אויף דר׳ערד און שלאָפט. בויגט ער זיך איין — ס׳איז ר׳ נחומ׳קע. ביני לביני האָט זיך ר׳ נחומ׳קע אויפגעכאַפּט.

— רבי, — חידוש׳ט זיך יענער — ווי קומט איר אַהער?

— דער חברה־ש״ס בית־מדרש — ענטפערט ר׳ נחומ׳קע — איז פאַרשפּאַרט, די בחורים שלאָפן, וויל איך זיי נישט אויפוועקן; גיין צוריק אַהיים — שלאָפט׳ן ביי מיר אויך. האָב איך מיך דערווייל דאָ אַ ביסל צוגעלייגט...

905

ר׳ אברהם משכיל־לאיתן, חאַסלאַוויטשער רב, איז אַמאָל אַראָפּ פון דער באָן און געטראָגן ס׳רענצל זיינס. לויפט צו אַ איד און זאָגט:

— גיט, רבי, איך וועל טראָגן.

וויל ר׳ אברהם נישט מטריח זיין אַ אידן און טראָגט אַליין.

— זאָלט איר געזונט זיין, רבי, — בעט זיך דער איד — לאָזט מיך פאַרדינען די מצוה פון משמש זיין תלמידי־חכמים.

— אויב כ׳בין יאָ אַ תלמיד־חכם, — שמייכלט ר׳ אברהם — וויל איך אַליין פאַרדינען די מצוה...

906

ר׳ אליה קרעטינגער, וואָס איז געווען אַ גאון עולם און אַ צדיק תמים, פלעגט זיך נוהג זיין דאַוונען מעריב פאַר פרי און נישט מהדר זיין דאַווענען מעריב בזמנה.

— אָן עבירה — פלעגט ער זאָגן — מצער זיין דעם דינסטמיידל און זי לאָזן הונגערן...

907

ר׳ מרדכי מעלצער, לידער רב, האָט געהאַט אַ טבע נישט צו עסן פאַר פרעמדע מענטשן אין די אויגן.

איינמאָל איז געזעסן ביי אים דער ראש־הקהל און געשמועסט מכח קהל׳שע ענינים. געקומען די צייט פון עסן, גרייט׳ן צום טיש. ר׳ מרדכי זיצט און גייט זיך נישט וואַשן.

— רבי, — זאָגט דער ראש־הקהל — פאַרוואָס גייט איר נישט עסן?

— כ'וועל אייך זאָגן, — מאַכט ר׳ מרדכי. — פרייטאָגצונאַכטס, אַז אַ איד קומט פון שול אַהיים מיט די צוויי מלאָכים, איז ער זיי מקבל פּנים מיט גרויס שמחה, זאָגט מיט התלהבות: „שלום עליכם, מלאכי השרת", „בואכם לשלום", „ברכוני לשלום" און תיכף הייסט ער זיי מוחל זיין און זאָגט: „צאתכם לשלום", גייט אייך געזונטערהייט. פאַרוואָס־זשע? איז דער תירוץ, אַז בעת מ׳גייט עסן איז אַ פּרעמדער, אַפילו אַ מלאך, איבעריק...

❦

908

ר׳ מרדכי מעלצער, לידער רב, האָט אַמאָל געהאַט עפּעס אַן ענין מיט אַ גביר אַן עם־הארץ. כדרך הטבע, האָט דער גביר אַרויסגעוויזן דעם עם־הארץ און דעם רב זייער גראָב אָנגעקומען.

— דו ביזט — זאָגט אים ר׳ מרדכי — אַ גראָבער יונג, ווי... ווי אַ לאָבן ברויט.

— רבי, — חידוש׳ט זיך דער גביר — וואָס פאַר אַ דמיון איז עס?

— אָט דאָס מיין איך טאַקע, — שמייכלט ר׳ מרדכי. — דו ביזט אַזאַ גראָבער יונג, אַז ס׳איז צו דיר קיין דמיון נישטאָ...

❦

909

ר׳ ישראל סאַלאַנטער איז אַמאָל, ביינאַכט, געזעסן אין בית־מדרש און געלערנט. הערט ער, ווי צוויי חברים, ישיבה־אינגלאַך, וואָס שלאָפן אין דער ווייבער־שול, שמועסן צווישן זיך:

— קום מיט מיר צום ברונים, — זאָגט איינער — כ׳וויל אַ טרונק.

— ווילסט טרינקען, — זאָגט דער אַנדערער — גיי אַליין.

— קום, — בעט זיך יענער. — כ׳שטאַרב אַ טרונק. כ׳גיב דיר צוויי קאָפּיקעס און קום מיט מיר.

דער חבר רירט זיך נישט פון אָרט.

פאַרמאַכט ר׳ ישראל די גמרא, גייט אַוועק צום ברונים און ברענגט דעם ישיבה־אינגל אַ טרונק.

דאָס אינגל האָט זיך מחיה געווען.

— נישט רעכט, מיין קינד, — רעדט ר׳ ישראל אויס בנעימות דעם חבר. — אַ איד דאַרף האָבן אַ גוט האַרץ, זיין אַ רחמן, אויסרעכענען יענעם, אַריינגיין אין זיין מצב. אַז דער חבר אייערער, אַן אָרעם קינד, האָט געוואָלט געבן צוויי קאָפּיקעס, האָט שוין משמעות געהאַלטן ביי פּיקוח־נפש...

910

ר׳ ישראל סאלאנטער איז אמאל אריין אין בית־מדרש דאוונען. ער האט געהאט דעם טאג יארצייט נאך זיין טאטן, ר׳ וואלף־ליפע. איז אין בית־מדרש געווען נאך א יארצייט. א איד האט געהאט יארצייט נאך א טאכטער. פארשטייט זיך, אז דער קדיש האט געקומט ר׳ ישראל׳ן, וואס איז געווען אן אמת׳ער יארצייט, נאך א טאטן. האט אבער ר׳ ישראל געזען, אז דער פשוט׳ער איד איז זיך שטארק מצער, וואס ער וועט קיין קדיש נישט זאגן. האט ר׳ ישראל אים אפגעלאזן דעם קדיש, דער איד זאל קיין עגמת־נפש נישט האבן.

האט זיך דער עולם אין בית־מדרש גע׳חידוש׳ט: ביי ר׳ ישראל׳ן זאל זיין רעכט נישט זאגן קיין קדיש אין יארצייט? איינער האט זיך געמאכט הארץ און אים געפרעגט:

— האט קיין פאריבל נישט, רבי, וואס כ׳וועל אייך פרעגן. ווי קומט׳ס, וואס איר האט אוועקגעגעבן א פרעמדן דעם קדיש, וואס גע־הערט אייער פאטער?

— נישקשה, — זאגט ר׳ ישראל — ס׳איז מער זכות פאר מיין טאטן, זכרונו לברכה, אז כ׳האב מיט זיין קדיש געטאן א טובה א אידן...

911

ר׳ ישראל סאלאנטער איז אמאל געשטאנען אין ווילנע אין גאס און געשמועסט מיט א אידן. ר׳ ישראל האט אלע וויילע געזאגט א וויץ, א גלייכווערטל, אליין געלאכט און געמאכט דעם אידן לאכנדיק. דער עולם ארום האט זיך גע׳חידוש׳ט. ר׳ ישראל, וואס איז תמיד פאר־דאגה׳ט און פאראומערט, רעדט נישט קיין דברים בטלים, זאל זיך אין מיטן העלן טאג אוועקשטעלן אין גאס און זאגן גלייכווערטלאך?

האט איינער זיך געמאכט הארץ און געפרעגט ר׳ ישראל׳ן.

— די מעשה איז אזוי, — ענטפערט ר׳ ישראל. — אט דער איד איז, נעבאך, פון צרות געווארן מרה־שחורה׳דיק. איז פשוט א גמילות־חסד אים משמח צו זיין...

912

ר׳ ישראל סאלאנטער איז זייער נזהר געווען נישט צו געבן מקבלים קיין בריוו, טאמער ווערט ער, חלילה, נכשל מיט רמאים. האט ער אבער איינעם געגעבן א בריוו, האט ער שוין פון אים נישט צוגענומען, אפילו בעת ער האט זיך דערוואוסט, אז ער האט יענעם דעם בריוו נישט גע־דארפט געבן.

— קוים — פלעגט ר׳ ישראל זאָגן — האָב איך אים דעם בריוו געגעבן, איז ער שוין זיין אייגנס און צונעמען פון אים איז אמת׳ע גזלה...

913

איינער, אַ איד אַן עם־הארץ, אַ פּראָסטע זאַך, איז אַמאָל אַריין צו ר׳ איצל פּעטערבורגער. זעט ער ליגן דעם רב׳ס קאַפּעלוש. מעסט ער אָן אויפן קאָפּ — איז צו־קליין אויף אים.

— איר ווייסט, רבי, — זאָגט ער — כ׳האָב אַ גרעסערן קאָפּ פאַר אייך.

— איר מיינט — שמייכלט ר׳ איצל — אַ ג ר ע ב ע ר ן...

914

ר׳ אליה־חיים לאָדזשער איז אַמאָל געגאַנגען אין גאַס. זעט ער, אַ אינגעלע שטייט און וויינט.

— וואָס וויינסטו, אינגעלע? — פרעגט אים ר׳ אליה־חיים.

— כ׳וויים נישט — כליפּעט ס׳קינד — וואו מיין מאַמעשי איז.

פרעגט זיך ר׳ אליה־חיים אַרום, קיינער קען נישט ס׳קינד. פאַר־בלאָנדזשעט. נעמט ר׳ אליה־חיים ס׳אינגעלע פאַר דער האַנט און פירט אים צו זיך אהיים.

— רבי, — הויבט אָן דער עולם אַרום — למאי זאָלט איר אייך אליין מטריח זיין? גיט עמיצן ס׳קינד, וועט ער׳ס אָוועקפירן צו אייך אהיים.

— ניין, — מאַכט ר׳ אליה־חיים. — אַ נאַר טוט האַלבע אַרבעט. איך וויל טאָן די מצוה בשלמות.

און ר׳ אליה־חיים האָט אָוועקגעפירט ס׳פאַרבלאָנדזשעטע קינד צו זיך אהיים, איבערגעגעבן דער רבי׳צן, זי זאָל אויף דעם אַכטונג געבן, ביז די מאַמע וועט זיך אָפּזוכן.

915

אַ בריסקער אידענע האָט אַמאָל געהאַט אַ דין־תורה ביי ר׳ חיים׳ען און פאַרשפּילט. איז זי געוואָרן אין כעס, אַרויס פון דער העזה און זיך צעשריען אויף ר׳ חיים׳ען:

— גזלן, איר האָט אָוועקגע׳גזל׳ט מיין אָרים געלט!

איז געוואָרן אַ רעש אין בית־דין־שטוב. אַזאַ חוצפה. זידלען ר׳ חיים׳ען. ר׳ שמחה־זעליק, ר׳ חיים׳ס דיין, איז געוואָרן אָן אַנגעצונדע־נער און אַ געשריי געטאָן אויף דער אידענע:

— שווייג, חצופה!

— זאָלט איר געזונט זיין, ר׳ חיים־זעליק, — זאָגט ר׳ חיים בנעימות — רופט זי נישט מיט אַזאַ נאָמען. זי איז אַן ערלאַכע אידענע. ס׳האַרץ טוט איר, נעבאַך, ווי, שרייט זי. זאָל זי זיך אויסשרייען, אפשר וועט איר גרינגער ווערן...

916

ביי ר׳ חיים בריסקער איז געווען אַן אָפענע שטוב. ווער ס׳האָט געוואָלט איז אַריין און אַרויס.

האָט אַמאָל איינער פון די יוצאים ונכנסים צוגענומען די זילבערנע טאַבאַק־פּושקע ר׳ חיימ׳ס. די בני־בית האָבן געוואוסט ווער דער גנב איז, מ׳האָט געזען ווי ער האָט די פּושקע אַריינגעלייגט צו זיך אין קעשענע. האָבן זיי געוואָלט אים באַטאַפּן. האָט ר׳ חיים נישט געלאָזן.

אַז יענער איז אַוועקגעגאַנגען, זאָגט זיי ר׳ חיים:

— פאַרשטייט איר, ווען ס׳וואָלט געווען אַ ספק צי ער האָט גענומען, וואָלט אפשר כדאי געווען אים צו באַטאַפּן. אַצונד אָבער, אַז ס׳איז אַ ודאי, אַז ער האָט עס אין קעשענע, טאָ צו וואָס מבייש זיין אַ אידן?...

917

אין בריסק האָט׳ן אַמאָל, בעת די מהומות, גענומען תפוס אַ אידישן בחור, אַפּן חשד אַז ער איז אַ מורד במלכות. איז דעם בחור׳ס מאַמע געקומען וויינען פאַר ר׳ חיימ׳ען, ער זאָל גיין זיך משתדל זיין פאַר איר זון ביי דער פּאָליציי. האָט ר׳ חיים צוגעזאָגט ראַטעווען אַ אידן.

האָבן די מקורבים ר׳ חיימ׳ס אים אָנגעהויבן אָפּצורידן:

— רבי, מישט אייך נישט אין אַזעלכע ענינים. זיך אָנהויבן מיט מלוכה. ביי היינטיקע צייטן איז עלול, איר זאָלט דערפון האָבן די גרעסטע רעה, חלילה.

— הערט, — מאַכט ר׳ חיים. — אַז פּדיון שבוים איז אַ גרויסע מצוה — איז אַ דבר ברור; אַז די אידענע, נעבאַך, האָט אַ צעבראָכן האַרץ — איז אויך אַ דבר ברור; צי איך וועל דערפון האָבן אַ רעה, חלילה, איז נאָך דערווייל אַ ספק...

918

דער אידישער פילוסוף משה מענדלסאָן האָט שטאַרק האָלט געהאַט זיסע זאַכן.

האָט מען אים אַמאָל געפרעגט:

— סטייטש, די וועלט זאָגט דאָך: נאַראָנים האָבן האָלט זיסע.

— דאָס — שמייכלט מענדלסאָן — האָבן די קלוגע צוגעטראַכט, כדי נאַראָנים זאָלן זיך שייען פון זיסע...

919

ר׳ קאָפּל, בודאַפּעשטער רב, האָט געהאַט אַ ווערטל:

— מיין טאַטע, זכרונו לברכה, פלעגט זאָגן, אַז צו די פיר „שולחן־ערוכ׳ס" איז נאָך פאַראַן אַ פינפטער — ווי אומצוגיין מיט מענטשן.

און איך זאָג, אַז ס׳איז נאָך פאַראַן אַ זעקסטער — ווי אומצוגיין מיט אומענטשן...

צדקה און גמילות־חסדים

920

ר׳ ישראל בעל־שם־טוב איז אַמאָל מיטן זון זיינעם, ר׳ הערש, בעת ער איז נאָך געווען אַ אינגל, אַריין געוואויר ווערן דעם רב פון שטעטל. ביים רב אין שטוב איז געווען אַ סך זילבערוואַרג, שיינע זילבערנע חפצים.

אַרויסגייענדיק, מאַכט ר׳ ישראל צום זון:

— ביזט אודאי מקנא. ביי דיין טאַטן אין שטוב איז קיין זילבער נישטאָ.

— יאָ, — ענטפערט ס׳אינגל.

— זאָלסטו וויסן זיין, — זאָגט ר׳ ישראל — ווען דיין טאַטע וואָלט געהאַט געלט צו קויפן זילבער, וואָלט גלייכער געווען מיטן געלט אויסצוהאַלטן אָרימעלייט און ס׳איבעריקע אָוועקגעבן אױף צדקה...

921

ר׳ לייב, דער שפּאָלער זיידע, איז געווען אַ פּזרן אין צדקה. זיין גאַנצע הכנסה פלעגט ער צעטיילן אָרימעלייט. אפילו גנבים פלעגט ער טיילן.

אין זלאַטאָפּאָלי, וואו ער האָט געוואוינט, האָט מען זיין דרך נישט גורס געווען.

— סטייטש, — האָט׳ן אים אַמאָל פֿירגעהאַלטן — אויסהאַלטן גנבים?

— קיין אחריות נישט, — ענטפֿערט ר׳ לייב. — אַמאָל זיינען אויבן צוגעשלאָסן די שערי־רחמים, שיק איך מיינע גנבים און זיי צעברעכן די שלעסער...

❦

922

ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער איז אַמאָל אַרויסגעפֿאָרן איבער דער מדינה קלייבן אויף פּדיון־שבוים. איז ער אָפּגעווען אַ צייט אין וועג, געפֿאָרן פֿון שטעטל צו שטעטל און ס׳האָט זיך אים נישט איינגעגעבן צו מאַכן וויפֿיל ער האָט באַדאַרפֿט.

— נישט רעכט געטאָן, — קלערט ר׳ לוי־יצחק ביי זיך. — מבטל געווען פֿון תורה און תפֿילה און גאָרנישט פּועל געווען. ליבערשט זיצן אין דר׳היים און עוסק זיין אין תורה און עבודה.

מאַכט זיך אַ מעשה, אַז אינם שטעטל, וואו ר׳ לוי־יצחק האָט גע־ווײַלט, האָט׳ן געכאַפּט אַ אידן, וואָס האָט גע׳גנב׳עט אַ חפֿץ. האָט׳ן אים געשלאָגן מכות־רצח און גענומען אין תפֿיסה.

אַז ר׳ לוי־יצחק איז דערפֿון געוואויר געוואָרן, איז ער תיכף אַוועק־געלאָפֿן צום שר פֿון שטעטל און מיט גרויס השתדלות גע׳פּועל׳ט, אַז מ׳זאָל דעם אידן באַפֿרייען.

— זע, מיין קינד, — זאָגט ר׳ לוי־יצחק צום גנב — וואָס דו האָסט זיך אַליין גורם געווען. פֿון היינט אָן און ווייטער וועסטו שוין מער אַזוינס נישט טאָן.

— וואָס־זשע איז? — מאַכט דער גנב — האָט זיך מיר דאָס מאָל נישט איינגעגעבן, וועט זיך מיר ס׳אַנדערע מאָל איינגעבן.

— אויב אַזוי, — זאָגט ר׳ לוי־יצחק צו זיך אַליין — לאָז איך שוין די מצוה נישט אָפּ. האָט זיך מיר דאָס מאָל נישט איינגעגעבן, וועט זיך מיר ס׳אַנדערע מאָל איינגעבן...

❦

923

בעת ר׳ מענדעלע ליובאַוויטשער, דער „צמח צדק", האָט חתונה גע־האַט, האָט ער גענומען צוויי־טויזנט רובל נדן. נאָך דער חתונה, פֿרעגט אים דער זיידע, ר׳ שניאור־זלמן:

— מענדל, וואָס האָסטו בדעה צו טאָן מיטן נדן דיינעם?

— כ׳וועל — ענטפֿערט ר׳ מענדעלע — אַוועקגעבן יענעם און יע־נעם גביר אויף רווחים.

— אַזוי? — מאַכט ר׳ שניאור־זלמן — איז ער אַ בטוח?

— ס׳שייך? — זאָגט ר׳ מענדעלע — ער איז אַ גרויסער עושר און אַן ערלאַכער מאַן.

— יאָ, — זאָגט ר׳ שניאור־זלמן — אַצונד איז ער אַן עושר. טאָמער, חלילה, ווערט ער אַ יורד, וועסטו אָנווערן אי דעם קרן, אי דעם ריוח.

— איז וואָס, זיידע, — פרעגט ר׳ מענדעלע — זאָל איך טאָן מיטן געלט?

— פאָלג מיך, — זאָגט ר׳ שניאור־זלמן — לייג אַריין ס׳געלט אָט דאָ — און ווייזט אָן אויף דער צדקה־פושקע, וואָס שטייט ביי אים אויפן טיש — דאָ וועט זיין דיין געלט בשלימות.

מיינט ר׳ מענדעלע, אַז דער זיידע מאַכט קאַטאָוועס. שמייכלט ער.

— ניין, — מאַכט ר׳ שניאור־זלמן — כ׳מיינ׳ס באמת. גיב אַוועק דיין געלט אויף צדקה, וועסטו האָבן אי דעם קרן, אי דעם ריוח.

שווייגט ר׳ מענדעלע. ער וועט דאָך נישט נעמען און צעטיילן זיין גאַנץ פאַרמעגן.

האָט ער זיין געלט אַוועקגעגעבן דעם גביר פון שטעטל אויף רוחים.

מאַכט זיך אַ מעשה, אַז דער גביר פון שטעטל ווערט אַ נשרף און גייט אַרויס נקי; געוואָרן, לא עלינו, אַן אָרימאַן, אַן אביון און אַוועק איבער דער וועלט.

ר׳ מענדעלע, פאַרשטייט זיך, האָט פון זיין געלט קיין פרוטה נישט געזען.

— זעסט, — זאָגט ר׳ שניאור־זלמן צו ר׳ מענדעלען — אַצונד האָסטו נישט קיין קרן, נישט קיין ריוח; ווען דו פאָלגסט מיך און גיסט אַוועק ס׳געלט אויף צדקה, וואָלסטו בײדע געהאַט...

924

ר׳ אפרים־זלמן מרגליות פון בראָד איז געווען אַ גאון־עולם, מחבר געווען כמה ספרים און אַ גרויסער עושר.

איינמאָל איז געקומען צו אים אַ תלמיד־חכם אַ נצרך, ער זאָל אים בייהילפיק זיין. האָט ר׳ אפרים־זלמן מקבל געווען דעם אורח בסבר פנים יפות, געשמועסט מיט אים אין תורה און געוויזן אים זיינע חיבורים: דעם „בית אפרים“, „שער אפרים“, „יד אפרים“. אָפּגעשמועסט — גיט ר׳ אפרים־זלמן דעם אורח אַ נדבה.

כדרך הטבע, האָט זיך דער אורח גערעכנט אויף מער. קוקט ער אויף דער מטבע און זאָגט צו ר׳ אפרים־זלמנ׳ען:

— איר ווייסט, רבי, אַלע אייערע חיבורים זיינען הפלאה, נאָר דער „י ד א פ ר י ם“ אייערער איז אַ ביסל שווערלאַך...

925

ר׳ נחומ׳קע הארענדנער האט זיך קיינמאל נישט געלאזן פאטאגרא־פירן, צי צייכנען.

איינמאל איז געקומען אן ארימער איד צו ר׳ לייבן, דעם מורה־הוראה, און אויסגעגאסן פאר אים זיין ביטער הארץ, אז ער איז זייער גע־דריקט אין מצב, זיצט אן פרנסה, נישט פאר קיין אידן געדאכט, און האט זיך נישט צו וואס צו נעמען. נאר היות ער קען א ביסל צייכנען, בעט ער דעם מורה־הוראה זען פועל׳ן ביי ר׳ נחומ׳קען, ער זאל אים לאזן צייכנען זיין בילד און פארקויפן, וועט ער פון דעם זיך מאכן א שטיקל פרנסה.

ר׳ לייב האט איבערגערעדט מיט ר׳ נחומ׳קען, האט ער תיכף מסכים געווען. העלפן א אידן.

איז ר׳ נחומ׳קע געקומען צום מורה־הוראה אין שטוב און דער איד האט אים אראפגעצייכנט.

אז ער האט געוויזן ר׳ נחומ׳קען ס׳בילד, זאגט אים ר׳ נחומ׳קע:

— ר׳ איד, א שאד, נעבאך, אייער טרחה. ווער וועט אייך געבן א גראשן פאר מיין תמונה?

די בילדער זיינען צעכאפט געווארן, דער איד האט געמאכט א שיינע מטבע און איז אויפגעריכט געווארן.

926

אין קאוונע, ווי אין כמה אידישע שטעט, איז געווען א הקדש, וואו ארימעלייט האבן זיך אויפגעהאלטן. איז דער הקדש געווען זייער אפגעלאזן, אלט, צעבראכן — אן אמת׳ע חורבה. די ארימעלייט, נעבאך, פלעגן זיך וואלגערן דארט ווי אפן מיסט. די גבאים האבן זיך געמאכט נישט־וויסנדיק. פאריכטן דעם הקדש האט געדארפט קאסטן געלט און קיין געלט איז, כדרך הטבע, נישט געווען.

אז ר׳ ישראל סאלאנטער איז דערפון געוואויר געווארן, איז ער ביינאכט אוועק אין הקדש און זיך געלייגט שלאפן אף דער הוילער ערד.

אינדערפרי האט׳ן ר׳ ישראל׳ן דערקענט. איז געווארן א רעש אין שטאט. תיכף איז געווארן געלט פאר בדק־הבית פון הקדש.

927

מ׳האט אמאל געפרעגט ר׳ אייזל חריף:

— פארוואס גיט א גביר גיכער א נדבה אן ארימען קאליקע, איידער אן ארימען תלמיד־חכם?

— גאָר פּשוט, — ענטפערט ר׳ אייזל. — פאַר ווערן, חלילה, אַליין אַ קאַליקע איז דער גביר נישט באַוואָרנט; פאַר ווערן אַ תּלמיד־חכם איז ער באַוואָרנט...

❦

928

ר׳ הערש־לייב וואָלאָזשינער איז אַמאָל געקומען אין אַ שטאָט מאַכן געלט אויף דער ישיבה זיינער. איז אין שטאָט געווען אַ איד אַ גביר, נאָר אַ גרויסער קמצן. האָט ער זיך געוואָלט פּטור׳ן מיט אַ קלייניקייט, גאָר נישט לויט זיין ערך.

— הערט, — מאַכט צו אים ר׳ הערש־לייב. — אַ מענטש דאַרף נישט מאַכן אַ וועלט פאַר ליגנער.

— וואָס מיינט איר, רבי? — חידוש׳ט זיך דער גביר.

— כ׳וועל אייך זאָגן, — ענטפערט ר׳ הערש־לייב. — מיך רופט די וועלט: „הרב הגאון", בין איך מיך משתדל מיט אַלע כחות, ס׳זאָל כאָטש זיין אַ שטיקל אמת אין דעריין: כ׳פּסק׳ן שאלות, ענטפער תשובות, שרייב חיבורים, פיר אַ ישיבה — כ׳טו וואָס כ׳קען. אייך רופט די וועלט: „גביר", דאַרפט איר אויך זען, ס׳זאָל זיין אמת, זיך שטעלן פאַר לייטן ווי אַ גביר. אַנישט — מאַכט איר דאָך די וועלט פאַר ליגנער...

❦

929

ר׳ חיים בריסקער איז געווען אַ גרויסער בעל־צדקה, די האַנט איז געווען תמיד אָפן, קיינעם נישט אָפּגעזאָגט. האָט ער נישט געהאַט ביי זיך קיין געלט, האָט ער געבאָרגט, געליען גמילות־חסדים און געגעבן. אַזוי אַרום איז ער געוואָרן אַ גרויסער בעל־חוב.

— רבי, — האָט׳ן אים אַמאָל געפרעגט — וואו וועט איר נעמען צו באַצאָלן אייערע חובות?

— נישקשה, — מאַכט ר׳ חיים. — אין בריסק זיינען פאַראַן גענוג גבירים, וואָס זיינען ביכולת צו באַצאָלן דאָס וואָס איך גיב אויס אויף ז י י ע ר ע אָרימלייט...

❦

930

אין שאַוול איז געווען אַ איד, ר׳ מאָטל וויינשטיינקער. ר׳ מאָטל איז געווען אַ בעל־הבית, נישט קיין נגיד, געצויגן חיונה פון מאַכן צמוקים־וויין אויף קידוש און הבדלה, געווען אָבער אַ גרויסער בעל־צדקה און דער עיקר אַ גרויסער בעל גמילות־חסד. פון זיין חיונה האָט ער אָפּ־געשפּאָרט עטלאָכע רובל און איינגעפירט ביי זיך אַ גמילות־חסדים. פלעגט באָרגן געלט דעם אָרימען עולם אָן פּראָצענט, אויף משכנות. האָט אַ

קרעמער געדאַרפט שיקן נאָך סחורה אין מקום, פלעגט ער קומען צו ר׳ מאַטלען, געבן אַ משכון, אַ כלי פון שטוב, צי דעם ווינטערדיקן פעלץ און קריגן געבאָרגט וויפיל ער האָט געדאַרפט. האָט אַ אידענע געדאַרפט עטלאַכע רובל צום מאַרק, פלעגט זי ברייננען די שבת׳דיקע לייכטער צו ר׳ מאַטלען און קריגן אַ גמילות־חסד ביז פרייטאָג.

זונטאָג און פרייטאָג איז ביי ר׳ מאַטלען געווען פול די שטוב. פרייטאָג פלעגן די מאַרק־אידענעס אָפּברייננען זייערע גמילות־חסדים און ארויסנעמען די לייכטער אויף ליכט־בענטשן. זונטאָג פלעגן זיי ווידער ברייננען די לייכטער און נעמען אַ גמילות־חסד אויף דער נייער וואָך.

איינמאָל, אַ פרייטאָג, קומט אַן אָרימע אידענע צו ר׳ מאַטלען און קלאָגט זיך פאַר אים:

— נישט פאַר אייך געדאַכט, ר׳ מאַטל, אַ שלעכטע וואָך געהאַט, אַ גראָשן נישט פאַרדינט. די אַנדערע וואָך, אם ירצה השם, וועל איך אייך אָפּגעבן דעם גמילות־חסד בתשואות־חן. זייט־זשע מוחל און גיט מיר אַרויס די לייכטער אויף שבת.

רעדט ר׳ מאַטל נישט ס׳אַנדערע וואָרט און גיט אַרויס דער אידענע אירע לייכטער.

ס׳גייט אַוועק אַ וואָך, צוויי, דריי — די אידענע ווייזט זיך נישט, ברייננט נישט אָפּ, נישט דעם גמילות־חסד, נישט דעם משכון.

אין עטלאַכע וואָכן אַרום קומט די אידענע מיט די לייכטער און בעט אַ גמילות־חסד. נעמט ר׳ מאַטל די לייכטער און גייט געבן דער אידענע דאָס געלט.

— מאַטל, — ווינקט צו אים ס׳ווייב — דאָס איז דאָך די אייגענע, וואָס האָט נאָך דעם גמילות־חסד אירן נישט באַצאָלט.

— שאַ, — מאַכט ר׳ מאַטל — די אָרימע אידענע קען נאָך דער־הערן און, חלילה, מבויש ווערן...

אַן אורח צום טיש

931

ר׳ יצחק וואָרקער איז אַמאָל איינגעשטאַנען אויף אַן אכסניא. כדרך הטבע, האָט דער בעל־אכסניא אים באַזאָרגט מיט אַלעם נויטיקן, מיט עסן, טרינקען, אַ געלעגער — ווי אויף אַן אכסניא.

— אַ טייערער איד, דער בעל־אכסניא, — זאָגט ר׳ יצחק — איז מקיים די מצוה פון הכנסת־אורחים בשלמות.

— רבי, — חידוש׳ט זיך דער עולם — ער נעמט דאָך געלט פאַר דעם?

— ניין, — מאַכט ר׳ יצחק — געלט נעמט ער בלויז כדי ער זאָל ווייטער קענען מקיים זיין די מצוה...

ענִיוות און סבלנות

932

ר׳ אליה־חיים לאָדזשער האָט זיך נוהג געווען נישט אהיימגיין שבת פון שול, ביז ער האָט אכטונג געגעבן, אַז אַלע פרעמדע אורחים זאָלן זיין באַזאָרגט מיט שבת. יום־טוב — שמועסט׳ן נישט. ר׳ אליה־חיים אַליין פלעגט תמיד האָבן עטלאַכע אורחים צום טיש.

איינמאָל, פרייטאָגצונאַכטס נאָך מעריב, דער עולם איז שוין לאַנג אוועק אהיים, אין שול איז קיינער נישטאָ, ר׳ אליה־חיים מיטן שמש גייען שוין ארוים די לעצטע. ביי דער טיר זעט ר׳ אליה־חיים שטייען אורחים. הפנים מ׳האָט זיי פאַרזען און נישט באַזאָרגט מיט שבת. קלערט ר׳ אליה־חיים נישט און זאָגט צו די אורחים:

— קומט, ליבע אידן, מיט מיר.

געקומען אהיים, די בני־בית מיט די היימישע אורחים וואַרטן אָפּן רב און דאָ קומט דער רב מיט אַן עדה אידן. ווערט דער רבי׳צן איינג: וואו וועט זי נעמען אָנקאָרמענען אַזאַ עולם, קיין עין־הרע, אַז ס׳איז אצונד שבת און ערב־שבת האָט זי זיך אויף זיי נישט געריכט. און זי קען דעם רב אירן: אורחים דאַרפ׳ן געבן פון שענסטן און בעסטן.

— רבי, — פּרואווט זיך דער שמש — אפשר באַזאָרגן עטלאַכע אורחים...

— וואָס? — לאָזט אים דער רב נישט ריידן — אַז השם־יתברך האָט מיך מזכה געווען מיט אַזאַ מצוה, זאָל איך זי אַנדערע אוועק־געבן?

און זאָגט צו דער רבי׳צן:

— דו ווייסט דאָך, אַז ס׳בעסטע מאכל ביי מיר איז ברויט מיט האָניק מיט שוואַרצע קאַווע. גיב מיר לכבוד שבת דעם מאכל.

די אורחים, די היימישע און די פרעמדע, האָבן געגעסן פון כל־טוב: פיש, פלייש און אַלע גוטע מאכלים, און ר׳ אליה־חיים מיטן בני־בית האָבן געגעסן ברויט מיט האָניק מיט שוואַרצע קאַווע. ר׳ אליה־חיים האָט ביים טיש געזאָגט תורה, געשמועסט מיט די אורחים און גע־ווען מלאַ שמחה...

ענִיוות און סבלנות

933

בעת ר׳ שניאור־זלמן, דער „רב", איז געוואָרן מפורסם אויף דער וועלט, האָט דער עולם אָנגעהויבן גיין צו אים, מקבל השפעה זיין.

איינמאָל שטייט ר׳ שניאור־זלמן ביים פענסטער און קוקט אַרויס אין דרויסן. זעט ער, אַז עדה אידן גייט צו אים. ווערט ער אַ צעשראָ־קענער און הויבט אָן שרייען:

— וואָס ווילן זיי פון מיר? וואָס קומען זיי צו מיר? וואָס האָבן זיי דערזען אין מיר?

— זיי רוהיק, — זאָגט אים די רבי׳צן. — נישט צוליב דיר קומען זיי. זיי קומען, דו זאָלסט זיי דערציילן פון הייליקן מגיד.

— אַזוי? — מאַכט ר׳ שניאור־זלמן — זיי קומען, כ׳זאָל זיי דער־ציילן? דערציילן? דערצו בין איך מסכים...

934

ר׳ רפאל בערשאַדער איז אַמאָל געקומען קיין אומאַן. אין שטאָט איז געווען איינער חייקל הורוויץ, אַ איד אַ גביר און אַ קל. גערופן האָט׳ן אים: חייקל אפיקורס.

איז ר׳ רפאל מיט אַן עולם חסידים פאַרבייגעגאַנגען חייקלס שטוב, בעת ער מיטן גאַנצן בני־בית זיינען געזעסן אויפן גאַניק. אַז יענע האָבן דערזען ר׳ רפאל׳ן מיט די חסידים, האָבן זיי אָנגעהויבן אַפּלאַכן, חוזק מאַכן.

ר׳ רפאל האָט נישט מתרעם געווען און געזאָגט בנעימות:

— עס איז אפילו אַן אַ זייט, נאָר אַבי נישט קיין עצבות...

935

בעת ר׳ בער, דער מעזעריטשער מגיד, איז געוואָיר געוואָרן, אַז ער ווערט מפורסם אויף דער וועלט, איז ער געוואָרן ביי זיך זייער גע־פאַלן.

— רבונו־של־עולם, — האָט ער מתפלל געווען — לאָמיך וויסן, פאַר וואָסער חטא קומט מיר אַזאַ עונש...

936

אַ חסיד איז אַמאָל געקומען צו ר׳ חיים־מאיר־יחיאל, דעם מאָגל־ניצער „שרף“, און אים געבעטן אַן עצה קעגן גיאות.

— כ׳קען דיר — זאָגט ר׳ חיים־מאיר־יחיאל — גאָר קיין עצה נישט געבן. מחמת אַן עצה קען געבן בלויז דער, וואָס האָט אַ ידיעה אין ענין. און אין גיאות האָב איך קיין שום ידיעה נישט, כ׳הויב נישט אָן צו פאַרשטיין, ווי קען עס אַ מענטש האָבן גיאות...

937

א אידישער סאָלדאַט איז אַמאָל געקומען צו ר׳ נחומ׳קע האָראָדנער בעטן אַ נדבה. האָט אים ר׳ נחומ׳קע געגעבן צוויי גילדן און אים איבער־געבעטן, אַז מער האָט ער נישט קיין רשות אים צו געבן. איז דער סאָל־דאַט אַרויס פון דער העזה און אָנגעהויבן זידלען ר׳ נחומ׳קען מיט כּל־ערליי זלזולים, אים געמאַכט כּאחד הריקים. ר׳ נחומ׳קע האָט אים קיין וואָרט נישט געענטפערט, אים געגעבן אַ גרעסערע נדבה און יענער איז אוועק.

אין אָוונט איז איינער פון די בעלי־בתים אוועק צו ר׳ נחומ׳קען אַהיים, אים געוואָויר ווערן. מחמת ר׳ נחומ׳קע איז געווען אַ חלוש אַ גרויסער.

— רבי, — הויבט יענער אָן — זייט אייך נישט מצער...

— חלילה, — מאַכט ר׳ נחומ׳קע. — כ׳האָב איין מאָל אין מיין לעבן געהערט אַף מיר דעם אמת...

938

בעת ר׳ יאָשע־בער איז געווען אַ יונגערמאַן, האָט ר׳ שלמה קלוגער, דער בראָדער מגיד, געשמ׳ט פאַר אַ גאון עולם און אַ חכם עתיק. איז ביי ר׳ יאָשע־בערן געבליבן, פאָרן קיין בראָד, זיך זען מיט ר׳ שלמה׳ן און שמועסן מיט אים אין תורה. אָבער אַ נסיעה פון ליטע קיין בראָד האָט אפילו אין יענע יאָרן געקאָסט אַ היפּשע מטבע און ר׳ יאָשע־בער איז געווען אַן אָרימאַן, אַן אביון. ר׳ יאָשע־בער וויל אָבער פאָרט פאָרן קיין בראָד, גיט ער זיך אַן עצה. ער גייט אוועק צו אַ בעל־עגלה, וואָס פאָרט קיין גאַליציע און פאַרדינגט זיך פאַר אַ שמייסער.

נו, פאַרשטייט זיך ס׳אַרא שמייסער ר׳ יאָשע־בער איז געווען. די איי־דעלע פינגער האָבן זיך נישט געקלייעט, נישט צום וואָגן, נישט צו די פערד. האָט׳ן געדאַרפט שמירן די רעדער — האָט ער קיין כּח נישט געהאַט. האָט׳ן געדאַרפט געבן די פערד עסן, טרינקען — האָט ער נישט געוואוסט ווען און וויפיל. האָט ער גענומען די לייצעס אַף אַ ווייל — איז ער אַראָפּ פון וועג. האָט דער בעל־עגלה געמאַכט קולות, געשריען, געזידלט:

— אַ שמייסער ביזטו? אַ מלמד ביזטו! אַ בית־מדרש׳ניק! אַ בטלן!

איינמאָל איז דער בעל־עגלה אַריין אין אַזאַ כּעס, אַז ער האָט ר׳ יאָשע־בערן אָנגעשלאָגן. ר׳ יאָשע־בער האָט צוגענומען די קלעפּ און גע־שוויגן.

געקומען קיין בראָד, איז ר׳ יאָשע־בער אוועק צו ר׳ שלמה קלוגער. ר׳ שלמה האָט אים מקבל געווען בסבר פנים יפות, געגעבן שלום און

געבעטן זיצן. אז ר׳ שלמה האט אנגעהויבן שמועסן מיט אים אין תורה, איז ער נתפעל געוואָרן פון זיין גאונות און חריפות. און אז ער האט דערהערט ווער ער איז, ר׳ חיים וואָלאָזשינערס אן אייניקל, האט ער אים שוין נישט אָפּגעלאָזן.

שבת האט ער אים מכבד געווען האַלטן אַ דרשה אין שול. איז גע־קומען אַ גרויסער עולם הערן דעם אורח פון ליטע. דער בעל־עגלה איז נאָך געווען אין בראַד, איז ער אויך געקומען הערן. ווי ער איז אריין אין שול און געזען ווער ס׳שטייט אויף דער בימה — איז אים פינסטער געוואָרן אין די אויגן. דער שמייסער זיינער איז גאָר אַ גרויסער רב. און אים האט ער דאָס אזוי מבזה געווען און נאָך געשלאָגן.

נאָך דער דרשה איז ער, אַ געבויגענער אין דרייען, צוגעפאַלן צו ר׳ יאָשע־בערן מיט תחנונים:

— רבי, זייט מיר מוחל, כ׳האָב נישט געוואוסט...

— שוטה איינער, — לאָזט אים ר׳ יאָשע־בער נישט ריידן. — ווען דו וואָלסט מיך געשלאָגן למאי כ׳קען נישט לערנען, וואָלט אפשר געווען פון דיר אַן עולה. דו האסט׳אָך מיך געשלאָגן, למאי כ׳קען נישט זיין קיין שמייסער, ביזטו גערעכט, כ׳הויב טאַקע נישט אָן צו קענען...

ערלאַכקייט און תמימות

939

ר׳ שמשון, ר׳ משולם פרעשבורגערס פאַטער, האט געוואוינט אין בוטשאַטש. געווען איז ער אַן ערלאַכער איד, אַ תם וישר. לעבן אים האט געוואוינט אַ איד, אַ שיינקער. איז דער שיינקער נישט געווען שטאַרק נזהר אין שמירת־שבת, האט זיך מורה־היתר געווען צו נעמען געלט אום שבת, יענער זאָל אריינוואַרפן אין טישקעסטל. האט אים ר׳ שמשון אויסגערעדט איינמאָל, אַ צווייטן מאָל. דער שיינקער האט אָבער נישט געפאָלגט. איז ר׳ שמשון אוועק צום רב און מזמין געווען דעם שיינקער לד״ת.

אז דער שיינקער האט דערהערט, אז ר׳ שמשון רופט אים צו אַ דין־תורה, האט ער זיך גע׳חידוש׳ט: וואָס קען ר׳ שמשון ביי אים מאָנען, אז ער האט מיט אים קיינמאָל קיין מגע־ומשא נישט געהאַט אין געלט־זאכן?

געקומען צום רב, טענה׳ט ר׳ שמשון אזא טענה:

— היות מיר ווייסן, אַז וואו ס׳אי דאָ חילול־שבת, זיינען מצוי שריפות, פאַרלאַנג איך פון מיין שכן איינס פון די צוויי: ענטפּער ער זאָל מקבל זיין, נישט מער מחלל־שבת זיין; אָדער ער זאָל אָפּקויפן מיין שטוב, וואָס איז אין שכנות מיט זיינער...

940

בעת ר׳ עקיבא אייגער האָט חתונה געמאַכט דעם זון זיינעם, ר׳ וואָלף, זיינען אויף דער חתונה געווען געהויבענע מחותנים, רבנים, גאונים, גדולי־ישראל. דער חתן, וואָס איז געווען אַ גדול בתורה, האָט ביים טיש געזאָגט אַ דרשה מיט גרויס חריפות און בקיאות, וועדליק ר׳ עקיבא אייגערס אַ זון און וועדליק פאַר אַזאַ עולם.

נאָך דער דרשה פרעגט ר׳ עקיבא אייגער דעם אבי־הכלה:

— מחותן, לעב, ווי געפעלט אייך עפּעס דער חתן?

— דער חתן ווי דער חתן, — מאַכט יענער אויף קאַטאָוועס — נאָר דער מחותן געפעלט מיר לגמרי נישט.

— אַזוי? — ווערט ר׳ עקיבא אייגער אַ פאַרציטערטער. — זאָגט מיר, כ׳בעט אייך, וואָס ט׳איר געזען אויף מיר, וועל איך חוזר בתשובה זיין.

זעט דער אבי־הכלה, אַז ר׳ עקיבא אייגער האָט אָנגענומען זיין קאַטאָוועס פאַר אַן אמת און איז זיך שטאַרק מצער, זאָגט ער:

— ניין, רבי, כ׳האָב עס געלאַכט.

— ס׳הייסט, — כאַפּט זיך ר׳ עקיבא אייגער — ליצנות געטריבן? טאָר מען דאָך לעבן אייך נישט זיצן.

און ער הויבט זיך אויף און גייט אַוועק פון טיש.

941

ר׳ יעקב־מאיר מינסקער איז געווען אַ צדיק תמים, גע׳שמ׳ט אין גאַנץ ליטע מיט זיין צידקות און גוט־אידישקייט.

איינמאָל האָט ר׳ יעקב־מאיר באַדאַרפט ערגיץ פאָרן מיט דער באַן. האָט ער מיטגענומען מיט זיך זיינס אַן אייניקל, אַ אינגל פון אַ יאָר עלף. אָפּן וואָקזאָל גייט ער צו צו דער קאַסע קויפן צוויי בילעטן, פאַר זיך און פאַרן אייניקל. טוט דער קאַסיר אַ קוק אָפּן אינגל און גיט פאַר אים אַ פערטל בילעט. נעמט ר׳ יעקב־מאיר די צוויי בילעטן און חידוש׳ט זיך: עפּעס איז איין בילעט אַ קלענערער און קאָסט ווענלוועלער.

— זייט־זשע מוחל, — פרעגט ער אַ זייטיקן אידן — וואָס איז׳ס פאַר אַ מין בילעט?

— דאָס איז — דערקלערט אים יענער — אַ פּערטל בילעט. פאַר אַ קינד ביז צען יאָר צאָלט מען בלויז אַ פּערטל.

— זאָגט אים, — בעט ר׳ יעקב־מאיר — אַז מיין אייניקל איז שוין, קיין עין־הרע, אַ בחור׳ל פון עלף יאָר. זאָל ער געבן פאַר אים אַן אַנדער בילעט.

דער קאַסיר איז געווען שטאַרק פאַרנומען, מאַכט ער:

— אַ, זאָל שוין זיין.

— ניין, — לאָזט ר׳ יעקב־מאיר נישט אָפּ. — נישט אַנדערש נאָר אַן אַנדער בילעט. צי מחמת דעם וואָס ער פוילט זיך, זאָל איך באַגזל׳ענען מלוכה?...

942

ר׳ יעקב־מאיר מינסקער האָט געוואוינט אין שכנות ביי אַ גוי. דער גוי, דער בעל־הבית פון הויף, האָט זייער געהאַלטן פון אים, געוואוסט, אַז ער איז אַ גרויסער „ראַווין", אַ הייליקער מענטש.

איינמאָל האָט דער בעל־הבית געבראַכט ר׳ יעקב־מאיר׳ן אַ מתנה — אַ פונט טאַבאַק.

— וויפיל — פרעגט ר׳ יעקב־מאיר — קאָסט דער טאַבאַק?

— צען גילדן, — זאָגט דער בעל־הבית.

— אַ דאַנק, — זאָגט ר׳ יעקב־מאיר. — אַזאַ טייערער טאַבאַק איז צו־גוט פאַר מיין לולקע.

גייט דער בעל־הבית אַוועק, קויפט אַ וואָלוועלערן טאַבאַק און ברענגט ר׳ יעקב־מאיר׳ן אַ מתנה.

ר׳ יעקב־מאיר נעמט צו דעם טאַבאַק, באַקוקט ס׳פּעקל פון אַלע זייטן און גיט אָפּ צוריק.

— וואָסי? — פרעגט דער בעל־הבית — ד ע ר טאַבאַק איז אַ וואָלוועלער, קאָסט נישט מער ווי פינף גילדן אַ פונט.

— נישטאָ קיין באַנדעראָל, — זאָגט ר׳ יעקב־מאיר. — מ׳טאָר נישט, אַ דין פון מלוכה...

943

מיט יאָרן שפּעטער האָט דער בעל־הבית, דער גוי, פאַרקויפט דעם הויף זיינעם אַ אידן. האָט ער אים געגעבן אַ צעטל פון אַלע שכנים, וויפיל איטלאַכער קומט דירה־געלט. האָט דער נייער בעל־הבית אָנגעהויבן אויפמאָנען פון די שכנים וואָס זיי קומען. ר׳ יעקב־מאיר׳ן האָט ער נישט געמאָנט. ער איז אין צעטל נישט געווען.

איז ר׳ יעקב־מאיר אַליין געקומען צום בעל־הבית, אים אוועקגעלייגט עטלאַכע־און־דרייסיק רובל מיט קאָפּיקעס.

— אָט דאָס — מאַכט ער — קומט פון מיר.

ווײַל יענער נישט נעמען.

— רבי, — זאָגט ער — איר זיינט נישטאָ ביי מיר אין צעטל.

— ניין, — לאָזט ר׳ יעקב־מאיר נישט אָפּ. — ביי מיר אין ביכל איז פאַרשריבן...

944

ר׳ רפאל וואַלאָזשינער איז, כידוע, געווען אַ גרויסער שתקן.

פלעגט ער אַף זיך זאָגן:

— די וועלט מיינט, כ׳קען נישט ר י י ד ן; ניין, כ׳קען ש ו ו י י ג ן...

אָרים און רייך

945

אַ גביר, אַן אויפגעקומענער עושר, אַ נחות־דרגא, האָט זיך געוואָלט איינקויפן אין יחוס און זיך משדך זיין מיט ר׳ יאַנקעלע אורנשטיין, לעמבערגער רב. שיקט ער אַ שדכן. זאָגט ר׳ יאַנקעלע:

— זאָל דער גביר אַליין קומען.

איז דער גביר געקומען. שמועסט׳ן ביז מ׳קומט אַרויף אַפן שידוך.

— אַז איר וועט געבן — זאָגט אים ר׳ יאַנקעלע — הונדערט־טויזנט רייניש, וועלן מיר ווערן מחותנים.

— רבי, — חידוש׳ט זיך דער גביר. — אמת, איר פאַרמאָגט אַ סך תורה און שטאַמט פון גרויס יחוס און דערפאַר טאַקע וויל איך מיך מיט אייך משדך זיין. אָבער ווי קומט עס צו אייך, רבי, אַז אַזאַ עניו ווי איר זאָל האַלטן, אַז אייער תורה מיט אייער יחוס איז ווערט אַזאַ אוצר מיט געלט?

— חלילה! — מאַכט ר׳ יאַנקעלע — איך ווייס וואויל, אַז מיין תורה מיט מיין יחוס זיינען הבל־הבלים. כ׳ווייס אָבער, אַז אייער געלט איז אויך הבל־הבלים. וויל איך מיט אייך מאַכן אַ חילוף: איך גיב אייך מיין הבל־הבלים און איר גיט מיר אייער הבל־הבלים...

946

ר׳ זלמן פויזנער איז געווען אַ גדול בתורה און אַ גרויסער עושר. כל ימיו איז ער געווען אַ שאַרפער מתנגד פון חסידות, נישט געהאַלטן פון קיין גוטע־אידן און נישט גורם געווען זייער דרך.

האָט ר׳ שמחה־בונם, דער פּרשיסכער, אַף אים געזאָגט:

— ווען ר׳ זלמן וואָלט געהאַט שכל, וואָלט ער מיר געגעבן אַ רענדל, כ׳זאָל אים מאַכן פאַר אַן אָרימאַן...

947

צו ר׳ וועלוועלע, דעם ווילנער שטאָט־מגיד, זיינען אַמאָל אַריין עטלאָכע יונגעלייט, וואָס זיינען געווען סאָציאַליסטן בשתיקה, און אָנגעהויבן מיט אים איינ׳טענה׳ן:

— רבי, איר רעדט׳אַך תמיד פאַר אַ גרויסן עולם, פאַרוואָס זאָלט איר נישטריידן מכח היינטיקן סדר־עולם? פאַרוואָס זאָלט איר אונז נישט העלפן אויפקלערן אַלעמען, ווי נישט־יושר׳דיק די וועלט פירט זיך, אַז די גבירים האָבן אַלץ און די אָרימעלייט האָבן גאָרנישט.

— כ׳בין מוכן ומזומן — שמייכלט ר׳ וועלוועלע — אייך צו העלפן. פועל׳ט איר, אַז די גבירים זאָלן געבן, וועל איך פועל׳ן, אַז די אָרימעלייט זאָלן נעמען...

948

מ׳האָט אַמאָל געפרעגט ר׳ ברוך־מרדכי שעדליצער:

— רבי, פאַרוואָס זאָגט די וועלט: רייך ווי קרח? קרח איז דאָך איינגעזונקען געוואָרן מיטן געלט אינאיינעם, טאָ פונוואַנען ווייסט מען, אַז ער איז געווען אַזוי רייך?

— אָט דאָס איז טאַקע די מעשה, — ענטפערט ר׳ ברוך־מרדכי. — אַ אידן אַן עושר, שאַצט מען פאַרן לעבן, אַז ער פאַרמאָגט אלפים, מאות אלפים. ערשט נאָכן טויט דערוויסט מען זיך, אַז ער האָט נישט פאַרמאָגט אפילו קיין העלפט וויפיל מ׳האָט אים געשאַצט, אַז ער איז געשטאָרבן אַן אָרימאַן, אַן אביון. קרח איז אָבער איינגעזונקען געוואָרן מיטן געלט, איז ער געבליבן אַן עושר...

אַף שמחות

949

ר׳ מאָטעלע טשערנאָבעלער איז אַמאָל געווען אַף אַ חתונה מיט ר׳ שלום־שכנא פּראָבישטשער, דעם ריזשינערס פאָטער. פאַר דער חופּה, דער עולם מחותנים וואַרט מ׳זאָל שוין גיין צו דער חופּה, ר׳ מאָטעלע זיצט און הויבט זיך נישט פון אָרט. זאָגט׳ן אים:

— רבי, שוין צייט צו גיין צו דער חופּה.

— כ׳זע נאָך נישט — זאָגט ר׳ מאָטעלע — די אבות.

ס׳גייט אַוועק אַ שעה — ר׳ מאָטעלע רירט זיך נישט פון אָרט. די אבות זיינען נאָך אַלץ נישטאָ.

— היתכן, — פרעגט דער עולם חסידים ר׳ שלום־שכנא׳ן — אַז ר׳ מאָטעלע זעט, וואָס דער רבי זעט נישט?

— איך האַלט, — ענטפערט ר׳ שלום־שכנא — אַז אַ מענטש זאָל ליבערשט קוקן אין זיך און זען, וואָס ביי אים טוט זיך, איידער קוקן אין הימל און זען, וואָס דאָרטן טוט זיך...

950

ר׳ יעקב־הערש פּאַריסאָווער האָט אַמאָל געזאָגט:

— ווייסט איר, פאַרוואָס כלי־זמרים שפּילן אַף אַ חתונה?

— כדי מיר זאָלן נישט שטאַרבן פון שרעק...

951

ר׳ משה־יצחק, דער קעלמער מגיד, איז אַמאָל געווען אַף אַ חתונה. צום קבלת־פּנים זעט ער, אַז דער חתן איז אַ גרויסער עם־הארץ. צו דער חופּה זעט ער, אַז די כלה טראָגט אַ קלייד מיט קורצע אַרבל.

— אַ גלייכע פּאָר, — זאָגט ר׳ משה־יצחק. — דער חתן האָט נישט קיין תורה און די כלה האָט נישט קיין סחורה...

מאַן און ווייב

952

ר׳ משולם איגרא, פּרעשבורגער רב, איז אין ערשטן זיווג געווען שמואל ביק׳ס, דעם בראָדער גביר׳ס, אַן איידים. ר׳ משולם איז שוין דעמאָלט געווען אַ גרויסער צדיק, אַ קדוש וטהור, אינגאַנצן אויסגעטאָן פון דער וועלט. האָט ס׳ווייב זיינס מיט אים נישט געוואָלט וואוינען. האָט אים שמואל אָפּגע׳גט.

— סטייטש, ר׳ שמואל, — האָט׳ן אים געפרעגט — ווי לאָזט איר אַרויס אַזאַן איידים, אַ תכשיט, אַ צדיק, אַ קדוש וטהור?

— כ׳וועל אייך זאָגן, — ענטפערט שמואל. — די גמרא יבמות איז אודאי הייליק, פונדעסטוועגן קען מען מיט דער גמרא יבמות נישט וואוינען...

953

בעת ר׳ משולם איגרא, פּרעשבורגער רב, איז געווען נאָך גאַר אַ יונגערמאַן, איז אין בראָד, וואו ער האָט געוואוינט, אַמאָל געווען אַ

גרויסע מחלוקת מכח א גט, וואס ר׳ משה מינץ האט מסדר געווען. איז געבליבן מ׳זאל אנפרעגן ביי ר׳ ישעיה פיק, ברעסלער רב, ער זאל מכריע זיין. האט איטלאכער פון די בראדער גדולים אנגעשריבן א תשובה מכח דעם ענין, ר׳ משולם האט אויך געשריבן — און מ׳האט אלע תשובות אוועקגעשיקט צו ר׳ ישעיה׳ן.

אז ר׳ ישעיה האט דורכגעלייענט ר׳ משולמ׳ס תשובה, איז ער נבהל ומשתומם געווארן: אזא חריפות, אזאן עמקות, גאונות ממש. וויל ער וויסן, ווער איז׳ס דער ר׳ משולם. גראד האט דעמאלט אין ברעסלע גע־ווײלט דער בראדער גביר, שמואל ביק, וואס איז אמאל געווען ר׳ משולמ׳ס שווער. שיקט ר׳ ישעיה דעם שמש זיינעם צו שמואל׳ן און בעט אים צו זיך. איז שמואל תיכף געקומען.

— קענט איר — פרעגט אים ר׳ ישעיה — ביי אייך, אין בראד, איינעם, ר׳ משולם איגרא?

— יא, — ענטפערט שמואל. — ר׳איז א יונגערמאן א תלמיד־חכם.

— נאך א יונגערמאן? — חידוש׳ט זיך ר׳ ישעיה.

— וואס חידוש׳ט אייך אזוי, רבי? — פרעגט שמואל.

— דער ר׳ משולם — זאגט ר׳ ישעיה — איז א גאון עולם, א גדול הדור.

ווי שמואל האט׳ס דערהערט, האט ער אוועקגע׳חלש׳ט.

אז מ׳האט אים דערמינטערט, פרעגט אים ר׳ ישעיה, למאי ער האט גע׳חלש׳ט.

— אט דער יונגערמאן — קרעכצט שמואל — איז אמאל געווען מיינער אן איידים און כ׳האב אים אפגע׳גט.

— אויב אזוי, — מאכט ר׳ ישעיה — אז איר האט געקענט אוועק־לאזן אזא תכשיט, מעגט איר ווייטער חלש׳ן...

*

954

ר׳ מרדכי בענעט האט געהאט א טאכטער, וואס איז געווען שווער צו א שידוך. זי איז שוין געווען אן עלטער מיידל און קיין רעכטער שידוך האט זיך אלץ נישט געמאכט.

איינמאל קומט א שדכן צו ר׳ מרדכי׳ן מיט א שידוך פאר דער טאכטער זיינער. פארלויבט דער שדכן דעם חתן, אז ער איז א בחור א יקר, א מושלם בכל המעלות און הויבט אן אויסרעכנען: א למדן מופלג, א חריף, א בקי, א דרשן נפלא, א כתבא רבא, א מנגן, אן אומן־יד — בקיצור, אן אתרוג׳ל.

הערט ר׳ מרדכי אוים די אַלע מעלות און חידוש׳ט זיך: אַזאַ מושלם פאַר זיין טאָכטער?

— זאָגט — בעט ער זיך ביים שדכן — כאָטש איין חסרון.

— כ׳ווייס — קווייטשט זיך דער שדכן — ער האָט יאָ עפּעס אַ שטיקל חסרון, נאָר ס׳איז גאָרנישט.

— וואָס, אַ שטייגער? — פרעגט ר׳ מרדכי.

— כ׳זאָג דאָך אייך, רבי, — ענטפערט דער שדכן — ס׳איז גאָר־נישט. נישט כדאי אפילו איבערצורייד.

— אָבער פאָרט — וויל ר׳ מרדכי וויסן.

— יאָ, — מאַכט דער שדכן. — אַז מ׳וויל זאָגן, איז דער חתן אַ שטיקל שוטה. אָבער אַחוץ דעם — איז גאָלע מעלות.

רעדט ר׳ מרדכי גאָרנישט, נעמט אַ בויגן פּאַפּיר מיט אַ בלייער און מאַכט אַן עיגול. אַרום עיגול שרייבט ער אויף אַלע מעלות און אין מיטן — ס׳איין וואָרט: שוטה.

— נאָט, זעט, — זאָגט ער צום שדכן — אַ למדן — און ציט אַ ליניע ביזן מיטן — אַ שוטה; אַ חריף — און ציט ווייטער אַ ליניע — אַ שוטה; אַ בקי, אַ שוטה; אַ דרשן, אַ שוטה; אַ כתבא רבא, אַ שוטה; אַ מנגן, אַ שוטה; אַן אומן־ידה, אַ שוטה...

955

ר׳ יעקב־יצחק, דער „איד הקדוש", האָט געהאַט אַ רבי׳צן אַ שלעכטס, אַן ארורה. זי פלעגט אים זידלען, שילטן און פאַרביטערן ס׳לעבן. ר׳ יעקב־יצחק האָט זי תמיד פאַרשוויגן, קיינמאָל נישט געענטפערט מיט קיין איין וואָרט.

איינמאָל איז די רבי׳צן אַף אים שטאַרק אָנגעפאַלן, אים געזידלט מיט כל־ערליי זלזולים, אים מבזה געווען און געמאַכט כאחד הריקים. ר׳ יעקב־יצחק איז אַרוים פון זיין גדר און איר געענטפערט עטלאַכע ווערטער.

האָט׳ס דעם תלמיד זיינעם, ר׳ שמחה־בונים, זייער פאַר׳חידוש׳ט.

— רבי, — פרעגט ער ר׳ יעקב־יצחק׳ן — מה יום מיומים? וואָס איז עפּעס היינט אַנדערש?

— כ׳וועל דיר זאָגן, — ענטפערט אים ר׳ יעקב־יצחק. — כ׳האָב געזען, אַז ס׳לעבן עקט זיך איר, וואָס זי שרייט, מאַכט קולות און מיך טשעפּעט עם נישט. האָב איך געטאָן מיט איר אַ חסד און געענטפערט עטלאַכע ווערטער. זאָל זי מיינען, אַז כ׳בין מיך מצער, און שטילן ס׳האַרץ אירס...

956

ר׳ טבלי, ר׳ הירש בערלינערס זון, איידער ער איז געוואָרן רב, איז ער געווען אַ סוחר. פלעגט פאָרן קיין לייפּסק און קויפן סחורה אויף שווערע אַלפים. כדרך הסוחרים, פלעגט ער נעמען סחורה אויף באָרג, קומען אַ צווייטן מאָל, באַצאָלן פאַר די פריערדיקע און ווייטער נעמען אויף באָרג. אַזוי האָט ער זיך נוהג געווען כמה יאָרן.

מיט אים קיין לייפּסק פלעגט פאָרן איינער אַ סוחר, מנלי. דער מנלי איז געווען אַ איד אַן עושר, אַ גרויסער סוחר, אַ ירא־שמים, אַ בעל־צדקה, נאָר אַן עם־הארץ און אַ נחות־דרגא, געשטאַמט פון פּראָסטן יחוס. אַ טאָכטער האָט ער געהאַט אַ בת־יחידה. האָט ער געוואָלט זיך משדך זיין מיט ר׳ טבלי׳ן, נעמען דעם זון זיינעם, ר׳ לייבלען, פאַר אַן איידים. האָט ער דאָך אָבער געוואוסט, אַז אַזאַ שידוך איז נישט פאַר אים. מחמת, ווי קומט ער, אַן עם־הארץ און אַ נחות־דרגא, צו ר׳ טבלי׳ן, וואָס אַ חוץ יחוס עצמו, אַליין דער גרויסער למדן, איז ער נאָך בערלינער רב׳ס אַ זון? איז מנלי איינגעפאַלן אויף אַן המצאה.

איינמאָל בעת ער איז געקומען מיט ר׳ טבלי׳ן קיין לייפּסק, איז ער אַוועק צו די לייפּסקער סוחרים, מיט וועמען ר׳ טבלי האָט געהאַנדלט, און זיי פאַרטרויט כלומר׳שט אַ סוד:

— איר זאָלט וויסן זיין, — זאָגט ער — אַז ר׳ טבלי האַלט זייער שמאָל. כ׳בין חס אויף אייער געלט...

ר׳ טבלי קומט צו אַ סוחר, רעכנט זיך אָפּ, באַצאָלט וואָס קומט פון פריער, דערלאַנגט אַ רשימה און הייסט זיך געבן נייע סחורה — ווי תמיד. זאָגט דער סוחר, אַז ער קען ווייטער אויף באָרג נישט געבן. אַזוי אַ צווייטער, אַ דריטער. בקיצור, אַלע סוחרים, מיט וועמען ר׳ טבלי האָנדלט פון יאָרן, גיבן אים מער קיין סחורה נישט.

גייט ר׳ טבלי אַרום פאַראומערט און פאַר׳חושכ׳ט. ס׳קומט אים אויס פאָרן אַהיים מיט ליידיקע הענט און בלייבן אָן פּרנסה.

טרעפט אים אָן מנלי:

— וואָסי מיט אייך, ר׳ טבלי? וואָס זיינט איר אַזוי פאַראומערט?

דערציילט אים ר׳ טבלי די מעשה.

— אַזאַ רשעות, — מאַכט זיך מנלי כלא ידע — אָפּגעהאַנדלט מיט אייך אַזויפיל יאָרן און צום סוף אייך אַזוי באַ׳עולה׳ן. מ׳קען אָבער — קרעכצט ער — מיט זיי גאָרנישט מאַכן. איר וועט מוזן קויפן סחורה פאַר מזומן.

— וואָס רעדט איר? — מאַכט ר׳ טבלי — וואו וועל איך קריגן געלט אין אַ פרעמדע שטאָט?

— נישט געדאגה׳ט, — שמייכלט מנלי. — איך וועל אייך געבן געלט וויפיל איר ווילט.

ווערט ר׳ טבלי׳ן ליכטיק אין די אויגן.

— נייערט — רעדט ווייטער מנלי — מיט איין תנאי.

— דהיינו? — פרעגט ר׳ טבלי.

— איר זאָלט זיין — זאָגט מנלי — מיין מחותן.

בלייבט ר׳ טבלי זיצן א געפּלעפּטער. ער מנלי׳ס א מחותן?

— לאָזט מיך — בעט ער זיך אָפּ — זיך מיישב זיין.

אוועק עטלאָכע טעג. ר׳ טבלי גייט אַרום, קלערט אַהין, קלערט אַהער — ער קען זיך קיין עצה נישט געבן. און דאָ דאַרפ׳ן שוין באַלד פאָרן אַהיים און קיין סחורה קריגט ער נישט און קיין געלט האָט ער נישט. איז ער אוועק צו מנלי׳ן און געזאָגט, אַז ער איז מסכים צום תנאי. האָט׳ן געמאַכט אַ קבלת־קנין, ר׳ טבלי האָט געקראָגן געלט, איינגעקויפט סחורה אויף מזומן און ביידע סוחרים, מחותנים, זיינען געפאָרן אַהיים.

אויפן וועג האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אין בערלין און פאַרפאָרן צו ר׳ הירש׳ן. ר׳ הירש האָט זיך דערפרייט מיטן זון זיינעם און אַז ער האָט דערהערט, ווער דער אַנדערער סוחר איז, האָט ער זיי אָפּגעגעבן: מזל־טוב! און זיי פאַרהאַלטן אויף שבת.

שבת צום טיש, ר׳ הירש זאָגט תורה, ר׳ טבלי רופט זיך אָפּ, מ׳איז זיך מפלפל — ווי לומדים. מנלי זיצט און שווייגט. פאַרשטייט ר׳ הירש, אַז דער מחותן איז, נעבאַך, אַן עם־הארץ.

רופט ער אַריין דעם זון אין אַ חדר מיוחד און האַלט אים פאָר:

— סטייטש, טבלי, דו זאָלסט נישט נעמען פאַר לייבלען אַ בת תלמיד־חכם?

דערציילט אים ר׳ טבלי אין וואָס פאַר אַ מצב ער איז געווען אין לייפּסק און אַז ער האָט קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט. שווייגט ר׳ הירש.

מוצאי־שבת, נאָך הבדלה, רופט אַריין ר׳ הירש צו זיך דעם זון מיטן מחותן, לייגט אוועק פאַר מנלי׳ן ס׳גאַנצע געלט, וואָס ער האָט געגעבן ר׳ טבלי׳ן, אַחוץ דעם, חצי נדן קנס — און דער שידוך איז בטל.

ווי מנלי האָט׳ס דערהערט, האָט ער אוועקגעחלש׳ט.

— נו, — מאַכט ר׳ הירש — אַז די תורה איז ביי אים אַזוי טייער, אַז ער איז זיך מוסר־נפש אויפן שידוך, איז ער ווערט צו זיין מיין מחותן.

און אַזוי איז דער שידוך געוואָרן.

אַ ווײַלע שפּעטער זאָגט ר׳ הירש מיט אַ שמייכל צו ר׳ טבלי׳ן:

— מילא, דו האסט געטאן דעם שידוך — האסטו געדארפט געלט. מיר איז אבער א קשיא אפן מלאך אין הימל: ער דארף דאך קיין געלט נ י ש ט — ווי פאלט ער אוים מזווג זיין אזא זיווג?...

957

ר׳ וועלוועלע, דער ווילנער שטאט־מגיד, האט געגומען ר׳ אליה דרעטשינער, דעם „עין אליהו״, פאר אן איידים. צו די תנאים האט ר׳ וועלוועלע צוגעזאגט דריי־הונדערט רובל נדן.

נאך דער חתונה, דערמאנט ר׳ אליה דעם שווער, אף אן איידעלן אופן, פארשטייט זיך, מכח׳ן נדן, וואס ער האט אים צוגעזאגט.

— אזוי? — מאכט ר׳ וועלוועלע — ווילסט טאקע דעם נדן? האסטו דאך מיך אינגאנצן אפגענארט!

קוקט אים ר׳ אליה אן:

— וואס מיינט איר, שווער? אז כ׳וויל דעם נדן, האב איך אייך אפגענארט?

— פארשטייסטו מיך, — שמייכלט ר׳ וועלוועלע. — ווייסט׳אד, איך בין א מגיד. דער דרך פון א מגיד איז, בא׳טעמ׳ען זיינע רייד מיט א זיסן משל, דערציילן א מעשה פלא, א טשיקאוועס — צוציהען דעם עולם. א קלוגער פארשטייט, אז די משלים מיט די מעשות, וואס דער מגיד דערציילט, זיינען במציאות קיינמאל נישט געווען, לא היו דברים מעולם, זיינען פשוט אויסגעטראכטע. א שוטה מיינט, אז וואס דער מגיד זאגט, איז דברים כהויתם, איז במציאות טאקע אזוי.

— בעת — פירט אוים ר׳ וועלוועלע — כ׳האב דיר צוגעזאגט דריי־הונדערט רובל נדן, האב איך מיך פארלאזן אף דיר, אז דו האסט שכל און וועסט פארשטיין, אז דאס איז מגיד׳ישע זאגאכץ. מחמת ווי קומט צו מיר במציאות דריי־הונדערט רובל? אז דו מאנסט מיר אבער דעם נדן, ביזטו דאך פון יענע, וואס מיינען, אז וואס דער מגיד זאגט, איז דברים כהויתם — האסטו דאך מיך אינגאנצן אפגענארט!...

958

ר׳ אייזל חריף איז אמאל געקומען קיין ווילנע דרוקן זיינעם א חיבור. איז ער אוועק צו שמואל־יוסף פין, וואס האט געהאט אן אייגענעם דרוק, וואו ער האט געדרוקט דעם „הכרמל״ און מושווה געווארן מיט אים כך וכך פארן דרוקן. פין איז געווען א מוקיר רבנן, אגב איז דרוקן א ספר פון אזא גאון ווי ר׳ אייזל א פרסום פארן דרוק — האט ער ר׳ אייזלען נערעכנט א וואלוועלן מקח.

איז דערפון געוואָויר געוואָרן פינס ווייב, אַן אשת־חיל, וואָס האָט געפירט דעם דרוק, מחמת פין אַליין איז תמיד געווען פאַרנומען מיט זיינע ספרים און מיט קהל׳שע ענינים. לויפט זי אַריין אין חדר, וואו ר׳ אייזל מיט פינען זיינען געזעסן און הויבט אָן מאַכן קולות אַפן מאַן, למאי ער מישט זיך אין זאַכן, וואָס ער ווייסט נישט; זי האָט די דעה און זי וועט נישט דרוקן דעם ספר פאַר אַזאַ מקח.

גיט ר׳ אייזל אַף איר אַ קוק און מאַכט צו פינען:

— הערט, ר׳ שמואל־יאָסל. אַ כלל איז, אַז אַ ווייב איז, וואָס דער מאַן איז. איז דער מאַן אַ רב — איז ס׳ווייב אַ רבי׳צן. איז דער מאַן אַ שוחט — איז ס׳ווייב אַ שוחט׳קע. אַז איר זיינט אַ „כרמל״, דאַרף אייער ווייב זיין אַ „כרמלית״ — צום סוף איז זי גאָר אַ „רשות־הרבים״...

959

ר׳ משה ווילקאָמירער, ר׳ אייזל חריפ׳ס זון, פלעגט זאָגן:

אַמאָליקע יאָרן, אַז אַ איד האָט געהאַט אַ טאָכטער אויסצוגעבן, האָט ער געזוכט אַן איידים, אַ בן־תורה, אַ ירא־שמים. היינטיקע צייטן, אַז איינער דאַרף טאָן אַ שידוך מיט אַ טאָכטער, זוכט ער אַן איידים, אַ ב ר ו י ט ג ע ב ע ר. נעמט ער אַן איידים, וואָס גיט דער טאָכטער ברויט אפילו אום פסח...

960

אַ איד, אַ סוחר, איז, לא עלינו, געררירט געוואָרן פון זינען. אַזוי איז ער געווען כאחד האדם, גערעדט ווי אַ בר־דעת, נאָר ער האָט געהאַט זיינע איינריידעניש, ווי די טבע פון אַ גערירטן. ס׳ווייב זיינס האָט געזען, אַז דער מאַן אירער איז נישט ביים זינען, האָט זי ביסלאַכווייז אַריינגענומען די עסקים אין אירע הענט, ביז זי איז געוואָרן די גאַנצע משא־ומתנ׳יצע, גענומען געלט, געגעבן געלט און אַליין געפירט דעם מאַנס עסקים.

אוועק אַ צייט און דעם סוחר איז אַלץ נישט בעסער געוואָרן. האָט ס׳ווייב אָנגעהויבן איינ׳טענה׳ן מיט אים אַף כל־ערליי אופנים, ער זאָל זיך לאָזן פירן צו ר׳ דוד׳ל טאַלנער. ער האָט אָבער נישט געוואָלט הערן און זען. ער איז געזונט און דאַרף נישט קיין רביים. ס׳ווייב האָט אים אָבער נישט אָפגעלאָזן, געהאַלטן אין איין ריידן, אַז ער מוז פאָרן צו ר׳ דוד׳ל טאַלנער.

איינמאָל זאָגט ער צום ווייב:

— דו ווייסט, אז דו ביזט משוגע. דו האָסט זיך אריינגענומען א משוגעת אין קאָפּ, אז איך בין משוגע, בעת איך בין קלאָר ווי אַלע קלאָרע.

— ווייסטו וואָס? — זאָגט אים ס׳ווייב — פיר מיך צו ר׳ דוד׳לען.

לייגט זיך אים דער ענין אַפן שכל און ער איז מסכים.

פאָרן זיי ביידע אוועק צו ר׳ דוד׳לען.

געקומען קיין טאַלנע, פאַרפאָרן זיי אין אַן אכסניא, הייסן שטעלן דעם סאַמאָוואַר, ווי סוחר׳ישע מענטשן. אָפּגעטרונקען טיי, זאָגט דער סוחר צום ווייב:

— כ׳וועל זיך אַרויסכאַפּן אויף א ווײַלע אין גאַס, כ׳קום שוין צוריק.

לאָזט זי אים גיין.

גייט ער אוועק אין טאַלנער הויף און קומט תיכף אַן צו ר׳ דוד׳לען.

— רבי, — זאָגט ער — כ׳בין דאָ געקומען צו אייך מיט׳ן ווייב מיינעם. זי איז, לא עלינו, געריר׳ט. אזוי רעדט זי ווי א בר־דעת, נאָר זי האָט זיך אַריינגענומען א משוגעת אין קאָפּ, אז איך בין משוגע. כ׳וועל דאָ באַלד זיין מיט איר, וויל איך דער רבי, זאָל געזונט זיין, זאָל קודם וויסן וואָס איר מחלה איז.

און ער לויפט אוועק צוריק אויף דער אכסניא.

א ווײַלע שפּעטער קומען ביידע, דער מאַן מיט׳ן ווייב, צו ר׳ דוד׳לען.

— רבי, הייליקער, — וויינט זיך ס׳ווייב פאַנאַנדער — אַן אומגליק האָט אונז געטראָפן, מיין מאַן איז גערירט געוואָרן.

דער מאַן שטייט אַן א זייט, ווינקט צו ר׳ דוד׳לען און ווייזט מיט׳ן פינגער אפן שטערן.

ר׳ דוד׳ל קוקט פון מאַן אפן ווייב, פון ווייב אפן מאַן און ווייסט נישט ווער איז דאָ דער משוגע׳נער און ווער דער קלאָרער.

— גיב מיר — זאָגט ער צום מאַן — ח״י קערבלאַך א פדיון.

— גיב אהער ס׳געלט — בעט דער מאַן ביים ווייב.

— נו, — מאַכט ר׳ דוד׳ל — אַז זי האָט די קאַסע, ביזטו משוגע...

❦

961

סאָניע, ר׳ יהושע־לייב׳ס ווייב, די בריסקער רבי׳צן, איז געווען א למדנית און א חכמת — אַן אשת־חיל.

איינמאָל פרעגט זי ר׳ יהושע־לייבן:

— זאָג מיר, פאַרוואָס האָט מען מתקן געווען די ברכה „שלא עשני אשה״? איז דער וואַסערטרעגער, וואָס איז א בור דאורייתא, קען קיין שייטל עברי נישט, חשוב׳ער פאַר מיר, נאָר דערפאַר וואָס ער איז א מאַנזביל?

— פאַרשטייסטו מיך, — ענטפערט ר׳ יהושע־לייב. — איטלאַכער מאַנזביל מאַכט די ברכה אַף ז י י ן אשה. דער רב — וואָס ער איז נישט ווי זיין רבי׳צן; דער וואַסערטרעגער — וואָס ער איז נישט ווי זיין וואַסערטרעגערקע...

962

חיים־זעליק סלאָנימסקי איז אין דער יוגנט, איידער ער איז געוואָרן מפורסם, געווען אַן אָרימאַן, אַן אביון און געלעבט אין גרויס דחקות.

איינמאָל איז ער געזעסן פאַרטיפט, אויסצוגעפינען אַ נייעם שטערן, וואָס די חכמי־התכונה האָבן געזוכט. איז ס׳ווייב צוגעגאַנגען צו אים און געבעטן עפּעס געלט אַף דער הוצאה.

— דו ווייסט׳אַך — זאָגט ער — אַז כ׳האָב נישט.

— חיים־זעליק, — הויבט אָן ס׳ווייב מיט אים איינצוטענה׳ן — וואָס וועט זיין דער תכלית? ווי לאַנג וועלן מיר זיך אַזוי פּלאָגן, לעבן אין נויט און אין דחקות?

— האָב געדולד, — זאָגט סלאָנימסקי. — לאָמיך נאָר אָקאָרשט גע־פינען דעם שטערן, וועט אונז שוין קיין פּרנסה נישט פעלן.

— יאָ, — מאַכט ס׳ווייב — דו וועסט גיכער געפינען צען שטערן אַפן הימל, איידער איין רובל אַף דר׳ערד...

963

דער גרויסער אידישער פילוסוף משה מענדלסאָן איז, בידוע, געווען אַ בעל־מום, געהאַט אַ הויקער, וואָס האָט אים געמאַכט זייער מיאוס. ס׳ווייב זיינס איז געווען אַ גרויסע יפת־תואר און אַ גביר־אדיר׳ס אַ טאָכטער.

ווי אַזוי מענדלסאָן איז צוגעקומען צו אַזאַ שידוך, איז די מעשה אַזוי געווען:

מענדלסאָן איז אין דער יוגנט געווען אַ לערער ביים בערלינער גביר גוגנהיים. איז אים געפעלן געוואָרן גוגנהיימ׳ס שיינע, געראָטענע טאָכ־טער. זי האָט אָבער אַף אים נישט געוואָלט קוקן, מחמת זיין הויקער.

איינמאָל, בעת זיי זיינען ביידע געבליבן אַליין, געזעסן און גע־שמועסט, מאַכט צו איר מענדלסאָן:

— גלויבט איר, פריילן, אין זיווג מן השמים, אַז אַ מענטשנס זיווג איז באַשערט פון הימל?

— יאָ, — ענטפערט זי — כ׳גלויב.

— וועל איך אייך — זאָגט מענדלסאָן — דערציילן אַ מעשה:

פערציק טעג איידער ס'קינד ווערט געבוירן, — זאָגן אונזערע חכמים — רופט'ן אויס אין הימל: „בת פלוני לפלוני", יענעם און יענעמס טאָכטער איז יענעם און יענעמס באַשערטע. אַז כ'האָב געהערט ווי דער מלאך האָט אויסגערופן: בת גוגנהיים למשה מענדלסאָן, בין איך גע־ווען טשיקאַווע און פרעג דעם מלאך:

— ווי ווערט מיין באַשערטע אויסזען? וועט זי זיין אַ יפת־תואר?

— ניין, — זאָגט דער מלאך. — אַ פּאַרזעעניש, אַ בעל־מום, מיט אַ הויקער.

האָט מיין באַשערטערס צער מיך פאַרנומען ביים האַרצן און כ'זאָג צום מלאך:

— גיי צום באַשעפער און זאָג אים, אַז איך וויל ליבערשט נעמען דעם הויקער אויף מיינע פּלייצעס און זאָל מיין באַשערטע זיין שיין און אָן אַ מום...

דאָס האָט גענומען דעם גביר'ס טאָכטער און זי האָט זיך פאַר־קנס'ט מיט מענדלסאָנען.

קליין און גרויס

964

ר' ר' העשעלע האָט אינגלווייז אַרויסגעוויזן גרויס פקחות.

איינמאָל, ביים טיש, זעט העשעלע, אַז מ'דערלאַנגט מיטן פלייש אַ פעטן מאַרכביין.

— מיר דעם ביין! — שרייט העשעלע.

— מיר דעם ביין! — שרייט ס'שוועסטערל זיינס, שרה'לע.

— רוהיק, קינדער, — זאָגט דער טאַטע. — לאָמיך הערן וועמען קומט דער ביין.

— מיר קומט דער ביין, — זאָגט שרה'לע. — ס'שטייט בפירוש: „ולשרה בן" (ביין).

— גערעכט, — זאָגט דער טאַטע און גיט איר דעם ביין.

רעדט העשעלע קיין וואָרט נישט, גיט דער שוועסטער אַ פּאַטש און רייסט אַרויס פון איר דעם ביין.

הויבט זי דאָך אָן וויינען.

— אָט דאָס — זאָגט העשעלע — קומט דיר.

— העשל! — בייזערט זיך דער טאַטע — וואָס איז דאָס?

— זי האָט נישט ריכטיק געזאָגט, — מאַכט העשעלע. — ס'שטייט נישט „ולשרה בן", נאָר: ולשרה בן (ווייַן)...

965

איינמאָל, ערב־שבת, זאָגט דער טאַטע צו העשעלען:

— העשעלע, גיי ברענג ווייַן אויף קידוש.

נעמט העשעלע ס'קידוש־פלעשל, שטייט און וואַרט.

— וואָס וואַרטסטו? — פרעגט אים דער טאַטע.

— אויף געלט, — זאָגט העשעלע.

— אַזוי? — מאַכט דער טאַטע — אַ קונץ איז צו ברענגען ווייַן פאַר געלט, זיי אַ בריה און ברענג ווייַן אָן געלט.

גייט העשעלע אַוועק, זאַמט זיך אַ ווײַלע, קומט צוריק מיטן ליידיקן פלעשל און זאָגט צום טאַטן:

— דאָ האָסטו אויף קידוש.

— העשעלע, — זאָגט דער טאַטע — ס'פלעשל איז דאָך ליידיק.

— אַזוי? — מאַכט העשעלע — אַ קונץ איז צו מאַכן קידוש מיט ווייַן, זיי אַ בריה און מאַך קידוש אָן ווייַן...

966

ר' נפתלי ראָפּשיצער איז אַמאָל געקומען קיין זאַכאָוו, אַ ישוב לעבן מעליץ. אויפן ישוב האָבן דאָרט געוואוינט צען אידן. האָבן זיי געהאַט אַ שול און אַ בית־עולם.

ר' נפתלי איז אַרום אין גאַס, טרעפט ער אָן אַ קליין אידיש מיידל.

— זאָג־זשע מיר, מיין קינד, — פרעגט איר ר' נפתלי — צו וואָס דאַרפט איר אי אַ שול, אי אַ בית־עולם. ממה נפשך, וועלן אַלע לעבן און ס'וועט זיין אַ מנין צום דאַווענען, דאַרף מען דאָך קיין בית־עולם נישט. וועט, חלילה, איינער שטאַרבן, וועט דאָך קיין מנין נישט זיין, דאַרף מען קיין שול נישט.

— דעם בית־עולם — ענטפערט ס'מיידעלע — האַלטן מיר פאַר פרעמדע...

967

ר' אליה־חיים לאָדזשער האָט נאָך קינדווייז אַרויסגעוויזן גרויס חכמה. די פריצים, וואָס פלעגן קומען צו זיין טאַטן, ר' משה'ן, האָבן האַלט געהאַט צו שמועסן מיטן קליינעם אליה־חיים'קען און אנקוועלן פון זיין חכמה.

בעת ער איז געווען א קינד פון א יאר פינף, פרעגט אים אמאל א פריץ:

— זאג־זשע מיר, וואו ווילסטו זיין: אין גיהנם, צי אין גן־עדן?

— ווער — פרעגט ס׳אינגל — איז אין גיהנם און ווער איז אין גן־עדן?

— אין גן־עדן — שמייכלט דער פריץ — זיצן נאר פריצים, אין גיהנם זיינען אלע אידן.

— אויב אזוי, — מאכט דער קליינער אליה־חיימ׳קע — וויל איך בעסער זיין אין גיהנם מיט אידן, איידער מיט פריצים אין גן־עדן...

דער ליבער שבת־קודש

968

פארן גאון האט אמאל די אידישע קהלה אין ווילנע געהאט אף זיך א שווערן משפט פון מלוכה. האט קהל אויסגעריכט א נכבד פון שטאט, ער זאל פארן קייןווארשע זיך משתדל זיין.

אז דער נכבד איז צוריקגעקומען, איז ער אריין צום גאון און אים דערציילט, אז ער האט, ב״ה, מצליח געווען און גע׳פועל׳ט, אז דער משפט זאל בטל ווערן. און ער בלייבט א ווײַלע זיצן זייער פאר׳דאגה׳ט.

— וואס — פרעגט אים דער גאון — זיינט איר אזוי פאר׳דאגה׳ט?

— רבי, — קרעכצט דער נכבד — כ׳בין מיר פאר אייך מודה ומתודה, אז לטובת דעם ענין האב איך איין מאל געמוזט מחלל־שבת זיין.

— אף דעם דאגה׳ט איר? — זאגט דער גאון — אויב איר ווילט, גיב איך אייך אוועק מיינעם א שבת...

969

דער רבי ר׳ אלימלך פלעגט ערב־שבת ארומגיין און צוהאלטן די אויערן.

— כ׳הער שוין, — פלעגט ער זאגן — ווי דער שבת קומט אן...

970

ביים רבי׳ן ר׳ אלימלך איז ערב־שבת נאך האלבן טאג שוין געווען אינגאנצן שבת׳דיק. די קדושה פון שבת האט זיך געשפירט אין אלע ווינקעלאך.

די בני־בית מיט די משרתים האָבן אַלע אַרבעטן געמוזט אָפּטאָן ביז אַ האַלבן טאָג. טאָמער האָט איינער עפּעס געטאָן נאָך האַלבן טאָג, איז אים געפאַלן פון די הענט...

971

דער עולם מקורבים פלעגט זאָגן:

— ביים רבי'ן ר' אלימלך שפּירט'ן שוין מיטוואָך דעם טעם פון שבת...

972

ר' נטע אוורוטשער האָט זיך נוהג געווען, אַז שבת פלעגט ער אַ גאַנצן מעת־לעת נישט שלאָפן.

ער פלעגט אַזוי זאָגן:

— דער מלך נאַפּאָליאָן האָט קיינמאָל בייטאָג נישט געשלאָפן. מחמת, האָט ער געזאָגט, בעת ער שלאָפט איז ער דאָך קיין מלך נישט, איז אַ שאָד צו פאַרשלאָפן די מלוכה. ס'אייגענע איז דאָך אַ שאָד צו פאַר־שלאָפן דעם שבת...

973

מ'האָט אַמאָל דערציילט ר' עקיבא אייגערן אויף איינעם אַ אידן, אַז ער איז געפאָרן אום שבת מיט דער באַן.

— אַזוי? — מאַכט ר' עקיבא אייגער — לאַ די וואָס ער איז אַ מחלל־שבת, איז ער נאָך אַ גנב אויך.

— אַ גנב? — חידוש'ט זיך דער עולם — וועמען האָט ער דאָ באַ־גנב'עט?

— מלוכה, — שמייכלט ר' עקיבא אייגער. — ער האָט נישט גע־נומען קיין בילעט פאַר די צוויי מלאכים, וואָס באַלייטן אים...

974

ר' וועלוועלע, ווילנער שטאָט־מגיד, איז אַמאָל, שבת נאָכן עסן, געגאַנגען אין גאַס. זעט ער אַ חברה יונגעלייט זיצן און טרינקען זויער־מילך. אַז די חברה האָבן דערזען דעם שטאָט־מגיד, האָבן זיי זיך אַביסל פאַרשעמט.

— רבי, — רופט זיך אָפּ איינער — עס זאָל אייך נישט חידוש'ן, וואָס מיר טרינקען זויערמילך תיכף נאָכן טשאָלנט. דאָס טוען מיר פאַר אַ רפואה. אַ דאָקטער האָט געהייסן.

— יאָ, — מאַכט ר' וועלוועלע — דער אויבערשטער גיט תמיד די רפואה פאַר דער מכה. איצט, אַז איר האָט שוין די רפואה, פעלט אייך נאָר די מכה...

975

ר׳ זלמן פויזנער, ווארשעווער רב, האָט נישט געהאַלטן פון חסידישער איבערפרומקייט; נישט געקענט פאַרטראָגן די, וואָס מאַכן חסידישע העוויות און קנייטשן זיך פאַר לייטן.

בעת ער האָט געוואוינט אַפן ישוב, אַפן גוט זיינעם אין קוכאַר, האָט אַמאָל אַ חסיד ביי אים געהאַלטן שבת. פאַר שבת פרעגט דער חסיד ר׳ זלמנ׳ען מיט חסיד׳ישער פאַרפרומטקייט:

— וועט איר דאָ, אַפן ישוב, האָבן פיש אַף שבת?

— און אַז נישט קיין פיש? — מאַכט כלומר׳שט ר׳ זלמן.

— אַי, — קרעכצט דער חסיד — לויט ספרי־חסידים ליגט אַ גרויסער סוד אין עסן פיש אום שבת.

— האָט קיין יסורים נישט, — זאָגט אים ר׳ זלמן. — ס׳וועט, אי״ה, זיין פיש אַף שבת.

פרייטאָגצונאַכטס, ר׳ זלמן זעצט זיך צום טיש מיט די בני־בית, מיט אַלע אורחים, גיט׳ן איטלאַכן אַ שיינעם חלק פיש. דעם חסיד גיט׳ן אַ קליין פישל אַ גאַנץ. חידוש׳ט זיך דער חסיד: וואָס איז ער ערגער פון אַלעמען? רעדט אָבער קיין וואָרט נישט. דרך־ארץ. שבת אין דערפרי — ווייטער ס׳אייגענע. אַלע ביים טיש קריגן גרויסע שטיקער פיש, דער חסיד קריגט אַ קליין פישל אַ גאַנץ. דער חסיד עסט און האָט גרויס עגמת־נפש, למאי איז ער ערגער פון אַלעמען.

פאַר שלש־סעודות קען זיך שוין דער חסיד נישט איינהאַלטן, גייט־צו צו ר׳ זלמנ׳ען און פרעגט אים:

— זאָגט מיר, כ׳בעט אייך, למאי האָט׳ן מיך נעכטן און היינט צו די פיש אויסגעטיילט פון אַלעמען ביים טיש?

— כ׳וועל דיר זאָגן, — ענטפערט אים ר׳ זלמן. — אַלעמען האָט׳ן געגעבן פיש צום עסן. דו האָסט דאָך געוואָלט פיש בלויז מחמת׳ן סוד, היינט גיי וויים: אין וואָסער חלק ליגט דער סוד? האָט׳ן דיר געגעבן אַ גאַנץ פישל מיט׳ן סוד...

976

ר׳ יאָשע־בער בריסקער האָט אַמאָל, אין וועג, געהאַלטן שבת אַף אַן אכסניא. צו שלש־סעודות זיינען גראָד אויסגעגאַנגען די חלות אין דער אכסניא און ס׳אי נישט געווען קיין לחם משנה פאַר ר׳ יאָשע־בערן. איז׳ן געלאָפן קריגן חלות. זיצט ר׳ יאָשע־בער און וואַרט.

— רבי, — רופט זיך אָפּ איינער פון די אורחים — מיר ווייסן דאָך, אַז מ׳קען יוצא זיין שלש־סעודות מיט תורה אויך. היינט מה

רעש? זאָגט אונז אַ שטיקל תורה, וועט איר יוצא זיין מיט שלש־סעודות און מיר וועלן הערן אַ גוט שטיקל תורה.

— גערעכט זיינט איר, — מאַכט ר׳ יאָשע־בער. — כ׳האָב אָבער מורא, טאָמער וועט איינער מיין תורה אַפּוועגדן, וועל איך בלייבן אי אָן תורה, אי אָן שלש־סעודות...

977

ר׳ משה־יצחק, דער קעלמער מגיד, האָט געהאַט אַ ווערטל אין זיינע דרשות:

— אַ האָן האָט אַ קאַם און קאַמט זיך נישט אום שבת. אַ שניידער־יונג האָט נישט קיין קאַם און קאַמט זיך יאָ אום שבת...

978

דער העברעאישער משורר אד״ם הכהן איז געווען ידוע פאַר אַ קל שבקלים, אַן אפיקורס גמור.

איינמאָל איז ער געווען פאַרבעטן ביי איינעם אויף שבת. פרייטאָג־צונאַכטס, צום טיש, ליגט׳ן פאַר אים צוויי חלות אויף קידוש. אד״ם הכהן מאַכט קידוש און צו דער המוציא קאַרבט ער אָן מיטן מעסער אַ חלה, ווי דער דין. פאַרטיק געוואָרן מיטן קידוש און ער נעמט איינ־שניידן די חלה, געפינט ער כלומר׳שט נישט דעם קאַרב. נעמט ער ס׳ברענעדיקע ליכט פון לייכטער, טראָגט־צו צו זיך און זוכט דעם קאַרב אויף דער חלה...

979

ראובן־אשר ברוידעס איז נאָך אין דער ישיבה נתחמץ געוואָרן און בשתיקה געטאָן וואָס מ׳טאָר נישט.

איינמאָל האָט׳ן אים מיט נאָך צוויי חברים, ישיבה־בחורים, געכאַפּט רויכערן אום שבת. האָט׳ן זיי אַלע דריי געבראַכט צום ראש־ישיבה.

— שייגעץ, יונגאַטש, — שרייט דער ראש־ישיבה אויף איינעם — מחלל־שבת זיין?

— רבי, — פאַרענטפערט זיך יענער — כ׳האָב פאַרגעסן אַז ס׳איז שבת.

— און דו, הפקר־יונג? — נעמט זיך דער ראש־ישיבה צום צווייטן.

— רבי, — זאָגט יענער — כ׳האָב בעת־מעשה פאַרגעסן, אַז מ׳טאָר שבת נישט רויכערן.

— און דו, פושע־ישראל, — שרייט דער ראש־ישיבה מיט כעס אויף ברוידעסן — דו האָסט אויך פאַרגעסן?

— יאָ, רבי, — זאָגט ברוידעס — כ׳האָב פאַרגעסן.
— וואָס האָסטו פאַרגעסן? — ליאַרעמט דער ראש־ישיבה.
— כ׳האָב פאַרגעסן — שמייכלט ברוידעס — פאַרהיינגען ס׳פענ־סטער...

980

מ׳איז אַמאָל, שבת, געקומען צו ר׳ חיים זאָנענפעלד, ירושלימ׳ער רב, און אים דערציילט, אַז ביי יענעם און יענעם האָט מען געמאַכט פייער און מ׳קאָכט אום שבת. טוט ר׳ חיים אַן די זשופּיצע מיטן שטריימל און לויפט תיכף אַהין. — חילול שבת!

ווי מ׳האָט דאָרטן געזען ר׳ חיים גייט, האָט׳ן פאַרלאָשן ס׳פייער און אַלץ מבער געווען.

ר׳ חיים לויפט אַריין האַסטיק אין יענער שטוב, קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן און געפינט גאָרנישט.

— פע, רבי, נישט שיין, — זאָגט מיט תרעומות דער בעל־הבית — אַריינלויפן צו יענעם אין שטוב, נישט אָנקלאַפּן. גאָרנישט מעשה דרך־ארץ.

— כ׳וועל אייך זאָגן, — מאַכט ר׳ חיים. — כ׳האָב געהערט, אַז ביי אייך ברענט, בין איך געלאָפן ראַטעווען. און בעת מ׳לויפט ראַטעווען, ווייסט איר דאָך, זיינען אַלע נימוסים פון דרך־ארץ אַן אַ זייט...

די דאָזיקע נאַכט פון פסח

981

אין פּראָג איז געווען אַ כומר, פלעגט ער תמיד האָבן וכוחים מיט ר׳ יונתן פרעגער אין ענינים פון אמונה. דער כומר פלעגט ברייננגען ראיות, אַז די נוצרי׳שע אמונה איז אמת און ר׳ יונתן פלעגט די ראיות אָפּשלאָגן און אויפווייזן, אַז די אידישע אמונה איז אמת.

איינמאָל זאָגט דער כומר צו ר׳ יונתן:

— לאָמיר זיך אַמאָל בייטן מיט די טענות. איך וועל האַלטן פאַר דער אידישער אמונה און דו — פאַר דער נוצרי׳שער.

— רעכט — איז ר׳ יונתן מסכים.

— זע, — הויבט אָן דער כומר. — אידן פראַוון דעם יום־טוב פסח, זיינען זיי געווען קנעכט ביי פּרעה׳ן אין מצרים און אַרויס מעבדות

לחרות. אָבער ווי קומען גוים האָבן אַ יום־טוב פּסח? ס׳אַרא שייכות האָבן זיי מיט יציאת־מצרים?

— ניין, — ענטפערט ר׳ יונתן. — גוים האָבן אַ גרויסן שייכות צו יציאת־מצרים. ווען אידן וואָלטן נישט אַרויס פון מצרים, וואָלטן גוים קיין גאָט נישט געהאַט...

982

ר׳ יונתן פּרעגער, בעת ער איז געווען אַ אינגל, האָט אַמאָל, פּסח צום סדר, אַרויסגעגנב׳עט דעם אפיקומן און האָט בשום אופן נישט געוואָלט אָפּגעבן, ביז דער טאַטע האָט אים צוגעזאָגט, לאָזן מאַכן פאַר אים אַ ניי מלבוש.

אַז ער האָט אָפּגעגעבן דעם אפיקומן, זאָגט אים דער טאַטע:

— אַצונד, יונת׳ל, קריגסטו נישט קיין חלק אפיקומן, ביז דו וועסט מיר מיין הבטחה מוחל זיין.

— זע, טאַטע, — ווייזט אים דער קליינער יונתן — כ׳האָב שוין מיין חלק אפיקומן אַליין גענומען...

983

ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער האָט זיך נוהג געווען, אַז פּסח צום סדר, בעת ער האָט געזאָגט „מצה זו“, פלעגט ער כאַפּן די מצה מיט אַזאַ התלהבות, ווי איינער איז זיך מיט עפּעס מחיה: אַ, אַ, אַ, „מצה זו“... פון גרויס התלהבות פלעגט ער אַרונטערקריכן אונטערן טיש, אַראָפּ־שלעפּן ס׳טישטוך, איבערקערן די קערה מיט די כוסות, מיט די מצות, אַז מ׳האָט געמוזט פון ס׳ניי גרייטן דעם טיש.

איינמאָל איז ער געווען פּסח ביי ר׳ ברוך מעזשיבוזשער. ר׳ ברוך איז געווען אַן איסטניס און אַ קפדן.

פאַרן סדר זאָגט ר׳ לוי־יצחק צו ר׳ ברוכ׳ן:

— ר׳ ברוך, סערדצע, כ׳וויל זיצן פון אַנדערן זייט טיש.

האָט ר׳ ברוך מסכים געווען. מחמת ער האָט געוואוסט ר׳ לוי־יצחק׳ס דרך, נאָר אַליין זאָגן אים האָט ער נישט געוואָלט.

האָט׳ן צע׳סדר׳ט דעם טיש אין דער ברייט. איז ר׳ ברוך געזעסן פון איין עק טיש און ר׳ לוי־יצחק — פון אַנדערן.

צום ערשטן כזית מצה איז ר׳ לוי־יצחק אַריין אין אַזאַ התלהבות, אַז ער איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן טיש, איבערגעקערט די קערות, מיט די כוסות, מיט הכל שבהכל...

984

ר׳ יהושע־לייב בריסקער האָט געהאַט אַ רבי׳צן אַ למדנית און אַ חכמת, סאַניע. פֿלעגט ר׳ יהושע־לייב האַלט האָבן זיך ווערטלען מיט איר.

איינמאָל, צו בדיקת־חמץ, מאַכט ער צו דער רבי׳צן זיינער:

— שוין מבער געווען, ב״ה, אַלע חמצ׳ן, אחוץ דעם א י י ן חמץ — און ווייזט אָן אויף איר.

— האָסט אַ טעות, — ענטפֿערט די רבי׳צן. — ד ע ר חמץ דאַרף קיין ביעור נישט האָבן, מחמת דער טאַטע האָט מיך שוין לאַנג פֿאַרקויפֿט צו אַ גוי...

985

ר׳ יחיאל־מיכל נאָוואָרעדקער, אַז מ׳פֿלעגט אים קומען פֿרעגן אַ שאלה שביעי של פסח, פֿלעגט ער מיט כל־ערליי תירוצים אָפּלייגן די שאלה ביז נאַכט און ביינאַכט פּסק׳נען כשר.

986

ר׳ עקיבא אייגער איז אַמאָל, אין ספירה־צייט, געקומען קיין וואַרשע. האָבן אים די ראשי־קהל פֿאַרבעטן אין ראַבינער־סעמינאַר, ער זאָל פֿאַרהערן די תלמידים, וואָס לערנען זיך אויף רבנות.

ר׳ עקיבא אייגער פֿאַרהערט די תלמידים אין לערנען, אין אידישקייט — זיינען זיי, נעבאַך, זייער ווייט דערפֿון.

— קענט איר חשבון? — פֿרעגט ער זיי.

— יאָ, אודאי, — כאַפּן זיך אַלע אַרויס.

— טאָ זאָגט־זשע מיר, — מאַכט ר׳ עקיבא אייגער — וויפֿיל האָבן מיר היינט אין ספירה?...

בין המצרים

987

ר׳ נפתלי ראָפּשיצער האָט שטאַרק פֿיינט געהאַט עצבות, איז תמיד געווען בשמחה.

אין די דריי וואָכן, בעת דער עולם פֿלעגט ביי טאָג אָפּריכטן חצות אין שול, מיט בכיות, מיט יללות, פֿלעגט ר׳ נפתלי אַרומגיין אין פּאַליש און אונטערזינגען פֿאַר זיך:

„והשב כהנים לעבודתם ולוים לשירם ולזמרם״...

988

ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער איז אַמאָל ערב־תשעה־באָב פאַרנאַכט, נאָך דער סעודה המפסקת, צוגעגאַנגען צום פענסטער און אַרויסגעקוקט אין דרויסן. אַוועק אַ היפשע ווײַלע — ר׳ לוי־יצחק שטייט נאָך אַלץ ביים פענסטער און קוקט, לייגט אַלע מאָל צו דעם אויער, ווי ער וואָלט וועלן עפּעס הערן פון ווייטן.

דערווײַל איז געוואָרן שפּעטלאָך. דער עולם אין שול וואַרט אַפן רב מיט מעריב און מיט קינות און דער רב איז נישטאָ. שיקט׳ן דעם שמש אים רופן.

קומט אַריין דער שמש און זאָגט אין דער שטיל:

— רבי, דער עולם וואַרט...

— יאָ, — גיט זיך ר׳ לוי־יצחק אַ כאַפּ מיט אַ קרעכץ — נ י ש ט געקומען משיח, דאַרף׳ן גיין זאָגן קינות...

989

אין לאָדזש, ווי אין כמה גרויסע אידישע קהלות, איז געווען אַ גרויסע תלמוד־תורה, וואו די קינדער האָבן געלערנט אַ גאַנצן טאָג און האָבן אויך געקראָגן צו עסן.

איינמאָל איז געווען אַ שווער יאָר אין לאָדזש, פּרנסה איז געווען געשלאָגן, האָט די תלמוד־תורה געהאַט אַ דוחק אין געלט. האָבן די גבאים אָנגעהויבן שפּאָרן, מקמץ זיין אין דער הוצאה. אַז ס׳איז געקומען די ניין טעג איז בײַ זיי געבליבן, די קינדער זאָלן אַ גאַנצע וואָך קיין פליייש נישט קריגן. אי מ׳וועט כלומר׳שט אָפּהיטן דעם דין, אי מ׳וועט איינשפּאָרן עטלאָכע רובל.

איז ר׳ אליה־חיים דערפון געוואויר געוואָרן. שיקט ער רופן דעם אויבער־גבאי, אַ איד אַ גביר, אַ עסקן אין שטאָט. קומט יענער תיכף צו גיין. דער רב רופט.

— איר ווייסט, —זאָגט ר׳ אליה־חיים — אַז מיר האָבן היינט די ניין טעג. זאָג איך אייך בפירוש, אַז ס׳עסן, וואָס די תלמוד־תורה־קינדער קריגן היינט, טאָרן זיי אין מויל נישט נעמען.

— זאָלט איר געזונט זיין, רבי, — ווערט דער גבאי האָפּערדיק. — מיר זיינען, חלילה, נישט קיין גוים. מיר ווייסן, אַז היינט איז די ניין טעג, גיבן מיר נישט די תלמוד־תורה־קינדער קיין פליייש.

— אָט דאָס מיין איך טאַקע, — מאַכט ר׳ אליה־חיים. — ס׳ביסל מילכיקס, וואָס איר גיט די תלמוד־תורה־קינדער, טאָרן זיי אין מויל נישט נעמען. שוואַכע קינדער, לערנען אַ גאַנצן טאָג, מוזן זיי עסן אַ שטיקל פליייש...

ניסן ראָזנטאַל האָט געשמ'ט אין גאַנץ ליטע פאַר אַ גרויסן אפּיקורס, אַ מומר להכעיס. אַז ער האָט געקענט אַ פרומען אידן אָפּטאָן אַ שפּיצל, אים אונטערשטעלן אַ פיסל, יענער זאָל טאָן אַן עבירה, איז עס געווען ביי אים אַן עולם ומלואו. אַמאָליקע אפּיקורסים.

געווען איז ניסן אַ איד אַ גביר, אַ גרויסער פּאַדראַטשיק, פלעגט אַנ־נעמען ביי מלוכה פּאַדראַטן אױף שאָסייען. וואו זיינער אַ שאָסיי האָט זיך געמאַכט, איז אין די אַרומיקע שטעטלאַך געווען גרויס שפע. מחמת ניסן איז געווען בטבע אַ גוטער מענטש, געהאַט אַן אָפענע האַנט.

בעת ניסן האָט געהאַט אָנגענומען דעם שאָסיי פון ווילנע קיין מינסק, איז ער אַמאָל, תשעה־באָב נאָך האַלבן טאָג, אַריינגעפאָרן אין אַ קליין שטעטל אין ווילנער געגנט. פאַרפאָרן איז ער מיט זיין שיינער קאַרעטע גלייך צום רב. אַריין צום רב, מאַכט ער צו אים:

— רבי, כ'בין געקומען אייך פרעגן אַ שאלה, צי מעג איך אָנבייסן. כ'פיל מיך, נישט פאַר אייך געדאַכט, זייער שוואַך און ס'אי מיר שווער צו פאַסטן.

דער רב גיט אַ קוק אָפן געזונטן אידן, מיטן רויטן פנים, מיטן פעטן קאַרק און זאָגט:

— ניין, כ'בין נישט בכח אייך מתיר צו זיין. ס'אי דאָך עפּעס תשעה־באָב, קיין קלייניקייט נישט. כמעט אַזוי האַרב ווי יום־כפור.

— כ'וויים, רבי, — מאַכט ניסן אַ פרום פנים. — כ'פיל אָבער ביי מיר, אַז כ'קען שוין מער נישט אויסהאַלטן. אגב, וועל איך געבן אַ גרויסן פדיון־תענית. היות ווי אייער שטעטל דאַרף האָבן אַ מרחץ, וועל איך הייסן מיינע מענטשן אייך אויסבויען אַ מרחץ ווי ביי לייטן.

דער רב, אַ איד אַ תמים, הערט אַזעלכע ווערטער, גיט ער נאָך אַמאָל אַ קוק אױף ניסנ'ען און פרעגט אים:

— פילט איר ביי זיך, הייסט עס, אַז איר קענט נישט פאַסטן?

— שייך נישט קענען? — קרעכצט כלומר'שט ניסן — כ'פיל אַז איך האַלט שוין ביי בולמוס, ס'ווערט מיר פינסטער פאַר די אויגן. און אַ מרחץ, הערט איר, רבי, וועל איך דעם שטעטל אויסבויען, אַז די גאַנצע סביבה וועט מקנא זיין.

דער רב איז זיך מיישב אַביסל, רעדט איבער מיט זיך:

— פּיקוח־נפש... „לב יודע מרת נפשו“...

און זאָגט צו ניסנ'ען:

— נו, אויב אַזוי, מעגט איר אָנבייסן.

— גיט־זשע מיר אַן עצה, רבי, — זאָגט ווייטער ניסן — וואו קריג איך צו עסן? אין שטעטל וועט'ן דאָך תשעה־באָב אַ אידן נישט געבן

עסן. גיי דערציי ל יענעם, אַז כ׳בין אַ שוואַכער מענטש און דער רב האָט מיר מתיר געווען. אפשר, רבי, וואָלט געווען אַ סברא, שיקן פונדאַנען עמיצן עפּעס איינקויפן און דאָ ביי אייך גופא אָנבייסן.

— מהיכא תיתי — איז דער רב מסכים.

ניסן האָט געגעבן געלט און מ׳האָט תיכף געבראַכט פון מאַרק עט־לאַכע בייגל, מיט אַ הערינג, מיט אַ פלעשל בראַנפן. ניסן האָט זיך גע־וואַשן און זיך געזעצט צום טיש.

פלוצלונג הויבט ער זיך אויף, לויפט־צו צום רב און גיט אַ געשריי:

— אוי, רבי, זעט, ווי איר קוקט אויס, אַ בר־מינן, רחמנא ליצלן.

דער רב, אַן עלטערער מענטש, אָפּגעשוואַכט פון תענית, האָט ער זיך טאַקע אָפּ אַן אמת דערשראָקן.

— רבי, — שטייט ניסן איבער אים — איר טאָרט מער קיין מינוט נישט פאַסטן. און אַז איר וועט נישט עסן, עס איך אויך נישט, נעמט איר אָפּ זיך צוויי נפשות.

דער רב הויבט זיך אָן קווינקלען:

— עפּעס פיל איך מיך טאַקע זייער שוואַך.

— רבי, לאָזט אים ניסן נישט אָפּ — גייט שוין זיך וואַשן. אגב, האָב איך פאַר אייך אויך אַ פדיון־תענית. כ׳וועל שיקן מיינע מענטשן מאַכן אַ גדר צום שטעטלשן בית־עולם.

דער רב לאָזט זיך אָנריידן, וואַשט זיך און זעצט זיך מיט ניסנ׳ען צום טיש.

ניסן רוקט אים אונטער אַ גלעזל נאָך אַ גלעזל, דעם רב ווערט שפּיציק אין די אויגן, ס׳פּנים הויבט זיך אָן רויטלען און ס׳יאַרמלקע איז שוין אָפּ אַ זייט.

— איר ווייסט דאָך, רבי, — מאַכט ניסן — אַז תשעה־באָב איז משיח געבאָרן געוואָרן. איז, כ׳לעבן, אַ יושר גדול צו גיין אַ טענצל.

און אַזוי ריידנדיק, נעמט ער אָן דעם רב, פאַרוואַרפט אַ האַנט ביי אים אַפן אַקסל און הויבט זיך אָן דרייען מיט אים אַרום טיש, צו־פּאַטשנדיק מיט די הענט און אונטערזינגען:

— שושנת יעקב צהלה ושמחה...

ביני לביני איז שוין געוואָרן פאַרנאַכטלאָך. דער עולם אין בית־מדרש וואַרט אַפן רב מיט מנחה. מ׳וועט זיך דאָך נישט שטעלן אַן רב דאַווענען תשעה־באָב׳דיקע מנחה: מיט טלית־און־תפילין, מיט „ויחל“, מיט „מפטיר“, מיט „נחם“. מ׳וואַרט, מ׳וואַרט, מ׳וואַרט — מ׳קען זיך נישט דער־וואַרטן. שיקט מען דעם שמש אים רופן. דער שמש גייט אַריין צום רב אין שטוב — ווערט ער נבהל ומשתומם, גלויבט די אייגענע אויגן נישט:

דער רב פאַלט פון די פיס, זינגט און טאַנצט גאָר מעשה שמחת־תורה.

איז געוואָרן אַ רעש אין שטעטל. אַזאַ אַקציע, אַ רב זאָל זיך אָנ־שיכור׳ן אום תשעה־באָב, דאָס פאַרלויפט זיך דאָך נישט אין דער גאַנצער וועלט.

ניסן ראָזנטאַל האָט זיך תיכּף אָפּגעטראָגן.

נאָך תשעה־באָב האָט קהל גערופן אַן אסיפה און אָפּגעזאָגט דעם רב פון רבנות.

אַז ר׳ הלל אַמטשיסלאַווער, וואָס איז דעמאָלט געווען רב אין קרעווע, איז פון דער מעשה געוואויר געוואָרן, איז ער תיכּף אַריינגעפאָרן אין שטעטל און באַפוילן מ׳זאָל דעם רב צוריקנעמען.

— דער רב אייערער — זאָגט ער צו די ראשי־קהל — האָט טאַקע אָפּגעטאָן אַ שטות. איר האָט אָבער געטאָן אַ גרעסערן שטות. האַלטן אַזאַ שוטה פאַר אַ רב עטלאַבע צענדליק יאָר. האָט איר אים אַזוי לאַנג געהאַלטן, טאָ האַלט זיך מיט אים ווייטער...

אין די פאַרכטיקע טעג

991

ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער האָט זיך נוהג געווען אַליין זיין דער תוקע ראש־השנה.

איינמאָל, ראש־השנה פאַר תקיעות, ר׳ לוי־יצחק איז געקומען פון וואַסער, אָנגעטאָן ס׳קיטל, זיך איינגעוויקלט אין טלית און אַרויף אויפן באַלעמער. אָפּגעזאָגט זיבן מאָל „למנצח״, „מן המצר״, די מאמרים פון זוהר, גענומען דעם שופר אין האַנט — און שווייגט. ער לייגט אַוועק דעם שופר, נעמט אים צוריק און לייגט ווייטער אַוועק. דער עולם שטייט מיט די טליתים איבער די קעפּ, וואַרט און וואַרט — און מ׳הערט נישט קיין ברכה און מ׳הערט נישט קיין קול שופר.

נאָך אַ היפּשע ווײַלע, זאָגט ר׳ לוי־יצחק צום עולם:

— רבותי, אונטן, ביי דער טיר, זיצט אַ איד, וואָס איז כל ימיו געווען צווישן גוים און קען נישט דאַווענען. אַז ער האָט געזען ווי דער עולם דאַוונט און ער נישט, האָט ער זיך שטאַרק מצער געווען און אָנ־געהויבן וויינען. דערנאָך זאָגט ער:

— רבונו־של־עולם, דו ווייסט׳אָך די אמת׳ע כוונות פון אַלע תפילות. מער ווי אַלף־בית קען איך נישט. וועל איך פאַר דיר זאָגן אַלף, בית, גימל, דלת — און דו מאַך פון דעם תפילות.

— אצונד — פירט אוים ר׳ לוי־יצחק — זיצט כביכול און מאַכט תפילות פון דעם אידנס אלף־בית. דאַרפ׳ן וואַרטן...

992

ר׳ הירש, בערלינער רב, האָט געוואוינט אין איין הויז מיטן חזן.
אלול־צייט האָט דער חזן זיך מכין געווען מיט נייע ניגונים צו ימים נוראים. האָט ער געזונגען אַפן קול, גע׳רעש׳ט און מבלבל געווען דעם רב אין לערנען. שיקט ר׳ הירש אים בעטן, ער זאָל זינגען אַ ביסל שטילער. וויל דער חזן נישט הערן.
— איטלאַכער — לאָזט ער באַפוילן צו ר׳ הירשן — אין זיין פאַך. דער רב — אין רבנות; דער חזן — אין חזנות.
היות ר׳ הירש איז נישט געווען ביכולת צו לערנען, בעת דער חזן האָט געזונגען, האָט ער זיך צוגעהערט צום זינגען. ביסלאַכווייז האָט ער זיך אויסגעלערנט אַלע נייע ניגונים דעם חזנ׳ס.
ר׳ הירש האָט געהאַט אַ חזקה, דאַווענען ימים נוראים שחריתים. ראש־השנה צו שחרית האָט ער געזונגען דעם חזנ׳ס ניגונים. האָט זיך דער עולם גע׳חידוש׳ט: פונוואַנען קומט צום רב אַזעלכע ניגונים? צו מוסף האָט דער חזן געזונגען די אייגענע ניגונים. האָט שוין דער עולם פאַרשטאַנען, פונוואַנען דער רב האָט די ניגונים גענומען. דער חזן האָט אָבער געהאַט חולשת־הדעת: דער רב האָט זיינע ניגונים אויסגע־כאַפּט.
נאָכן דאַווענען גייט ער צו צום רב גוט־יום־טוב ביטן.
— רבי, — זאָגט ער — איר זאָלט מיר אַזוינס טאָן?
— איטלאַכער — מאַכט ר׳ הירש בנעימות — אין זיין פאַך. איר — אין מוסף, איך — אין שחרית...

993

בעת ר׳ משה־יצחק, דער קעלמער מגיד, איז געווען אין לאָנדן, האָט׳ן אים פאַרבעטן אין אַ שול האַלטן אַ דרשה ראש־השנה. זעט דער קעלמער, אַז דער בעל־תקיעה איז אַ איד אַ גלות. — לאָנדן. גייט ער אַרויף אַפן באַלעמער און זאָגט:
— הערט זיך איין, רבותי, כ׳וועל אייך דערציילן אַ מעשה.
אַ וואָלף האָט זיך אַמאָל איינגענאַדיעט ביי אַ בעל־גוף אַפן פאָל־וואַריק און פרעגט אַלע נאַכט פאַרצוקן אַ שעפּסעלע. האָט דער בעל־גוף אָנגעהויבן זוכן עצות ווי צו פאַרטרייבן דעם וואָלף. האָט׳ן אים געזאָגט, אַז אַ וואָלף האָט בטבע מורא פאַר אַ באָק. האָט דער בעל־גוף געקויפט אַ באָק און אים אַוועקגעשטעלט פאַר אַ שומר. איז דער וואָלף מער נישט געקומען.

לימים, אין א צייט ארום, איז דער באק געפּגר׳ט. ווי דער וואלף האט דערשמעקט, אז דער באק איז נישטא, האט ער זיך איבערגעניים אנגעהויבן יאווען. דער בעל־גוף האט געזען ס׳אי ווייטער שלעכט. איז ער געפאלן אף א המצאה: ער האט אפּגעשונדן דעם באק, אנגעטאן די פעל א הונט און אוועקגעשטעלט דעם הונט פאר א שומר. דער וואלף האט אנגענומען דעם הונט פאר א באק און איז ווידער נעלם געווארן.

מיט דער צייט איז די פעל אויסגעטריקנט געווארן, די האר איז אויסגעקראכן און דער הונט איז געבליבן אן א בארד.

איינמאל קומט דער וואלף, זעט ער, ס׳שטייט א טשיקאווע בריאה. א באק און אן א בארד. גייט ער צו נענטער, זעט ער — ס׳אי גאר א הונט.

— דו, כלב איינער, — זאגט ער צו אים. — אז דו האסט קיין ב א ר ד נישט, ווי קומסטו צו א ה א ר ן?...

994

מ׳האט אמאל, דעם צווייטן טאג ראש־השנה, וואס איז אויסגעפאלן אום פרייטאג, געפרעגט ר׳ ישראל סאלאנטער:

— רבי, וואסערע פּיוטים קען מען איבערהיפּן? מחמת ס׳איז ערב־שבת און מ׳דארף גיין פריער אהיים, מכין זיין לכבוד שבת.

— אלע פּיוטים — ענטפערט ר׳ ישראל — מעגט איר איבערהיפן, אפילו „ונתנה תוקף״. נאר זעט, למען השם, נישט אויסלאזן ס׳פּייט פון „מלכיות, זכרונות, שופרות״, כדי דער חזן זאל זיך קענען אפּרוען...

995

באראן גינזבורג האט זיך אמאל, פאר ראש־השנה, געטראפן מיט יהודה־לייב גארדאן. ווינשט אים דער באראן א כתיבה וחתימה טובה.

— גיט מיר נאר, הער באראן, — שמייכלט גארדאן — אייער ח ת י מ ה, א כתיבה טובה וועל איך מיר שוין אליין אנשרייבן...

996

שמערל שניטקעווער איז געווען ידוע פאר א לץ און אן אפּיקורס. איינמאל, צום־גדליה, האט׳ן אים געטראפן ווי ער זיצט און עסט.

— סטייטשע, ר׳ שמערל, — זאגט׳ן אים — צום־גדליה? א געבאטע־נער תענית.

— צום־גדליה — ענטפערט שמערל — פאסט איך נישט צוליב דריי טעמים. ראשית, ווען אפילו גדליה בן אחיקם וואלט נישט גע׳הרג׳עט

געוואָרן, וואָלט ער שוין היינט סיי־ווי נישט געלעבט. והשנית — פאַר־וואָס זאָל איך עפּעס פאַסטן, וואָס גדליה איז גע׳הרג׳עט געוואָרן? ווען איך וואָלט גע׳הרג׳עט געוואָרן, וואָלט גדליה געפאַסט? והשלישית — אַז כ׳פאַסט נישט יום־כפור, וועל איך צום־גדליה פאַסטן?...

997

ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער האָט זיך אַמאָל, ערב־יום־כפור פאַר־נאַכט, געשטעלט פאַרן עמוד זאָגן „כל נדרי״. ס׳גייט אַוועק אַ צייט, ר׳ לוי־יצחק שטייט און שווייגט. דער עולם אין בית־מדרש, אין ציטערניש און אין פּלאַטערניש, וואַרט אויף „כל נדרי״ און ר׳ לוי־יצחק שווייגט. און דאָ ווערט שוין שפּעטלאַך, די זון זעצט זיך, ס׳איז שוין באַלד נאָכן זמן.

פּלוצלונג קערט זיך אום ר׳ לוי־יצחק מיטן פּנים צום עולם און פרעגט דעם שמש:

— איז בערל דער שניידער דאָ אין בית־מדרש?

— ניין, רבי, — ענטפערט דער שמש.

— גיי רוף אים — באַפעלט ר׳ לוי־יצחק.

גייט דער שמש אַוועק און ברענגט בערלען אין בית־מדרש.

— בערל, — פרעגט אים ר׳ לוי־יצחק — פאַרוואָס ביזטו מעכב אידישע תפילות?

— וואָס זאָל כ׳טאָן, רבי, — זאָגט בערל — אַז כ׳האָב נישט פאַר וועמען אים מזמין זיין לדין. אדרבה, אויב דער רבי וויל זיין דער דיין, בין איך מסכים.

— לאָז הערן — זאָגט ר׳ לוי־יצחק — דיינע טענות.

הויבט אָן בערל צו טענה׳ן:

— די מעשה איז אַזוי געווען:

אַנומלט, פאַר סליחות, שיקט מיך דער פּריץ רופן, כ׳זאָל אים אויפ־נייען אַ נייעם פּעלץ פאַרן ווינטער. נעם איך מיינע געצייג, שער און אייזן און גיי אַוועק אין הויף. גיט מיר דער פּריץ גוטע טכוירן, ווייכע, פוכיקע, כ׳זאָל אים מאַכן אַ פּעלץ ווי געהעריק איז. טראַכט איך ביי מיר: כ׳בין אַן אָרימאַן, אַן אביון, האָב אַ מיידל חתונה צו מאַכן און ס׳אי נישטאָ מיט וואָס. וועל איך מיר נעמען יתור אַ צען טכוירן און האָבן צו שטייער אויף נדן פאַר מיין טאָכטער. געזאָגט און געטאָן. אויפ־גענייט דעם פּריץ אַ פּעלץ ווי געהעריק איז און מיר גענומען יתור צען טכוירן. אַז כ׳האָב מיך אָנגעהויבן קלייבן אַהיים, האָב איך אויסגעהוילט אַ לאַבן ברויט, אַרויסגענומען ס׳ווייכע און אין ברויט אַריינגעלייגט די

טכוירן, גענומען דעם קלומיק אַף דער פּלייצע און זיך געלאָזט גיין אהיים.

כ׳בין נישט אַפּגעגאַנגען קיין צוויי וויאָרסט, כ׳הער אַ רייטער יאָגט זיך נאָך מיר. פאַלט מיר איין די דמים. פאַרבאַהאַלט איך מיין קלומיק אונטער אַ בוים און אַליין זעץ איך מיך אַפּן גראָז און וואַרט אַפּן רייטער.

— בערל, צוריק, — באַפעלט ער מיר. — דער פּריץ דאַרף דיך האָבן.

כ׳קום צוריק צום פּריץ און אַן אימת־מות באַפאַלט מיך. מי יודע, ס׳אַראַ פּסק ער׳ט דאָ מיר געבן.

— בערקאָ, — מאַכט צו מיר דער פּריץ — אַזוי גיט׳ן אַרויס אַרבעט? האָסט׳אַך קיין היינגער נישט אַנגעניית אין פּעלץ.

גיב איך אַפּ אַ שבח והודיה דעם רבונו־של־עולם פאַרן נס, וואָס ער האָט געטאָן מיט מיר, ניי אַן אַ היינגער אין פּעלץ און לאָז מיך צוריק אין וועג.

כ׳קום צום בוים — נישטאָ מיין קלומיק מיטן ברויט מיט די טכוירן. כ׳זוך אַהין, כ׳זוך אַהער — נישטאָ. זעץ איך מיך און הויב אָן זיך אַריינטראַכטן אין דעם ענין. פאַלט מיר איין, אַז דאָס איז זיין אַרבעט, דעם כביכול׳ס. ער וויל נישט, אַז אַ איד, וואָס איז אַן „אתה בחרתנו“, זאָל גנב׳נען טכוירן ביים פּריץ.

— אויב אַזוי, — זאָג איך — בין איך מוחל, כ׳וויל נישט זיין קיין „אתה בחרתנו“.

כ׳קום אַהיים, ס׳ווייב גייט מיר אַנטקעגן:

— בערל, וואַש דיך, וועסטו עסן וועטשערע.

און איך, אַף צו־להכעיס, זעץ מיך עסן אומגעוואַשן. אַפּגעגעסן און נישט געבענטשט. נישט גערעאַוונט קיין מעריב. זיך געלייגט שלאָפן אָן קריאת־שמע. מאָרגן — ווייטער ס׳אייגענע, נישט גערעאַוונט, נישט געמאַכט קיין ברכה. געקומען סליחות — נישט אויפגעשטאַנען צו סליחות. ראש־השנה — נישט געגאַנגען דאַוונען, נישט געהערט קיין שופר. איין מאָל פאַר אַלע מאָל — כ׳וויל נישט זיין קיין „אתה בחרתנו“.

איז אָבער געקומען יום־כפור. אַצונד — טראַכט איך מיר — מוז איך אים מוחל זיין. מחמת ער אַליין איז דאָך אַלעמען מוחל. איז געבליבן ביי מיר: כ׳וועל אים מוחל זיין, נאָר מיט איין תנאי, ער זאָל אַ ל ץ מוחל זיין, אפילו די עבירות, וואָס יום־כפור איז אַף זיי נישט מכפר. וועט ער אַ ל ץ מוחל זיין, בין איך אים אויך מוחל. אויב נישט — בין איך אים נישט מוחל. זאָגט, רבי, בין איך גערעכט, צי נישט?

— גערעכט, בערל, גערעכט, — זאָגט ר׳ לוי־יצחק מיט שמחה. — האַלט דיך ביי דיינס: ער מוז אַ ל ץ מוחל זיין...

און ר׳ לוי־יצחק האָט אָנגעהויבן זאָגן „כל נדרי“.

998

איינמאָל, יום־כפּור נאָך „כל נדרי", גיט ר' לוי־יצחק אַ קלאַפּ אין שולחן, שטילט איין דעם עולם און זאָגט:

— רבותי, מיר ווייסן, אַז: „כל האומר דבר בשם אומרו מביא גאולה לעולם". בכן זאָג איך, אַז: „ויאמר ה' סלחתי כדבריך"...

999

מ'האָט אַמאָל דערציילט ר' הירש חיות אַף איינעם אַ נגיד, וואָס איז געווען אַ קמצן שבקמצנים און אַ קל שבקלים, אַז ער האָט געגעסן יום־כפּור אַ געבראָטענע הון.

— אַן ערלאַכער איד, — שמייכלט ר' הירש. — מקיים געווען די מצוה פון יום־כפּור.

— וואָס מיינט איר, רבי? — קוקט אים דער עולם אָן.

— גאָר פּשוט, — מאַכט ר' הירש. — וואָס איז די מצוה פון יום־כפּור? — „ועניתם את נפשותיכם" — זיך פּייניקן. פאַסטן מיר אַ גאַנצן מעת־לעת און פּייניקן זיך. וואָס זאָל אָבער יענער טאָן, אַז פאַסטן איז ביי אים גאָר קיין עינוי נישט? אדרבה, ער האָט נאָך הנאה פון פאַסטן, מחמת ער שפּאָרט איין געלט. טאָ ווי זאָל ער מקיים זיין די מצוה פון יום־כפּור? האָט ער געפונען אַן עצה: עסט ער אַ געבראָטענע הון, וואָס קאָסט עטלאַכע גילדן, איז'ס ביי אים דער גרעסטער עינוי.

— אויב אַזוי, — רופט זיך אָפּ איינער — זאָל ער שוין טרינקען אַ גלעזל וויין אויך.

— ניין, — מאַכט ר' הירש. — זיך מוסר־נפש זיין איז ער נישט מחויב...

1000

ר' איציקל סקווירער איז אַמאָל, ערב־יום־כפּור נאָך מנחה, געזעסן מיטן עולם חסידים און געפּראַוועט די סעודה המפסקת. דער עולם איז געווען אַ גרויסער, אחוץ די שטענדיקע יושבים, זיינען געקומען אַ סך אורחים פון נאָנט און פון ווייט און מ'איז געשטאַנען אין גרויס איינגעשאַפּט.

בעת דער גבאי האָט אויסגעטיילט דעם עולם טעלער יויך, האָט איין חסיד, נישט־ווילנדיק, אויסגעגאָסן זיין טעלער אַף איינעם, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים און געמאַכט אַ תל פון יענעמס זיידענע קאַפּאָטע.

— חזיר! — גיט יענער אַ געשריי מיט כעס.

— אַי! — ווערט ר' איציקל אַ פאַרציטערטער, כאַפּט זיך תוך כדי דיבור און מאַכט מיט אַ שמייכל:

— יאָ, היינט זיינען מיר אַלע חזירים, מיר זיינען חוזר בתשובה...

1001

ר׳ זונדל סאַלאַנטער איז אַמאָל, יום־כּפּור, געשטאַנען אין בית־מדרש אין טלית־און־קיטל און געדאַוונט. זעט ער דורכן פענסטער, ווי אַ אידנס אַ ציג איז אַריין אין היזק, אין דערבייאיקן גוייִשן גאָרטן. נאָך עטלאָכע מתפּללים האָבן עס געזען, אָבער קיינער רירט זיך נישט פון אָרט. — יום־כּפּור.

קלערט ר׳ זונדל נישט, לויפט אַרויס אין טלית־און־קיטל און טרייבט אַרויס די ציג פון היזק.

— די תורה — זאָגט ר׳ זונדל — איז חס אַף אידיש געלט...

1002

ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער איז אַמאָל, יום־כּפּור צו מוסף, בעת ער האָט געזאָגט: „וכך היה אומר: אחת״ — אַוועקגעפאַלן פון גרויס דבקות. דער עולם האָט אים געלאָזט ליגן, מחמת מ׳האָט שוין געוואוסט זיין דרך.

אַוועק אַ היפּשע ווײַלע און ר׳ לוי־יצחק הויבט זיך נישט אויף. הויבט׳ן אים אָן מינטערן. מ׳מינטערט אים, מ׳טוט פּעולות — ס׳העלפט נישט. ברענגט׳ן דאָקטוירים, זיי טוען זייערע פּעולות — ס׳העלפט נישט. ער איז טויט. הויבט׳ן אים אויף און מ׳טראָגט אים אַריין אין זיין חדר.

אין בית־מדרש האָט׳ן אָפּגעדאַוונט מוסף, מנחה און מ׳האָט זיך שוין געשטעלט דאַוונען נעילה.

פּלוצלונג כאַפּט זיך ר׳ לוי־יצחק אויף, לויפט אַריין מיט גרויס התלהבות אין בית־מדרש, שטעלט זיך פאַרן עמוד, גיט אַ געשריי: „ואחת״ — און דאַוונט ווייטער כּסדר...

1003

ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער האָט אַמאָל, מוצאי־יום־כּפּור, געשיקט רופן צו זיך דעם גרעסטן סרסור (מעקלער) אין שטאָט. איז יענער תיכף געקומען. דער רב רופט.

— זאָג־זשע מיר, — פרעגט אים ר׳ לוי־יצחק — ביזטו עפּעס באַ׳הבנ׳ט אין ענין פון מעקלעריי?

— יאָ, רבי, אודאי, — ענטפערט דער סוחר. ס׳אי מיין פּרנסה.

— האָסטו שוין אַמאָל — פרעגט ווייטער ר׳ לוי־יצחק — דורכגע־פירט אַ גרויסן עסק?

— יאָ, רבי, — ענטפערט דער סרסור. — כּמה גרויסע עסקים, אַף שווערע אלפים, זיינען שוין דורכגעגאַנגען דורך מיין האַנט.

— אויב אזוי, — זאָגט ר׳ לוי־יצחק — וויל איך, דו זאָלסט מיר צו׳פסק׳נען מעקלעריי. כ׳האָב היינט דורכגעפירט אַ גרויסן עסק צווישן כביכול מיט אידן, געמאַכט אַ טויש־געשעפט; כ׳האָב געטוישט „עוונות, חטאים ופשעים“ אַף „מחילה, סליחה וכפרה“. וואָס, מיינסטו, קומט מיר מעקלעריי?

— רבי, — בלייבט דער סרסור שטיין — אין אַזעלכע עסקים האָב איך קיין שום ידיעה נישט.

— נו, — זאָגט ר׳ לוי־יצחק — וועל איך מיר אַליין צו׳פסק׳נען. כ׳וויל האָבן מעקלעריי „בני, חיי ומזוני“. וואָס זאָגסטו, קומט׳ס מיר?

— יאָ, אודאי, — איז מסכים דער סרסור.

— אַצונד — זאָגט ר׳ לוי־יצחק — גיב איך אַוועק מיין מעקלעריי אַ מתנה גמורה דעם כלל־ישראל...

1004

ר׳ לוי־יצחק באַרדיטשעווער איז אַמאָל, בין כסא לעשור, געקומען קיין בראָד. ערב־יום־כפור האָט אים ר׳ אפרים־זלמן מרגליות פאַרבעטן צו זיך. אַ פרעמדער איד, אַן אורח. צו דער סעודה המפסקת האָט ער אים ווייטער פאַרבעטן. ר׳ לוי־יצחק איז אָבער נישט געגאַנגען. געגעסן ביי זיך אַף דער אכסניא און תיכף אַוועק אין בית־מדרש, אָנגעטאָן טלית־און־קיטל און זיך געשטעלט ביים עמוד. דער עולם הויבט זיך אָן קלייבן צו „כל נדרי“, איטלאַכער שטעלט זיך אַף זיין אָרט, טוט אָן טלית־און־קיטל און איז זיך מכין צום יום קדוש. זעט קיינער נישט דעם אידן, וואָס שטייט ביים עמוד. ס׳קומט זמן „כל נדרי“, דער בעל־תפילה וויל צוגיין צום עמוד — דער עמוד איז פאַרנומען. אַ איד שטייט מיטן טלית איבערן קאָפּ און רירט זיך נישט פון אָרט. שיקט׳ן דעם שמש אים זאָגן, ער זאָל אַוועקגיין. דער שמש גייט צו, גיט אַ קוק אַפּן אידן — פאַלט אַף אים אַ פחד. גייט צו דער גבאי — אויך ס׳אייגענע. בלייבט: דער שמש זאָל געבן אַ קלאַפּ אין שולחן, אַז מ׳שטעלט זיך זאָגן „כל נדרי“, וועט דער איד אַוועקגיין. דער שמש גיט אַ קלאַפּ אין שולחן, הויבט דער איד אָן זאָגן „כל נדרי“, דאַוונט מעריב מיט גרויס התלהבות. דער עולם קריגט התעוררות, דאַוונט מיט כונה. נאָך מעריב — דער איד גייט נישט אַוועק פון עמוד, זאָגט „שיר היחוד“, גאַנץ תהלים. נאָך תהלים, דער עולם ווערט שיטערער, ווער ס׳גייט אַהיים, ווער ס׳לייגט זיך צו אין בית־מדרש, דער איד שטייט מיטן טלית איבערן קאָפּ און רירט זיך נישט פון אָרט. אינדערפרי, מ׳דאַרף זיך שטעלן דאַוונען — דער איד שטייט ביים עמוד. דאַוונט אָנהויבנס, שחרית, דאַוונט מוסף,

מנחה, נעילה. דאַוונט מעריב אויך. דער עולם ווייסט אַלץ נישט ווער דער איד איז. נאָך מעריב, ער נעמט אַראָפּ ס׳טלית פון קאָפּ, זעט ר׳ אפרים־זלמן, ס׳איז זיין אורח. כמה חשובים ווילן פאַרבעטן דעם אורח צו זיך, לאָזט ר׳ אפרים־זלמן נישט, דער אורח איז זיינער.

נאָך הבדלה הויבט ר׳ לוי־יצחק אָן שרייען:

— אוי, ס׳האַרץ ברענט מיר!

גיט׳ן אים כל־ערליי געטראַנקען, איינגעמאַכצן, צו שטילן ס׳ברע־נעניש און ר׳ לוי־יצחק שרייט אַלץ:

— אוי, ס׳האַרץ ברענט מיר!

ווילן שוין שיקן נאָך אַ דאָקטער. לאָזט ר׳ לוי־יצחק נישט, הייסט זיך געבן אַ גמרא סוכה און זעצט זיך אַוועק אויף אַ גאַנצע נאַכט לערנען.

פאַרטאָג גייט אַריין ר׳ אפרים־זלמן געוואויר ווערן דעם אורח.

— נו, וואָס מאַכט איר? — פרעגט ער אים.

— ברוך־השם, — ענטפערט ר׳ לוי־יצחק — ס׳האַרץ איז מיר גע־קילט, כ׳האָב נאָך אַכט בלאַט צו מסיים זיין מסכת סוכה...

❦

1005

ר׳ יצחק־אלחנן און ר׳ ברוך־מרדכי זיינען ביידע געווען וואָוילע איידימס אין וואָלקאָוויסק, געגעסן קעסט און געזעסן אין בית־מדרש און געלערנט. ווי די טבע פון יונגעלייט, פלעגן זיי זיך פלייסן אין התמדה, איטלאַכער האָט געוואָלט אַריבעריאָגן דעם אַנדערן, זיין אַ גרע־סערער מתמיד.

ערב־יום־כפור האָט ר׳ ברוך־מרדכי, וואָס איז געווען אַ רייכערער איידים ווי ר׳ יצחק־אלחנן, באַפוילן ביים שווער אין שטוב, אַז מוצאי־יום־כפור, בעת מ׳גייט פון שול, זאָל פאַר אים שטיין גרייט ס׳גאַנצע עסן אַפן טיש, ער זאָל קיין איבעריקע מינוט נישט דאַרפן וואַרטן.

מוצאי־יום־כפור, תיכף נאָך קידוש־לבנה, איז ר׳ ברוך־מרדכי אַוועק־געלאָפן אַהיים. אַפן טיש איז שוין געשטאַנען גרייט פאַר אים ס׳גאַנצע עסן. ר׳ ברוך־מרדכי האָט אין גרוים איילעניש אַנגעביסן און איז אַוועק־געלאָפן צוריק אין בית־מדרש.

ער קומט אַריין — ר׳ יצחק־אלחנן זיצט שוין און לערנט געשמאַק און פאַרקלינגט דעם בית־מדרש. בלייבט ער שטיין פאַר׳חידוש׳ט.

— ווי — פרעגט ער ר׳ יצחק־אלחנענ׳ען — האָסטו שוין באַוויזן אָפּ־צופאַסטן און קומען צוריק אין בית־מדרש?

— ניין, — מאַכט ר׳ יצחק־אלחנן. — כ׳האָב געוואוסט, אַז דו ביזט אַ בריה אין דעם ענין, בין איך גאָר אַהיים נישט געגאַנגען...